STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06273

FUN BREG TSU BREG

Isaac Bloom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג
1919

Copyright, 1919
by
ISAAC BLOOM

S. Raskin

לייבעלע דרך־ארץ

פאר לייבעלע דרך ארץ האבען אלע אין שטעדטעל מורא, אריינרעכענענדיג דעם רב, און להבדיל דעם פריסטאוו פונ'ם שטעדטעל.

לייבעלע איז א פארשוין א קליינינקער, מיט א גראב, קיילעכדיג בייכעל, א פאר קורצע, דיקע הענט. קוקענדיג אויף זיין ניט דער־וואקסענעם קערפער, איז דאכט זיך, ניט פאראן פאר וועמען צו שרעקען זיך, האט ער אבער א קאפ דוקא ניט קיין קליינעם... פון שטענדיג רויטליכען פנים פינקלען ארויס א פאר קליינע, כיטרע אויגעלעך... אזוי, אז זיין גאנצער אויסזעהן דערצעהלט באלד, אז דאס איז ניט פון די מענשען וואס האבען ווען א מאל אין זייער לעבען געארבייט. אז דאס איז א ווינט־מענש, א מענש וואס געהט ארום אין גאס, און טוט קיין האנט אין קאלטע וואסער ניט אריין נאר ער ווארט, אז עפעס אן אומבאשטימטער צופאל זאל איהם צו־געשיקט ווערען, וואס זאל איהם געבען די מעגליכקייט זיין לייידיגען לעבען ווייטער פארטצוזעצען.

און אז מען זוכט, געפינט מען:

וואס עס איז שייך צו זיין פרנסה, שטעלט ער זיך פאר קיין זאך ניט אפ. איהר האט צום ביישפיעל א דיעלע און דארפט הא־בען אן עדות, פארשפארט איהר לאנג צו זוכען. איהר דארפט איהם נאר א פיפס טאן און לייבעל דרך ארץ שטעהט אייך שוין צו דינסט. איהר מוזט אבער זעהן, אז ער זאל צופרידען זיין... און עס נעהט שוין ביי איהם ווי געשמירט...

ווארום, פארשטעהט איהר מיך, לייבעל'ס קליינע אויגעלעך זעהען אלעס, מעג עס זיין מיילען ווייט פון איהם... ער ווייסט

עס שוין צו מאַכען אַזוי גלאַט, אַז עס זאָל אויסקומען ווי ער איז דערביי געשטאַנען, און האָט אַלעס געזעהן און געהערט... אויף דעם האָט ער אַ געשליפענעם צינגעל, וואָס רעדט רוסיש ווי אַ וואַסער...

כאָטש רעדען רעדט ער אַביסעל הייזעריגלעך, דאָך הערט מען איהם נאָך צופיעל... אויף דעם קענען עדות־זאָגען די בעלי־בתים מיט וועלכע ער קומט זיך אַ מאָל צוזאַמען אויף אַ שטאָדטישע אסיפה, ביים רב אין שטוב, אָדער אין בית־המדרש, און וואו אָן אסיפה דאָרט פעהלט לייבעלע קיינמאָל ניט אויס.

און כאָטש די געוואָלדען זיינען דאַמאָלס אַזוי גרויס, ווי מען קען זיך פאָרשטעלען אַ בעל־הבתישע קליינשטעדיגע אסיפה, הערט זיך לייבעלע'ס קול מעהר פון אַלעמען....

און מען מוז צוגעבען, אַז זיין שרייען איז קיינמאָל ניט אומזיסט. אויף דעם איז ער דאָך לייבעלע דרך־ארץ. זאָל מען איהם עפּעס ניט פאָלגען אין אַ כלל זאַך, אָדער אַזוי עפּעס ניט נוהג כבוד זיין און ער לערענט שוין מיט'ן עולם דרך ארץ אויף זיין שטייגער... ווייל ער איז באַקאַנט כמעט אין אַלע ווינקעלעך פון דער קהל'שער פאַרוואַלטונג, פאַר איהם זיינען אַלע טירען אָפען, פון דעם קלענסטען בעל־הבית ביז צום רב, וואו ער איז אַ גאַנצער מחותן. קומט ער אהין אריין איז מען איהם מכבד מיט אַ גלעזעל טיי און אנדערע גוטע זאַכען... ווייל דער רב ווייסט אַז עס איז גלייכער צו לעבען שלום מיט לייבעלען איידער מיט איהם זיך איינצורייסען...

דער זעלבער יחסן איז ער אויך ביים חזן, ביים שוחט, און נאָך מעהר, ביי דעם בעל־טאַקסע, וואָס האַלט די קאַראָבקע, און צאָלט אַ סך אַ גרעסערען פּרייז דער שטאָדט, ווי עס איז דער זאַקאָן פון דער גובערניע, און פאַרדינט נאָך אַליין אויך גאַנץ גוט...

און זאַקאָנעס דאַרף מען לייבעלע דרך־ארץ ניט לערנען... ער ווייסט זיי כמעט אין גאַנצען אויף אויסווענדיג... כאָטש ער איז קיינמאָל קיין אדוואָקאַט ניט געוועזן. נאָך מעהר: אַלע אדוואָקאַטען ליגען ביי איהם אונטער דער פּיאַטע... ווייל וואָס פאַר אַ ווערדע האָבען אָט די אַלע שרייבערלעך (ווי ער רופט זיי אָן) געגען די אַלע

נאַטשאַלסטוואַ, מיט וועלכע ער איז אַזוי גוט באַקאַנט, אָנהויבענ־דיג פון סאַטסקע, ביז צום סודיא. דער אוראַדניק איז ביי איהם אַ שפּיי... דער סאַטסקי האָט די זכיה אַז ער רעדט מיט איהם אויס אַ וואָרט... דער פּריסטאַוו ציטערט פאַר איהם... ער ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס ערוואַרטעט איהם, ווען ער זאָל זיך מיט איהם אָנהויבען... אָט האָט ער שוין איין מאָל געלערענט דרך־ארץ מיט אַ פּריסטאַוו, אַז אַ צווייטער וועט שוין פאַרזאָגען אַ צעהנטען צו פאַרטשעפּען זיך... אמת, ער האָט עס ניט געטאָן פון זיינעטוועגען אַזוי פיעל ווי פאַר טובת הכלל, פאַר'ן שטעדטעל, הייסט עס, דען וואָס האָט ער מ'שטיינס געזאָגט געהאַט דערפון, עטליכע לומפּיגע רובעל?... אָבער פאַרט אָנגעלערנט איהם...

די מעשה איז אַ גאַנץ קורצע:

אָנגעקומען אין שטעדטעל אַ נייער פּריסטאַוו, אַ שלעכטער, אַ כלב. געגומען אָנמאַכען צרות אין שטעדטעל, געמאַכט אַקטען, געזוכט בראָנפען, זיך צוגעקוקט צו די בילעטען. מיט איין וואָרט, געררוקט די נאָז אין אַזעלכע ערטער וואו מען דאַרף ניט... דאָס שטעטעל געהט ארום פאַרטרויערט, און קען זיך קיין עצה ניט געבען, וואָס צו טאָן מיט אַזעלכען, ווי ווערט מען פּטור אָט פון דעם נייעם המן? רופט מען צוזאַמען צום רב בעלי־בתים, מען מאַכט אַן אסיפה, מען שרייט, מען ליאַרעמט, יעדערער גיט זיך אויף זיין פּלאַן. זאָגט איינער מען זאָל אונטערשרייבען פּאַדפּיסען און עס אָפּשיקען אין אויעזד צום איספּראַווניק, אַז מען וויל איהם ניט האָבען דאָ. שרייט דער אַנדערער, ניין! עס טויג ניט, וואָס הייסט איהר ווילט איהם ניט האָבען דאָ? וועט מען אייך דען פאָלגען? לאַכט זיך אַ דריטער אוים פון אַלעמענס פּלענער און ווייזט אויף, אַז דאָס קען נאָך ערגער מאַכען... די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, מען זאָל איהם אריינוואַרפען עטליכע רובעל, און פאַרשטעקען איהם דעם האלז...

זיצט לייבעלע דרך־ארץ און הערט זיך צו און שמייכעלט...

מיט אַמאָל גיט ער זיך אַ הויב. און אויף זיין געוועהנליכען הייזעריגען קול גיט ער אַ געשריי: איהר וועט אַזוי אָפּזיצען אַ גאַנצע נאַכט און גאָרניט אויסקלערען! איך גיב ניט אַ גראָשען

פאר אייערע אלע חקירות, אהן מיר וועט איהר גארניט אויפ־טאן...

איהר ווילט פון איהם ארויסקריכען? גוט! וואס האט ביי מיר א ווערדע א פריסטאוו ארונטער צעווארפען? אפילו אין טורמע אריינצופאקען?. נאר גיט אידעלעך די מזומנים; מען קען דאך מיט ליידיגע הענט גאר ניט אויפטאן! אט דארף מען פאהרען, געהן ערגעץ, טאן עפעס, און דאס אלעם קאסט געלט...

היינט פארגעסט ניט, אז לייבעלע דרך־ארץ איז ניט אליין... ער האט צו זיך א גאנצע חברה וואס העלפען איהם ארויס אין אלע זיינע נויטען... געוועהנליך זיינען זיי נאר די ווערקצייג אין זיינע הענט, און ער איז דער קאפ ביי זיי... אבער קיינער וויל ניט אר־בייטען אומזיסט... אומזיסט טרינקט מען וואסער, זאגען זיי, און כאטש ער גיט זיי אויך ניט מעהר ווי וואסער... קאסט איהם אבער דאס וואסער געלט, ווייל דאס איז שטארקע... ביטערע... פון וועל־כע די קעפ ווערט זיי גלייך פארדרעהט, אז זיי ווייסען ניט אויף וועלכער וועלט זיי זיינען... און ער טוט מיט זיי דאמאלס וואס ער וויל... און זיינע באפעהלען ווערען פון זיי אויסגעהערט און אויסגעפיהרט פינקטליך און גוט.

פארשטעהט זיך, אז אזא שטיקעל ארבייט ווי ארונטערוואר־פען א פריסטאוו קען מען מיט קיין קלייניגקייט ניט פטר'ן. עס דארף איהם קאסטען צוויי מאל אזוי פיעל שנאפס פאר דער חברה... פאפירען, שרייבערס, (ווייל כאטש ער איז אזא גרויסער בקי אין זאקאנעס קען ער אבער אליין ניט שרייבען) א. ז. וו.

און אז לייבעלע זאגט ארויס א פרייז גיט מען, דינגט מען זיך ניט, ער קען דאך ניט דערלעגען פון זיין קעשענע...

און וואס מיינט איהר, עס איז ניט ווערטה?

אויף מארגען ביינאכט זעהט מען איהם שוין זיצען אין בית־המדרש אונטערן אויוען צווישען זיין גאנצע סוויטע, און מען טוט שוין עפעס אויף... קיין זייטיגער מענש טאר דאמאלסט ניט צוקומען. אויף דעם שטעלט ער אוועק אן עקסטרא מאן אויף אפצוהיטען, אז קיין פרעמדער אויער זאל ניט אויפכאפען א ווארט פון זייערע פלענער וואס זיי האבען דא אפגעארבייט... געענדיגט די אסיפה,

צוגעהט מען זיך גלייך — אין רעסטאָראַציע אריין, דעם האַלז אַ ביסעל זיך דורכשווענקען, און עפּעס אין מויל צו כאַפּען.

אויף מאָרגען זעהט מען שוין לייבעלע דרך־ארץ אין אַ גאַנץ אנדערען אויסזעהן, אָנגעטאָן אין אַ שעהנעם פּאַלטאָ, מיט אַ פוטערנעם קאָלנער (וויגטער איז דאָס געווען), אַ פּאָר שעהנע אויס־געפּוצטע שטיוועל מיט קאַלאָשען, אַ ווייסען קאָלנער, מיט אַ קאָ־לירטען פּאַרדרעהטען שלייף, קומט ער ארויס אויפ'ן גאַס, זעצט זיך אויף אַ בריטשקע, און היידאַ! ער איז שוין ניט קיין היגער...

וואָס און וואו ער פאָהרט, ווייסט קיינער ניט. מען שטויסט זיך אָבער אָן, אַז דאָס פאָהרט ער אין דער גובערניע, ווייל מען קען שוין לייבעלען צו גוט, און מען ווייסט, אַז ער האָט פּיינט צו האַנד־לען אָט מיט די מוראשקעס... נאָר ער געהט גלייך צום קאָפּ.

עס געדויערט ניט לאַנג און לייבעלע דרך ארץ איז דאָ צוריק, אויסגעסטרויעט אין זיין יום־טוב'דיגען גאַנג. פרעגט מען איהם עפּעס ווייל ער ניט ענטפערען, נאָר ער זאָגט, מען וועט שוין זעהן פּאַרטיגערהייט וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן... און דערווייל וועט ער מוזען אזוי ארומגעהן מעשה בעל־הבית אַ שטיקעל צייט, ביז מען וועט אראָפּקומען פון אויבען נאָכזוכען...

אונטער דיזער צייט הערט לייבעלע ניט אויף ארומגעהן מיט זיין חברה און סוד'ן זיך... מען לויפט אום אהין און אהער, און מען קאָכט זיך, מען רעדט, מען זוכט עפּעס... פון איין רעסטאָראַציע ארויס, אין דער אַנדערער אריין...

אין אַ פּאָר וואָכען ארום הערט זיך פלוצלינג ווי גלעקלעך קלינגען, עס פאָהרט אָן פון אונטערן שטאָדט אַ קאַרעטע געשפּאַנט „נאַשפּיץ" שטעלט זיך אָפּ אין רעכטען מיטען מאַרק. דער עולם ווערט נייגעריג, מען שטופּט זיך, מען לויפט פון אַלע עקען, עס ווערט אַ רעש, אַ געפּילדער, קאָפּ אויף קאָפּ שטעהט מען און מען קוקט...

עס באַווייזט זיך די הויכע, שטאַלצע פיגור פון אַ טשינאָווניק, טראָגענדיג אַ רייך באַפּוצטען מונדיר, גרויסע מעשענע קנעפּ בליש־צען פון ווייטענס, און אַ פּאָר גאָלדענע פּאַגאָנעס גלענצענדע טראָגט ער.

דערשרעקט מען זיך אין שטעדטעל, מיינט מען אודאי, אז דאָס איז אַ גרויסער רעוויזאָר גאָר אומגעריכטערהייט אַראָפּגעקומען. און ווער עס האָט נאָר אַ קרעמעל נעהמט לויפען אויפראַמען... דאַמאָלס קומט לייבעלע דרך־ארץ ארוים אין גאַס קאָלטבלוטיג, ווי ניט איהם מיינט מען דאָס, און באַרוהיגט אַלעמען אז עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו שרעקען זיך, אז דאָס איז געקומען איינער פון דער גובערניע עקסטראַ צו איהם... אַ ביסעל שפּעטער שטעהט שוין לייבעלע פאַר דער אַנדערער האַנט פון'ם גובערנאַטאָר, שטאָלץ און זיכער פּנים אל פּנים מיט'ן פּריסטאַוו און גיט אָפּ זיין דאָפּראָס, מאָלט, מאָלט, ווי פון אַ מיהל... און זיינע אַדיוטאַנטען העלפען איהם אונטער....

איז דאָס אמת, אז דו האָסט ביי איהם, ביי לייבעל מיכאַ־לאָווסקי גענומען כּאַבּאַר — גיט דער גרויסער אדון אַ פרעג ביים פּריסטאַוו ?

איך ? — ענטפערט דער פּריסטאַוו ציטערענדיג ווי אַ פיש, בלייך ווערענדיג, — איך גענומען געלט ! ביי איהם, ביי לייבלען ? איך האָב איהם אַפילו קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן, איך זעה איהם איצט דאָס ערשטע מאָל. איך קען שווערען.

עס איז אַ ליגען — שפּרינגט אויף לייבעלע אַ צעקאָכטער, קו־קענדיג דעם פּריסטאַוו גלייך אין די אויגען אריין. — דערקענסט מיר שוין ניט, אַ ? דאַרטען אין פּאָדוואָר ביי דיר, געדענקסט ? הונדערט קערבלעך גענומען פון האַנט ארוים, איך קען עס באַווייזען איך האָב עדות וואָס זיינען דערביי געשטאַנען, ווען איך האָב דיר דאָס געלט געגעבען, אָט זיינען זיי !

אַ פאַרשוועררונג ! — פּלאַצט ארוים דער פּריסטאַוו מיט גאַל...

געזעהן ? — גיט אַ פרעג דער גרויסער הער ביי די עדות.

איינער : געזעהן.

דער צווייטער : געזעהן.

דער דריטער : געזעהן, א. ז. וו.

זשיד ! — רייסט זיך ארוים מיט כעס ביים פּריסטאַוו צווי־שען די ציינער...

און מיט דעם ווערט דער פאַרהער געענדיגט.

ווי אַן אָפּגעשמיסענער, מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, און אונטערגעהאַקטע פּיס, פאַרלאָזט דעם פּריסטאַוו דעם פּלאַץ, שטיל, ווי אַ גנב רוקט ער זיך אַרויס, קיינער זאָל זיין וועהטאָג, זיין שאַנדע ניט באַמערקען, ער פיהלט אַז זיין קאַריערע איז נעענדיגט.

און לייבעלע טריאומפירט! עס טוט איהם אין האַרצען שטאַרק הנאה אויפ'ן פּריסטאַוו'ס מפּלה... ער ווייסט, אַז ער וועט ערשט ווערען אין שטעדטעל חשוב'ער ווי געוועזן, אַז זיין גלענצענ־דער זיעג וועט פאַר איהם עפענען נייע טירען, נייע קוועלען וואו צו שעפּען זיין פּרנסה... און דאָס שטעדטעל וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוזען איינזעהן, אַז ער, לייבעלע איז ניט אַבי ווער, אַז מיט איהם שפּיעלט מען זיך ניט... אַז דרך־ארץ מוז מען האָבען פאַר לייבעלע דרך ארץ!...

שלמה העכט

שלמה העכט ! אזוי האָט מען איהם גערופען אין שטעדטעל, כאָטש דעם אמת גערעדט פלעגט קיין פיש צו שלמה'ן אין הויז ניט אריינקומען. פיש, פלעגט שלמה טענה'ן, איז אַ מאכל פאר גבירים. מיר, קבצנים, טאָרען זיך אַזאַ תענוג ניט פאַרגינען.

וואָס איז שייך צו העכט, געדענקט ניט שלמה די צייט, ער זאָל האָבען ווען אַמאָל דעם טעם דערפון פאַרזוכט. ער געדענקט אפילו יאָ, אַז ער האָט אַמאָל געגעסען פיש, אויף אַ חתונה, וואו ער איז געווען געבעטען, ביי אַ באַקאַנטען, ער ווייסט אָבער עד היום ניט, וואָס פאַר אַ סאָרט פיש דאָס איז געווען... פיש איז פיש, ווייטער פרעגט איהם אַ גרינגערע זאַך... ס'לוינט זיך ניט צו ברעכען דעם מוח איבער זאַכען, וואָס זיינען ניט שייך צו איהם...

איינס פלעגט אָבער שלמה צוגעבען, אַז פיש איז ניט קיין שלעכטער ביסען... און דוקא אַזוינע ווי ער האָט געגעסען ביי זיין פריינד אויף דער חתונה, אָבער ניט אַזעלכע ווי למשל, זיין מאַמע עליה־השלום פלעגט קאָכען, אַזעלכע וואָלט ער נאָך היינט אויך אין מויל ניט גענומען...

ער געדענקט — דערצעהלט ער — וואָס פאַר אַן אַפּשניט ער האָט אַ מאָל געהאַט פון פיש.

אַ פרייטאָג איז דאָס געווען: זיין מאַמען האָט זיך דאַמאָלסט פאַרגלוסט צו קאָכען פיש אויף שבת. אַוועק אין מאַרק אריין, איינ־געהאַנדעלט קליינע פישלעך; ווי איהם חלום'ט זיך האָט עס די מאַמע זיינע גערופען פלאָטקעלעך, ארויפגעלעגט זיי אויפ'ן ברעטעל צוהאַקט, אָפּגעקאָכט, און פרייטאָג צו־נאַכט זיי דערלאַנגט צום טיש.

אַ גדולה איז דאַמאָלסט געוואָרען צווישען די קליינוואַרג. פיש!

פיש! האָט מען געשריען פון אַלע זייטען. און ווי די היישעריקען באַפאַלען די שיסעל מיט די מאַמעס גאָפּלען... געוועהנליך האָט ער אויך ניט געשוויגען, און אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָר שטיקלעך פאַר זיך... האסטיג כאַפּט ער דאָס אַריין אין מויל, נעהמט עס קייען, עס געהט ניט, ס'קנאַקט צווישען די ציינער, פאַרטשעפּעט זיך אַרום גומען, און קאַליעטשעט איהם ביז בלוט... מיט אַ מאָל, ער וויל כאַפּען דעם אָטעם — ער קען ניט; אַ ביין האָט זיך איהם אָוועקגעשטעלט אין האַלז, ניט אַראָפּצושלינגען, ניט אויסצושפּייען, כאָטש נעהם און דערוואַרג זיך... גרין און געל איז ער דאַמאָלסט געוואָרען. ווי אַ שלאַנג האָט ער זיך גענומען וואַרפען און צאַפּלען, ניט קענענדיג אויסרעדען אַ וואָרט. די מאַמע האָט עס באַמערקט, איז זי צו איהם צוגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, מיט אַ גע־וואַלד: מיין קינד, וואָס איז דיר! אַ ביין! אַ בראָך צו דער מאַמען! אין שטוב איז געוואָרען אַ געוויין, אַ יללה. שכנים זיינען זיך צוזאַ־מענגעלאָפען, ווי ביהגען זיינען זיי איהם באַפאַלען... גענומען קלאַ־פּען איהם איבער'ן קאָפּ, אין פּלייצע, אויפ'ן קאַרק, אַזוי ווי אין אַ באַראַבאַן האָט מען אין איהם געקלאַפּט... און נאָר אַ נס האָט געמוזט געשעהן, וואָס ער איז פון זייערע הענט אַ לעבעדיגער אַרויס... ערשט נאָכדעם ווי מען האָט אין איהם אַריינגעכלאָפּעט אפשר אַן עמער מיט וואַסער, איז דאָס ביינדעל בשלום אַראָפּ...

פון דאַן אָן האָט ער זיך כמעט ווי אַ נדר געטאָן, ער זאָל מעהר אַזעלכע פיש ניט עסען. דער בעסטער פאַרשפּייז פאַר אַן אָרימאַן, פלעגט ער טענה'ען, איז רעטעך מיט ציבעלע. דאָס איז זעהר אַ וואוילער מאכל, מיט מעהר האָפנונג ניט צו דערשטיקט ווערען... זעהט איהר, ווען גאָט העלפט, מען איז אַ נגיד, און מען קען זיך פאַרגינען צו עסען אַזעלכע פיש ווי אויף אַ חתונה, איז שוין עפּעס אַנדערש...

איינמאָל האָט איהם טאַקע גאָט געהאָלפען. דאָס הייסט, קיין נגיד איז שלמה ניט געוואָרען; דערפאַר אָבער איז איהם צו־געשיקט געוואָרען גוטע פיש אויף שבת. אָבער ווי פיש, פון פישע־לאַנד... אַז דאָס גאַנצע שטעדטעל איז שיער ניט צעפּלאַצט געוואָ־רען פון קנאה...

די מעשה דערפון איז אזוי געווען:

איינמאָל ווען שלמה האָט זיך אזוי ארומגעשפּאַצירט אַ פריי־טאָג בייטאָג אין מארק צווישען די וועגענער און געזוכט עפּעס אַ בעל־הבתי׳שען רעטעך אויף שבת—קומט איהם אנטקעגען נאָטקע דער פלעטער (ראַפּלער), טראָגענדיג אויפ׳ן האַנט אַ ברעטעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען אַ פריש־צאַפּעלדיגער פיש, אָט נאָר וואָס פון וואַסער ארויס.

— ווילסט — זאָגט ער צו שלמה׳ן — עסען גוטע פיש אויף שבת? פאָלג מיך און שטעל אַ פלעט, ס׳קאָסט אינגאַנצען דריי קאָפּיקעס. פּרוביר מזל, גלויב מיר, ס׳וועט מיר אליין אויך הנאה טאָן אַז דו וועסט געווינען. פאַר וואָס ווידער ניט, זאָל אַן אָרי־מאַן אויך אַמאָל וויסען פון אַן עונג שבת.

— כ׳וויים? — פּרובירט זיך שלמה ארויסדרעהען — ס׳איז ארויסגעוואָרפען, מיר קבצנים האָבען ניט קיין מזל צו אַ גוטען ביסען...

— עט! רעד ניט קיין נארישקייטען — פרובירט איהם נאָטקע איבעררעדען — ווען ס׳האָלט ביים שפּיעלען קען אַמאָל אַן אָרימאַן אויך געווינען. ביי גאָט, פאַרשטעהסטו מיך, זיינען אַלע גלייך און די נומערען זיינען אויך אַלע גלייך... ביי שפּיעלען אַ לאָטערי אָדער עפּעס אַנדערש, איז קיין שום קונצען ניטאָ; היינט געווינט דער, מאָרגען יענער. וואו עס האַלט ביי געשעפט, זעהסטו דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש... צו דעם מוז מען שוין האָבען אַ סך געלט, אָבער דאָ סך־הכל דריי קאָפּיקעס, פאַרוואָס זאָל אַן אָרימאַן ניט פּרובירען זיין מזל? נו!

— אפשר זאָל זיין ווי דו זאָגסט — האָט איהם שוין שלמה געענטפערט ווייכער, און אריינלייגענדיג די האַנט אין קעשענע, האָט ער פון דאָרטען ארויסגענומען דריי קאָפּיקעס און דערלאַנגט נאָטקען.

— זאָל זיין מיט מזל — האָט איהם נאָטקע צוגעוואונשען.

אַ ביסעל שפּעטער האָט שוין איבער׳ן שטעדטעל געקלונגען מיט דער נייעס, אַז שלמה האָט געוואונען.

וואָס געוואונען ? האָט איינער געפרעגט ביים צווייטען זיך וואונדערענדיג.

— דעם העכט — האָט דער צווייטער געענטפערט לאַכענדיג.

און שלמה איז מיט אַמאָל געוואָרען דער העלד פון טאָג. אַ גאַנצען שבת האָט מען ניט אויפגעהערט רעדען אין שוהל און אין בית המדרש וועגען שלמה'ס געווינס. און שלמה איז געווען אויסער זיך פון פרייד, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם דאָך אַמאָל גע-האָלפען מיט אַ שטיקעל געווינס.

ער האָט דערפיהלט אין הארצען אַ מין ווארעמקייט ביי דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט זיך אין איהם אַ מאָל דערמאָנט...

און שלמה האָט גענומען האָפען, אַז פון היינט אָן וועט זיין מזל דערהויבען ווערען און דאָס שטעדטעל וועט זיך מעהר אַרומ-קוקען אויף איהם.

ניט לאַנג אָבער איז דאָס מזל פאַרבליבען ביי שלמה'ן צוגאַסט. ער איז רייכער ניט געוואָרען.

פון זיין געווינס איז איהם נאָר געבליבען דער נאָמען. וואו ער האָט זיך נאָר באַוויזען, האָבען זיך געיאָוועט חברה קליינ-ווארג און געשריען: שלמה העכט ! שלמה העכט ! —

בערל שוסטער

שוין פון א לענגערע צייט אז בערל, דער שוסטער פונ'ם שטעד־טעל, א בחור פון א יאָהר 24, איז ארומגעגאנגען ווי פארטראכט און צו קיין איינציגען פון זיינע געזעלען א וואָרט ניט אויסגערעדט. די פרעהליכקייט, די לעבעדיגע געזאנגען, ווי ליעדער, חזן'ישע שטיק, וואָס פלעגען טאָג און נאכט געזונגען ווערען פון איהם מיט זיינע ארבייטער לעבען ווארשטאט, ביי דער ארבייט, האָט מיט איין מאָל אויפגעהערט, און שטונדען לאנג פלעגט ער אָפּזיצען אויפ'ן קליינעם נידריגען בענקעל, דעם קאָפּ איינגעגראָבען טיעף אין דער ארבייט, קלאָפּען מיט'ן האמער און קלאָפּען אָהן א באוואוסטען ציעל און גאנג... און ניט אפילו א ברום טאָן איינע פון זיינע האר־ציגע ליעדעלעך, ווי ער איז תמיד געוואוינט געוועזן און וועלכע ער האָט אזוי געליעבט.

די ארבייטער, זעהענדיג, אז זייער בעל הבית האָט זיך אזוי געענדערט, האָבען אָהן איהם דעם גאנצען מוט פארלאָרען און אויך שטיל געשוויגען... אויסער דעם קלאָפּען מיט'ן האמער און דאָס מע־כאנישע באוועגען פון די הענט האָט זיך ניט געהערט, און א דריי־קענדער אומעט האָט ארום ווארשטאט און אין הויז ארומגעשוועבט.

נאָר פון צייט צו צייט, פלעגט די שטילקייט איבערגעריסען ווערען פון א שטילען זיפץ וואָס האָט זיך ניט־ווילענדיג ארויס־געריסען פון בערל'ס הארץ. ער פלעגט דאַן ווארפען א שטומען פארשעהמטען בליק צו זיינע געזעלען, ווי ער וואָלט זיך וועלען אי־בערציינען צו זיי האָבען איהם ניט געהערט און שווייגענדיג גלייך צוריק ארונטערלאָזען די אויגען צו דער ארבייט.

אָפטמאָל פלעגט ער ווערען אזוי אומגעדולדיג און צעטראָגען און באקומען אזא משונה'דיגען פארכמורעטען אויסזעהן, אז די

ארבייטער, וועלכע זיינען איהם שטענדיג געוואוינט געווען צו זעהן מיט א פרעהליכען, פריינדליכען געזיכט און מיט א גוטמוטיגען שמייכעל אויף די ליפען, האבען זיך דערשראקען פאר זיינע בייזע, שטרענגע מרה־שחורה'דיגע בליקען און פלעגען אויף איהם קוקען ווי ער וואלט נאר פלוצים פון זינען ארונטער און שטילערהייט געהויבען מיט די אקסלען פון פארוואונדערונג, ווי זיי וואלטען זאגען: מיט אונזער בעל־הבית איז עפעס ניט גלאט.

פרעגען איהם אבער האבען זיי מורא געהאט ער זאל א מאל ניט אויסלאזען צו זיי זיין פארביטערט הארץ. הינטען ארום האבען זיי געלאכט און האבען זיך לוסטיג געמאכט איבער זייער בעל־הבית האנדלונג און באנעהמונג די לעצטע צייט, און געווארט ווען זיי וועלען אלץ געוואר ווערען, נאר דערוויי'ל האבען זיי זיך געבראכען דעם קאפ און געפרופט טרעפען דעם רעטעניש וואס עס זאל באדייטען זייער בעל הבית פלוצלינגע איבערקערעניש.

„צום שווארץ יאהר, ניט אנדערש ער איז פארליעבט", האט זיך איינער פון די געזעלען, וואס האט זיך געהאלטען פאר א גרויסען חכם מיט א שארפען בליק, — געפרופט געבען זיין מיינונג און אלע איבריגע געזעלען האבען מיט איהם איינגעשטימט: פארליעבט, פארליעבט... און טאקע באלד אויפ'ן ארט פארפאסט וועגען דעם א ליעדעלע וואס זיי פלעגען דאס זינגען בעת זייער בעל הבית בערל איז אין הויז ניט געווען:

אונזער בעל־הבית איז פארליעבט,
דערפאר איז זיין הארץ אזוי באטריבט
פארליעבט איז אונזער בעל־הבית,
נאר דאס מיידעל איז קאלט ווי אייז...

און ווירקליך זיי האבען געטראפען. זינד חיהביילע, משה דעם מעהל שענקערס טאכטער, האט אריינגעשטעלט א פוס צו איהם אין הויז, קומענדיג זיך ביי איהם באשטעלען א פאר שיך, האט זי איהם גלייך צוגעצויגען ווי א מאגנעט און ער האט שוין אזוי גיך פון איהר די אויגען ניט געקענט ארונטערנעהמען, נעהמענדיג איהר א מאס אויף די שיך האט ער זי איינפאך שיער ניט פארמאטערט, דרעהענדיג איהר דעם פוס אהער און אהין; אויספרע־

גענדיג פאַרשידענע קשיות וואָס זיינען שייך צו די פּאָר; אויס־רעכענענדיג פאַר איהר אַלע נייע מאָדעס וואָס ער האָט טאַקע אָט דאָ ניט לאַנג אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָדט. אפשר אַ שעה מיט אַ האַלב האָט ער איהר אָפּגעהאַלטען. וואַרפענדיג זיך פון אַלע זייטען לעבען איהרע פיס און באַשיטענדיג איהר אַלע ווייַלע מיט נייע פראַגען, אַבי עס זאָל וואָס מעהר צייט פאַרנעהמען און זי זאָל אַזוי גיך ניט אַוועקגעהן...

און ווען עס איז שוין געקומען די צייט, אַז זי האָט שוין באַ־דאַרפט אַוועקגעהן, האָט ער געפיהלט ווי ביי איהם אין האַרצען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסען, ניט קענענדיג זיך אַליין אָפּגעבען קיין רעכענונג פאַר וואָס דאָס איז. קאַרג שעהנע מיידלעך איז איהם שוין אויסגעקומען צו זעהן און אַ מאָס נעהמען, פון דעסטוועגען האָט ער קיין מאָל ניט געדענקט וועגען זיי.

כמעט טאָג טעגליך האָט ער זי דורך זיין לערען־אינגעל גע־שיקט רופען מיט פאַרשידענע תירוצים... היינט למשל, האָט ער איהר דערצעהלט אַז עס איז איהם אָנגעקומען נייע, פרישע לעדער פון װ.... ווי עס פּאַסט טאַקע נאָר פאַר אַזאַ בעל הבתיש מיידעל ווי זי איז, וואָס קען ניט פאַרטראָגען אַזעלכע גראָבע לעדער אויף איהרע עדעלע, דעליקאַטנע פיס, אַזוי ווי אַנדערע מיידלעך, וואָס ביי זיי מאַכט ניט קיין אונטערשיד, גראָבע צו דינע.

זי האָט דערביי אַ צופרידענעם שמייכעל געטאָן און געענט־פערט: גוט בערל, איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצען אויף אייך, כ'ווייס איהר זייט אַן אָרענטליכער מאַן, איהר וועט מיך ניט נאַרען... ער האָט בשעת מעשה אין האַרצען שטאַרק אָנגעקוואָלען פאַר גרויס נחת, וואָס זי רעדט צו איהם אַזוי פריינדליך און האָט צו איהם אַזאַ גרויסען צוטרוי.

קוים איז זי נאָר אַוועקגעגאַנגען איז ער ווידער אומעטיג גע־וואָרען, און עפּעס אַ בענקשאַפט האָט איהם אין האַרצען גענאָגט און געצויגען צו איהר. און געפיהלט האָט ער נאָר איין פאַרלאַנג איהר ווידער צו זעהן...

דערלעבט קוים דעם מאָרגען, האָט ער איהר ווידער געשיקט רופען, און זיך אפשר צעהנדליגע מאָל ענטשולדיגט פאַר איהר, וואָס

ער האָט איהר באַמיהט, איהר, אַזאַ בעל הבתיש קינד, וואָס איז ניט געוואוינט קיין איבריגען טראָט אין גאַס צו טאָן... נאָר איהר מעגט מיר גלויבען, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז איך בין נאָר אויסען אייער טובה. איך מיין נאָר דאָס בעסטע וואָס זאָל פאַר אייך שעהנער און בעסער און וויגאָרדנער זיין... אָבער מעהר ווי דאָס איינע מאָל וועל איך אייך שוין ניט באַמיהען. איך האָב אייך נאָר געוואָלט פרעגען, ווי האָט איהר ליעב: נידריגע אָדער הויכע אפּצאַסען?

אָבער זאָל שוין זיין געננוג אַזוי פיעל מאָל מיך שיקען רופען, האָט זי איהם שוין געענטפערט פאַרדריסליך, וויפיעל מאָל איז דער שיעור מיר צו פאַרדרולען דעם קאָפּ מיט די שיך? מאַכט ווי איהר ווילט, נאָר עס זאָל שוין זיין גענוג!...

נאָך אַזאַ ענטפער האָט זיך בערל דערפיהלט ווי מען וואָלט איהם פּלוצלינג מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער אָפּגעגאָסען און אַ לענגערע צייט, נאָך איהר אַוועקגאַנג האָט ער ניט געקענט צו זיך קומען, און אַוועקזעצענדיג זיך צוריק ביים וואַרשטאַט האָט ער דעם גאַנצען כעס אויסגעלאָזט צו דער אַרבייט... צורייצט און פאַרביטערט האָט ער געקלאַפּט איין טשוועקעל נאָכ'ן אַנדערען ניט טרעפענדיג איין מאָל אין ציעל און זיי אויף צווייען איבערגעבראָכען.

די אַרבייט האָט ער מעהר ניט אין זינען געהאַט, זיין גאַנצער געדאַנק איז נאָר געווען פאַרנומען מיט איהר, און איין בילד נאָכ'ן אַנדערען האָט זיך אין זיין מוח געפּלאָנטערט...

אָט, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווי ער ענדיגט שוין איהרע שיך, ער וועט זיי איהר באַלד אַוועקטראָגען... נאָך אַ מאָל וועט זי צו איהם רעדען און ער וועט איהר די שיך צום לעצטען מאָל אָנמעסטען... נאָך איין מאָל וועט ער אין זיין האַנט האַלטען איהר ציטריג־דינגעם, דעליקאַטנעם פוס... און גלעטען איהר איבער דעם עדעלען קנאָפּעל און דאַן איז אַלעס פאַרביי... מעהר, ווער ווייסט? פּילייכט שוין קיינמאָל ניט. דען ווי קומט ער, בערל דער שוסטער, צו דער שעהנער, רייכער, שטאָלצער מיידעל וואָס איז ניט גלייך צו אַנדערע מיידלעך?... אַנדערע מיידלעך, ניט אַזעלכע בעל הבתישע ווי זי, ווייסט ער, וואָלטען זיך ווינשען איהם פאַר אַ חתן צו קריי־

גען. זיי וואָלטען איהם נאָך צוגעצאָלט א היבשע מטבע, אָבער ער שטעהט ניט אין זיי, און דוקא צו איהר, ווייל ער קען צו איהר ניט צוקומען, ציהט איהם אזוי זיין הארץ און ער האָט איהר אזוי ליעב, אזוי ליעב...

די צייט איז נעקומען, די שיך זיינען פארטיג געוואָרען און בערל, פארסטרויענדיג זיך אין זיין שבת'דיגען „גאנג", איז מיט א קלאַפּענדען הארצען אוועק די שיך איהר אָפּצוטראָגען... און גוט, „אויסגעצייכענט" ! האָט זי איהם געמאַכט א קאָמפּלימענט פון וועלכען ביי בערלען האָבען די אויגען פון פרייד אויפגעפלאַמט. נאָר ווען עס איז געקומען צום געצאָלט און זי האָט איהם דערלאַנגט די געלט אין האנט אריין, באַמערקענדיג: נאָט אייך, בערל, א צולאָג „אויף ביער", איהר זייט ווערטה, איהר זייט א גוטער בעל־מלאכה, נאָר עס נעדויערט ביי אייך א ביסעל צו לאַנג"... דאַמאָלס האָט זיין האנט ווי א ציטער געטאָן און אין די אויגען ביי איהם האָבען זיך טרערען באַוויזען, און געהענדיג צוריק, א פארקלעמטער מיט א צובראָכענעם הארצען האָט ער אויפ'ן וועג שטילערהייט צו זיך אליין געמורמעלט : אַי, א וואוילע מיידעל ! פּאַרט א בעל הבתיש קינד, טאַקע נאָר ניט גלייך צו אלע אנדערע מיידלעך...

. . . .

און אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביי בערלען אין הויז גע־קערט וועלטען, חברה „געזעלען" האָבען שוין אלעם געוואוסט און אויף זייער בעל הבית רעכענונג זיך פרעהליך און לוסטיג גע־מאַכט, זינגענדיג אלע צוזאַמען אין איין כאָר דאָס אלטע באַקאַנטע איינען־פארפאַסטע ליעדעלע נאָר א ביסעל איבערגעאַנדערשט :

אונזער בעל הבית איז פארליעבט,
דערפאַר געהט ער ארום אזוי באַטריבט
פארליעבט איז אונזער בעל הבית,
נאָר דעם מעהל־שענקערס מיידעל
איז צו איהם קאַלט ווי אייז...

לייזער בדחן

מען פלעגט איהם רופען ביי אונז אין שטעדטעל לייזער בדחן, כאָטש ער איז שוין לאנג, זעהר לאַנג קיין בדחן ניט. נאָר דאָך איז איהם דער איבערגעבליבענער נאָמען זעהר טייער: דאָס דער־מאָנט איהם אין דער לאַנג פארגאַנגענער צייט.

ווען ער פלעגט קומען אויף א חתונה, פלעגט די גאַנצע חתונה לעבעדיג ווערען. זיין גוט מאָרגען אָפזינגען, זיינע גראַמען ביים באַזינגען יעדען איינעם פון אויבען ביז אראָפּ פלעגט זיין א נחת צו הערען. יעדען איינעם פלעגט ער צוטרעפען, ווי ער וואָלט וויסען וואָס איינעם פעהלט. אלע פלעגען זיין צופרידען, סיי די מחותנים, סיי די געסט. קיינעם פלעגט ער ניט פארגעסען אויס־צורעכענען ביי די נעמען, אפילו קינדער. און דערפאַר איז ער געווען אזוי באַליעבט ביי יעדען, און ווען עס פלעגט זיך א מאָל מאכען א חתונה ווען ער, לייזער בדחן איז ניט געווען, איז עפּעס געווען אומעטיג. ווי גאָר ניט קיין חתונה.

אמייסטען פלעגט ער צייגען וואָס ער קען, ווען עס פלעגט קומען צו באַזעצען חתן כלה.

ער פלעגט דאַן אָנטאָן זיין פיער-עקעדיגע יאַרמולקע, פאַר־לייגען די הענט אויף דער ברוסט און נעהמען זאָגען גאַנץ שטיל. נאָכדעם העכער און העכער, ביז ער פלעגט זיך אין גאַנצען צעלאָזען מיט זיין באַסאָווער שטימע, אז מען פלעגט אזש פארציטערט ווערען.

טרויעריגע, האַרצרייסענדע טענער פלעגען זיך רייסען פון זיין ברוסט. מיט אזעלכע ווערטער, אז ניט ווילענדיג פלעגט זיין זינ־גען קענען רירען אפילו א שטיינערנע האַרץ. חתן־כלה און אלע צוזאַמען מיט זיי פלעגען פּשוט צוגאַנגען ווערען פון געוויין. ווער

שטועסט נאָך ווען דער חתן איז געווען א יתום, אָדער די כלה א יתומה, דאַן פלעגט שוין גאָר זיין — הימעל עפען זיך.

דערפאר אָבער, אז עס פלעגט קומען צום מאַלצייט און לייזער בדחן פלעגט נעהמען פראווען זיינע שטיק, פלעגט מען זיך האלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. אָט, צום ביישפיעל, פלעגט ער זיך פאר־שטעלען פאר א חסיד'ל אָדער גאָר פאר א קארגען בחור און דער־ביי זינגען אזעלכע לידעלעך, אז עס פלעגט צוגעהן אין יעדען אבר. הייגט זיין דרשה געשאַנק רופען! עפּעס פלעגט גאָר פאלען מעהר געלט ווען ער פלעגט רופען. עס פלעגט זיין א פארגעניגען צו הערען ווי ער פלעגט אויף א שניידער אָדער א שוסטער א געשריי טאָן: הגביר המפורסם מהו"ר ר' חיים, האָט געשענקט א רוד־בעל דרשה־געשאַנק! כאָטש אין האַנט פלעגט ער בלויז האלטען א ווייסען פערציגער... ער פלעגט אזוי קונציג אויסמישען דאָס געלט און אזוי א קלאַפּ טאָן דערמיט, אז מען פלעגט טאַקע מיינען, אז עס איז אזוי פיעל ווי ער זאָגט... דערפאר, אז לייזער בדחן פלעגט אוועקשטעלען א טעלער פלעגט זיך שיטען געלט פון אלע זייטען, און ער פלעגט אָפּלעקען א גוט ביינדעל.

לאַנג, לאַנג וואָלט לייזער נאָך געלעבט אזוי גליקליך און וואָלט נאָך געווען דער הויפּט העלד פון אלע חתונות, דאַרף זיך אָבער מאַכען א צופאַל וואָס האָט געענדיגט זיין גאַנצע קאַריערע. די מעשה איז אזוי געווען:

איינמאָל אין א דערבייאיגע שטעדטעל, אויף א חתונה, פאר־ליעבט ער זיך צום שווארץ יאָהר אין א מיידעל וואָס האָט איהם גלייך צוגעצויגען צו זיך ווי א מאַגנעט, און זיין האַרץ ווערט צע־בראָכען. ער קען זיך אפילו אליין קיין רעכענונג ניט אָפּגעבען: סטיימש ער, לייזער בדחן, א טאַטע פון פיער קינדער וואָס האָט שוין אין זיין לעבען געזעהן אזוי פיעל שעהנע מיידלעך און קיין מאָל גאָר ניט געדענקט וועגען זיי!...

און ווען ער דערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע אין א באַזונדע־רען ווינקעל ערגעץ אין דרויסען און צוקושט זיך מיט איהר, דאַרף זיך פּונקט מאַכען דאָס אַן עלטערע אידענע דערזעהט דאָס און צעפּויקט דאָס באַלד אויף דער חתונה. עס ווערט א געוואַלד, א

נעטומעל, אַז לייזער ברחן, אַ טאַטע פון פיער קינדער פאַרפיהרט יונגע מיידלעך, און מען נעהמט לויפען פון אַלע זייטען. ער רייסט זיך קוים ארויס און אנטלויפט צופוס אין זיין שטעדטעל. מען ווערט דאָרט אויך באַלד געוואָר און לייזער קריגט דאָרט נאָך אַ שעהנערען ברוך הבא.

פיעלע יאָהרען זיינען שוין פאַריבער זייט די געשיכטע. עס איז שוין לאַנג אַלעס פאַרגעסען געוואָרען, אָבער קיין בדחן איז שוין לייזער מעהר ניט. פון דאַן אָן האָט זיך געענדיגט זיין קאַריערע.

ער ערנעהרט זיך קוים פון האַנדלען מיט אַלטע זאַכען אויפ'ן דאָרף. נאָר פון צייט צו צייט, ווען לייזער בלייבט אַליין פאַר־זונקען אין זיינע געדאַנקען, דאַן קען מען הערען אַ שרעקליכען ברומען פול מיט האַרצרייסענדע טרויעריגע טענער פון אַ כלה, אַ יתומה באַזעצען, וואָס רייסען זיך ארויס פון זיין ברוסט. זיין פּנים ווערט בלאַס, באַדעקט מיט טיעפע קנייטשען, זיינע אויגען ווערען אַנגעפילט מיט טרערען.

ער זיפצט לייזער: צו אויף דעם וואָס ער מיט זיין פרוי מוזען היינט אָפטמאָל ליידען הונגער פאַר זיין אַלטע זינד. צו אויף זיין פאַרלאָרענע ליעבע, צו אויף זיין צעשלאָגענע קינסטלער קאַריערע, — ווער ווייס?

נאָך אַן עצה

א שלום עליכם אייך, ר׳ איד ! ווי איך פארשטעה זייט איהר דאָס דער אמעריקאַנער, איך מיין, ערשט אריבערגעקומען פון אמע־ריקא. צו אייך האָב איך זיך טאַקע געלאָזען געהן... אמעריקא לאָזט זיך דערקענען נאָך די בגדים... הײנט די משונה׳דיגע גע־שנורעוועטע שיך...

נו, גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפען דאָ, איך האָב אייך טאַקע צו פרעגען א פּאָר נויטיגע זאכען... דאריבער וואָלט איך אייך געבעטען איהר זאָלט זיך נעהמען א ביסעל צייט און מיך אויס־הערען, און נאָכדעם מיר ענטפערען באריכות.

וואָרום, פארשטעהט איהר מיך, דאָ איז דאָך ניט אמעריקא. דאָרטען—דערצעהלט מען — איז קיינמאָל קיין צייט ניטאָ. יעדער איינער איז פארהאָוועט, פארטאָן מיט זיך. טרעפען זיך צוויי באקאַנטע זאָגט איינער גוט מאָרגען, ענטפערט דער צווייטער גוט יאָהר. מען צוגעהט זיך און אראָפּ פון מארק. אזא יאָהר אויף מיינע שונאים וואָסער א לעבען דאָס איז ! מענשען זאָלען קיינמאָל קיין צייט ניט האָבען אויפצורעדען זיך... אז אסור אויב איך ווייס ווי מען לעבט אין אזא מדינה, איך שטעל זיך פאָר ווי איך וואָלט דאָרטען אויסגעוויזען...

אָט למשל בין איך א איד א שדכן, ווי מען רופט עס דאָרטען אויף אייער אמעריקאַנישען לשון ווייס איך ניט, מיין גאַנצע מלאכה באשטעהט נאָר אין רעדען און טאַקע א סך רעדען... רעדען צום חתן, צו דער כלה, צו די מחותנים, איהר ווייסט דאָך, רעדען שפּיעלט דאָך די ראָליע אין אונזער פאַך.

נעטומעל, אַז לייזער בדחן, אַ טאַטע פון פיער קינדער פאַרפיהרט יונגע מיידלעך, און מען נעהמט לויפען פון אַלע זייטען. ער רייסט זיך קוים ארויס און אַנטלויפט צופוס אין זיין שטעדטעל. מען ווערט דאָרט אויך באַלד געוואָר און לייזער קריגט דאָרט נאָך אַ שעהנערען ברוך הבא.

פיעלע יאָהרען זיינען שוין פאַריבער זייט די געשיכטע. עס איז שוין לאַנג אַלעס פאַרגעסען געוואָרען, אָבער קיין בדחן איז שוין לייזער מעהר ניט. פון דאַן אָן האָט זיך געענדיגט זיין קאַריערע.

ער ערנעהרט זיך קוים פון האַנדלען מיט אַלטע זאַכען אויפ'ן דאָרף. נאָר פון צייט צו צייט, ווען לייזער בלייבט אַליין פאַר־זונקען אין זיינע געדאַנקען, דאַן קען מען הערען אַ שרעקליכען ברומען פול מיט האַרצרייסענדע טרויעריגע טענער פון אַ כלה, אַ יתומה באַזעצען, וואָס רייסען זיך ארויס פון זיין ברוסט. זיין פּנים ווערט בלאַס, באַדעקט מיט טיעפע קנייטשען, זיינע אויגען ווערען אָנגעפילט מיט טרערען.

ער זיפצט לייזער: צו אויף דעם וואָס ער מיט זיין פּרוי מוזען היינט אָפּטמאָל ליידען הונגער פאַר זיין אַלטע זינד. צו אויף זיין פאַרלאָרענע ליעבע, צו אויף זיין צעשלאָגענע קינסטלער קאַריערע, **— ווער ווייס?**

נאָך אַן עצה

א שלום עליכם אייך, ר' איד! ווי איך פארשטעה זייט איהר דאָס דער אַמעריקאַנער, איך מיין, ערשט אריבערגעקומען פון אַמע־ריקא. צו אייך האָב איך זיך טאַקע געלאָזען געהן... אַמעריקא לאָזט זיך דערקענען נאָך די בגדים... היינט די משונה'דיגע גע־שנורעוועטע שיך...

נו, גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפען דאָ, איך האָב אייך טאַקע צו פרעגען אַ פּאָר נויטיגע זאַכען... דאריבער וואָלט איך אייך געבעטען איהר זאָלט זיך נעהמען אַ ביסעל צייט און מיך אויס־הערען, און נאָכדעם מיר ענטפערען באריכות.

וואָרום, פארשטעהט איהר מיך, דאָ איז דאָך ניט אַמעריקא. דאָרטען—דערצעהלט מען — איז קיינמאָל קיין צייט ניטאָ. יעדער איינער איז פארהאַוועט, פאַרטאָן מיט זיך. טרעפען זיך צוויי באַקאַנטע זאָגט איינער גוט מאָרגען, ענטפערט דער צווייטער גוט יאָהר. מען צוגעהט זיך און אראָפּ פון מארק. אזא יאָהר אויף מיינע שונאים וואָסער אַ לעבען דאָס איז! מענשען זאָלען קיינמאָל קיין צייט ניט האָבען אויפצורעדען זיך... אז אסור אויב איך ווייס ווי מען לעבט אין אזא מדינה, איך שטעל זיך פאָר ווי איך וואָלט דאָרטען אויסגעוויזען...

אָט למשל בין איך אַ איד אַ שדכן, ווי מען רופט עס דאָרטען אויף אייער אַמעריקאַנישען לשון ווייס איך ניט, מיין גאַנצע מלאכה באַשטעהט נאָר אין רעדען און טאַקע אַ סך רעדען... רעדען צום חתן, צו דער כלה, צו די מחותנים, איהר ווייסט דאָך, רעדען שפּיעלט דאָך די ראָליע אין אונזער פאַך.

כאַטש דעם אמת גערעדט, העלפט שוין אפילו קיין רעדען היינט אויך ניט... וועט איהר דאָך פרעגען: ווארום? וועל איך אייך עס שפּעטער ערקלערען.

אַמאָל אָבער האָט דאָס רעדען זעהר פיעל געהאָלפען... היינט געה, וויל איך זאָגען, פאָהר אריין אין אזא טייפלישע מדינה, וואו איידער מען עפענט אויף אַמויל, יענער אנטלויפט שוין... פע, בנאמנות! איך וואָלט אסור וועלען ווען פאָהרען אהין, דאָס הייסט ווען איך וואָלט געהאַט אַן אנדער ברירה, נאָר וואָס טוט מען ניט צוליעב קינדער?

וואָס פאר א קינדער פרעגט איהר? טאַקע מיינע צוויי מיידלעך, כאַשקעלע מיט שיינדעלען זאָלען געזונד און שטארק זיין. זיי זיינען דאָך אויך אין אמעריקא, אז איינגעזונקען האָט זי באדארפט ווערען איידער מען האָט איהר גאָר אויסגעפינען, ווען ניט די אמעריקא וואָלטען מיינע קינדער געווען היינט אין דער היים, און איך מיט מיין פיינע גנענדלען, מיין אידענע, מיין איך, וואָלטען דערלעבט א שטיקעל נחת, און אזוי מ'שטיינס געזאָגט געבליבען אליין, צוויי עלטערע מענשען עלענד ווי די שטיינער...

וועט איהר דאָך פרעגען ווי קומען זיי אהין? טאָ כאַפּט זשע ניט, האָט א ביסעל געדולד, איך וועל אייך אלץ דערצעהלען, איך האָב דאָך אייך פריהער געבעטען איהר זאָלט זיך ניט איילען... הערסטו! צוליעב זיי בין איך דאָך געקומען צו אייך אָפּנעהמען א גרוס, און זיך טאַקע האַלטען מיט אייך אַן עצה...

איהר ווילט וויסען די געשיכטע? הערט:

איינמאָל אין א שעהנעם פריה-מאָרגען קומען מיינע מיידלעך צו צו מיר און גיבען זיך א זאָג גאַנץ פּשוט: טאַטע, דו ווייסט, מיר פאָהרען דאָך קיין אמעריקא!

טויט נבהל בין איך געוואָרען! וואָס הייסט, טענה איך, איהר פאָהרט קיין אמעריקא, זייט איהר פון זינען ארונטער? און וואו בין איך! מיך פרעגט מען שוין גאָר ניט? וואָס בין איך קיין טאַטע ניט, וואָס?

ניט זיך איינע א זאָג, די עלטערע דוכט זיך, טאַטע, עס וועט דיר גאָר ניט העלפען, מיר פאָהרען, עס איז אונז ענג געוואָרען דאָ...

שטעל איך אוים אויף זיי א פּאָר אויגען און קוק זיי אָן און פארשטעה ניט וואָס זיי מיינען... טעג, איך שוין צו זיי מיט גוטען: „קינדער מיינע, וואָס פאלט אייך איין, ענג געוואָרען גאָר מיט אמאָל, נו איז וואָס, קען מען זיך קיין עצה ניט געבען? וועלען מיר דינגען א גרעסערע דירה, צוויי שטובען מיט א קאמער, אין דער פרעמד איז שוין בעסער, וואָס? מ'שטיינס געזאָגט ביי יענעם ווי רופט מען עם דאָרט? ווי זאָגט איהר, באָרדער... הא, ריכטיג?

קוקען זיי מיך אָן און שמייכלען איינע צו די אנדערע... און די צווייטע, די יונגערע גיט זיך א זאָג: „טאטע דו האָסט אונז ניט פארשטאַנען, עס איז אונז ענג די לופט דאָ, מיינען מיר... פארשטעה איך זיי ווידער ניט, מיין איך דאָך אודאי אז דאָס שפּאַסען זיי... ווער איך שוין בייז און נעהם שרייען: „קינדער, מיט מיר זאָלט איהר קיין קאטאָוועס ניט טרייבען, איהר הערט?! איך בין א טאטע, כאָטש אָן אָרימער טאטע, איהר הערט?!

ווערען זיי שוין בייז און זאָגען: „טאטע, מיט דיר וועלען מיר זיך שוין ניט אוים'טענה'ן, פארשטעהסט אונז ניט, קענסט אונז ניט פארשטעהען." איהר הערט כאָטש? איך פארשטעה ניט! גוטע צייטען דערלעבט, די אייער זיינען היינט קליגער פאר די הינער...

פארשטעהען, פאַ־שטעה איך אז דאָס זיינען א פּנים די ביכ־לעך שולדיג געווען, וואָס זיי האָבען די לעצטע צייט געלייענט... ניט אומזיסט פלעגט מיין פייגע גענענדעל טענה'ן אז פון די ביכלעך וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך א סך בּרייען, עס האָט ניט גע־האָלפען מיינע רייד, דער מאמעס וויינען, מיט גוטען און מיט בייזען, עס האָט ניט געדויערט קיין דריי טעג, האָבען זיי שוין גענומען האָק און פּאָק און יאַזדאַ, קיין אמעריקא.

איהר קענט זיך פארשטעלען, ר' איד, מיין הארץ, דער מאמעס הארץ. מילא איך האָב זיך אביסעל געטרייסט, ווי זאָגט מען, פאָרט א מאנסביל, פלעגט מען פארטרינקען א מאָל די צרות מיט א ביי־סעלע... זי אָבער, מיין פייגע גענענדעל האָט זיך ניט געוואָלט טרייס־

טען, זי האָט זיך שיער דעם לעבען ניט גענומען. קיין וואונדער איז דאָס ניט, אזעלכע צוויי טייערע ברילִיאַנטען מיט איין מאָל אָנגע־ וואוירען, אָדער ווי מיין אידענע זאָגט, צוויי אויגען פון קאָפּ פאר־ לוירען. און וואָס זאָל איך לייקענען, וואָס אמת איז אמת, גוטע קינדער זיינען זיי געווען, זיי פלעגען דאָך אונז פּשוט ביי דעם לעבען דערהאלטען, האָט עפּעס אויסגעפּעהלט אין שטוב אויף עסען, א מלבוש, א דירה, ווער גיט? באשקעלע מיט שיינדעלען. זיי פלע־ גען זיך אפילו קיינמאָל ניט א קרום טאָן און זאָגען: טאַטע מיר זיינען דאָך מיידלעך, און דערוואקסענע מיידלעך. וויפיעל איז דער שיעור צו ארבייטען? מען דאַרף דאָך עפּעס זאָרגען, פאר א תכלית... נאָר געבען, שוויינענדיג, ניט ארויסרעדענדיג א וואָרט. מיין אלטע פלעגט וויינען נאָר אין דער שטיל, די קינדער זאָלען ניט זעהן אָפטמאָל ווען די קינדער פלעגען ניט זיין, פלעגט זי מיך יאָדען. סטייטש, פלעגט זי טענה'ן, ווי איז מען דאָס אזא שלעכטער טאַטע. און מען נעהמט צו ביי דערוואקסענע מיידלעך זייערע פארדינסטען? עס רעדט זיך, איך בין א שלעכטער טאַטע, אדרבא, איך פרעג אייך, וואָס דען האָב איך געקענט טאָן? אנאנדער ברירה האָב איך גע־ האַט? אז די צייטען זיינען שווערע, די שדכנות איז היינט גע־ הרג'עט עס מאכט זיך ניט קיין שידוך אויסצופיהרען כאָטש צרייס זיך.

עס איז היינט אנדערע צייטען. ווער האָט עס א מאָל געוואוסט צו שאפען זיך אליין א חתן, א כלה. מען פלעגט דאָך מיר פּשוט די טירען אָפּגעשלאָגען: ר' יוסעל אפשר האָט איהר עפּעס א גוטען שידוך פאר מיין טאָכטער מיט כמה וכמה אלפים? ר' יוסעל! אפשר האָט איהר עפּעס א גוטען שידוך פאר מיין בחור מיט כמה וכמה מאות? הכלל איך פלעג צום עסק ניט דערלענגען.

היינט, עפּעס אן איבערקערעניש איז פון העלער הויט געוואָרען מיידלעך מיט בחורים שליסען זיך אליין זייערע ליעבעס, האָבען אליין חתונה, א הפקר וועלט געוואָרען, איהר ווייסט דאָך דאָס אליין.

היינט פון וואַנעט פרעג איך אייך זאָל אן אלטער שדכן האָ־ בען חיונה? ניט אנדערש צום שטאָדט אָנקומען.

וועט איהר דאָך פרעגען פון וואַנעט לעבט מען הײַנט, אַז די קינדער זייַנען ניטאָ? נו, איז טאַקע אַזאַ לעבען אויף מייַנע שונאים געזאָגט געוואָרען. וואָס זיי, די קינדער שיקען ניט אַרויס דאָס האָט מען ניט.

וואָלט מיך שוין דאָס אַלץ ניט געאַרט, ווי זאָגט מייַן אידענע, מיר וועלען שוין אונזער רעשט ביסעל יאָהרען ווי עס איז איבער־שטופּען... האָבען מיר אָבער אַנדערע דאגות, און פון וואָס מייַנט איהר? טאַקע פון די טעכטער! זיי האָבען נאָך אַלץ ניט חתונה געהאַט, און וועמעס האַרץ טוט וועה? דעם טאַטענס מיט דער מאַמעס, מייַן אַלטע פאַריאַדעט מיך פשוט: „פאַר אַזוי פיעל פרעמדע מיידלעך — טענה'ט זי — איינגעשאַפּט חתנים און פאַר די אייגענע, אַ נעכטינגער טאָג... וואָס בין איך שולדיג? ענטפער איך איהר, אַז קיין לייטישער שידוך האָט זיך ניט געמאַכט, נעהן זיי ווידער פאַרשלייערען מיט וועמען עס איז, זייַנען זיי דאָך ניט קיין פרעמדע... הײַנט נעהן זיי לאָזען אפשר שליסען ליעבעס? אַ שעהנעם פנים וואָלט עס געהאַט, האָבען אַ טאַטען אַ שדכן און זיך אַליין אָפּזוכען חתנים... וואָס וואָלטען מענשען גערעדט?

הײַנט, זעהט איהר, וואָלט מיך שוין ניט געאַרט, מעגען זיי שוין אפילו פאַרפיהרען אַ ליעבע, אבי זאָלען זיי שוין חתונה האָבען און אַ סוף זאָל עס נעהמען, הערט מען ניט, און מען זעהט ניט. שרייב איך זיי אַמאָל דערפון, ווערען זיי בייז, און שרייבען, מען זאָל זיי מעהר וועגען דעם ניט שרייבען, אַז זיי דאַרפען ניט קיין פאַרזאָרגער, אַז זיי וועלען זיך שוין אַליין פאַרזאָרגען...

גלויב איך זיי אָבער ניט, ווי אַזוי פאַרזאָרגט מען זיך דאָס אַליין? אַז געהן, געהן זיי מן הסתם אין ערגעץ ניט. שטילע קינדער זייַנען זיי, וואָס וועלען ניט אַרומלויפען זוכען חתנים אַט אַזוי ווי אַנדערע הײַנטוועלטיגע מיידלעך, כיבאַי מען זאָל קומען צו זיי אין הויז אַריין, און זיך אין זיי איינליעבען... ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס קען געדויערען און זיי קענען נאָך די שעה זאָל ניט זייַן, אַזוי אָפּזיצען ביז אין גראָהען צאָפּ...

קלער איך, הײַסט עס, צו עס וואָלט ניט געווען אַ פּלאַן פאַר מיר, אַליין אונטער צו פאָהרען אַהין אין אייער אַמעריקאַ, און דאָר־

מען עפּעס אַ קוק טאָן פאַר מיינע מיידלעך... ווי זאָגט מען, פּאַרט אַן אַלטער שדכן, פאַרשטעהט איהר מיך, ווען איך וועל דאָרטען זיין, וועל איך שוין זעהן אויסצוגעפינען עפּעס אַ פּאָר גוטע שידוכים פאַר מיינע טעכטער...

בין איך, הייסט עס, געקומען צו אייך פרעגען אַן עצה, אַזוי ווי איהר זענט ערשט ניט לאַנג פון יענער מדינה, וועט איהר מיר עס גיכער קלאָר מאַכען...

וואָס... איהר לאַכט גאָר ?! זעהט, נאָר זעהט וואָס איז דאָ פאַראַן צו לאַכען, וואָס? וואָס אַן אָרימער, צעבראָכענער טאַטע רעדט פאַר אייך אויס זיין פאַרוועהטאָגט הארץ ? איז מען זיך דאָס ביי איין' אין אייער אַמעריקאַ אַזוי נוהג ? אַך, אַז ניט נע־דאַכט האָט זי געמעגט ווערען, די אַמעריקאַ...

פריזיוויקעס

מיין ברודער אלטער

פרייטאג צונאכטס.

עס רעגענט...

א מיאוסער און פינסטערער אָוונט האט זיך איבער'ן שטעד־טעל פארשפרייט, איינער פון די אָסיענדיגע אָוונטען, וועלכער ווארפט אויף די שטעדטעלדיגע איינוואוינער אן אומעט און טרייבט זיי פריה אין בעט אריין.

א ווינט רייסט די פארמאכטע לאָדענס, מאכט ווילדע קולות. פייפט אוים משונה'דיגע נגונים, טרויערדיגע און פארצווייפעלטע.

מיעד איז דער עולם און שלאָפט. די שבת־ליכט צאנקען. די לאָמפען האלטען ביים אויסגעהן... וואו ניט וואו רייסט זיך פון א לאָדען א בלאסער ציטריגער שיין רעגט זיך אין דער פינסטערער לופט...

ליכטיג, פרעהלאך איז נאָר ביי באשע די שענקערין אין הויז. חברה פריזיוויקעס זיינען פארזאמעלט אין דעם הינטערשטען חדר, וואו די פענסטער געהן ארוים צום פעלד, און לאָזען זיך וואויל געהן... די לאָדענס זיינען צוגעמאכט, דער אלטער בליץ־לאָמפ, ברענט העל, ביי א גרויסען פיער־עקיגען טיש, אויף וועלכען עס זיינען אָנגע־שטעלט פלעשער מיט גלעזער, זיצען זיי און פיהרען א לעבעדיגען שמועס צווישען זיך.

פלוצים פראלט אויף די טיר און עס רייסט זיך אריין בערקע, ווי דער ווינט וואלט דאס איהם אריינגעשליידערט.

— א, בערקע ! בערקע ! זיינען אלע פון זייערע פלעצער אויפגעשטאנען. פון וואנען ? ביי וועמען ? נו ניכער, ווערטער, איז מען איהם באפאלען פון אלע זייטען.

בערקע, אַ יונג מיט ביינער, אַ הויכער מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, דיקע הענט, אַ גרויסע קאָפּ מיט אַ פּאָר אומרוהיגע פינק־לענדע אויגען, האָט לאַנגזאַם אַראָפּגענומען פון זיך די נאַסע באַראַ־שקאַווע היטעל, זי אָפּגעטרייסעלט פון רעגען און זיך געלאָזט געהן נעהנטער צום טיש.

— בערקע! בערקע! — זיינען אַלע אומגעדולדיג געוואָרען.

— שאַט! וואָס ברענט אויף אייך די פּעל? האָט בערקע בייז און אומצופרידען אויף זיי אַ קוק געטאָן — לאָזט מיך עפּעס פריהער נעהמען אין מויל אריין! וואָס חברה קענען, אַליין האָבען זיי זיך אָוועקגעלייגט פרעסען און טרינקען און לעבען אַ גוטען טאָג... און מיך שיקען זיי ארום. מיך... אַ כאַפּ זאָל אייך כאַפּען אַלע צוזאַמען.

— נו, וואָס, אַז דו ביזט פּאַרט ביי אונז דער גאַנצער יאַ טעביאַ דאָס, האָבען זיך חברה גענומען פּאַרענטפערען — טאָ ווער דען, אַז ניט דו?... ווייסט דאָך, ס׳איז ניט אַמאָליגע צייטען...

— אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער גאַנצער אומגליק, וואָס עס איז ניטאָ מיט וועמען צום טיש צו געהן!... — האָט זיך בערקע גענומען באַקלאָגען — אַמאָל אַז ס׳פלעגט קומען אַ פּריזיוו, האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן וועלטען, ס׳איז געווען דער, ס׳איז געווען יע־נער. ווער געדענקט זיי דען אַלע מיט די נעמען. חברה איז דאָס געווען... מען האָט געקענט מיט זיי עפּעס אויפטאָן. אַז מען פלעגט אַריינקומען צו אַ בעל־בית נאָך אַ פּאָר קערבלעך, פלעגט ער זיך דער־שרעקען און גלייך ארויסנעהמען די מזומנים און געבען. און היינט? אַ קלאָג צו אייער פּנים, מען לאָזט גאָר ניט אריין...

— וואָס??

— איהר הערט דאָך, מען לאָזט ניט אריין!...

— ווער לאָזט ניט אריין?

— אפילו זי, אונזער ביילקע, לאָזט שוין היינטיגע צייטען אויך ניט אריין.

— ביזטו, הייסט עס, געווען ביי איהם?

— נו, יאָ, אודאי בין איך געוועזען ביי איהם.

— ביי שמחה׳ן, מיינען מיר...

— נו, יאָ, ביי שמחה'ן, א כאַפּ זאָל איהם כאַפּען...

— נו ? !... אָבער דערצעהל שוין !...

— הערט איהר דאָך — האָט בערקע אָנגעפאַנגען צו דערצעה־לען אין א בייזען, אויפגערעגטען טאָן — איך קום אזוי צו צום פאַר־וואָר — ס'איז פאַרשלאָסען. נו, גיב איך זיך מן הסתם אַן עצה. א קאָוואַל, פאַרשטעהט איהר מיך, באַדאַרף מען שוין ניט לערנען, ווי אזוי א שלאָס אויפצעברעכען. איינס, צוויי, דריי — און ס'איז שוין אָפען. געה איך זיך גלייך ארויף אויפ'ן בריקעל און גיב אַן עפען אויף די טיר. ערשט ביילקע די דינסט־מויד קומט מיר אנטקעגען. ווי גיך זי האָט מיך נאָר דערזעהן, נעהמט זי ניט און גיט א קוויטש, און האַקט צו די טיר, און אנטלויפט גלייך אין קיך.

— נו, וואָט איז געווען?—האָבען אלע מיט א מאָל א פרעג געטאָן.

— וואָס זאָל זיין וואָס — האָט בערקע ווייטער דערצעהלט — בין איך ניט פויל און קריך ארויף אויפ'ן גאַניק, פון גאַניק אויפ'ן פענסטער, עפען איהם אויף, ערשט איך זעה, ביילקע שטעהט אין ווינקעל און עס וואַרפט איהר א צאָן אָן א צאָן פאַר שרעק.

— ביילקע לאָז אַריין ! —האָב איך צו איהר א געשריי געטאָן

— ווען ניט, זעהסטו די פאָר ידים... האָב איך איהר באַוויזען מיי־נע פאָר לאַפּעס, אַז זי איז אַזש א פאַרציטערטע געוואָרען און געעפענט.

— פאַר וואָס, — זאָג איך צו איהר — האָסטו שוועסטערקע ניט געוואָלט עפענען ? — און איך האָב איהר א נעהם געטאָן פאַר'ן הענטעל און א קוועטש געטאָן, אַז זי האָט אַזש דערזעהן דער על־טער־באָבען אין חלום.

— איך האָב דיר, זאָגט זי, ניט דערקענט. דו ביזט שוואַרץ, איינגעריכט פון דער ארבייט.

— אָבער איצטער דערקענסטו מיך שוין ? פרעג איך איהר.

— נו, יאָ, אויף געוויס דערקען איך דיר, אָבער זאָג מיר, — זאָגט זי, — וואָס ווילסטו ? — בעט זי זיך ביי מיר.

— כ'וויל, זאָג איך צו איהר, איין קלייניגקייט זאָלסט ארויפברענגען א ביסעלע, ווייסט דאָך וואָס, פון קעלער ארויס... אָבער, שטאַרקע, דו הערסט ?... די בעסטע וואָס עס איז נאָר דאָ....

נישקשה, זאָג איך, דיין בעל־הבית איז געגוג רייך, ער וועט ניט אָרימער ווערען, ווען איך וועל דאָ מיט וואָס עס איז איבערכאַפּען מיין פאַר׳חלש׳ט האַרץ... איך האָב נאָך, זאָג איך, שוועסטערקע, מיט דיין בעל־הבית עפּעס צו רעדען היינט, און אין מויל איז אזוי טרוקען ווי אין אַן אַלטען צעבראָכענעם קוגעל־טאָפּ.

— אָבער די בעל־הבית׳טע קען נאָך אָנקומען — האָט זי זיך געזוכט אַרויסצודרעהען.

— טאָ געה־זשע, זאָג איך, און מאַך עס אויף גיך, ווען ניט, וועט דיך בייזקע, אַ כאַפּ כאַפּען! זי האָט מיך געפאָלגט און גע־גאַנגען.

ווי גיך זי איז נאָר אַרויסגעגאַנגען, געה איך מיר אזוי אַרום איבער׳ן קיך און זוך וואָס עס איז כאַטש דערווייל אַ שטיקעל טרוי־קענס אין מויל איבערצוקייען... איך זעה, עס שטעהט אויפ׳ן קוימען אַ רעכט שטיקעל געבראָטענס. איך זאָג אייך, ברידער, אַז ס׳האָט מיך אזש פאַרכאַפּט ביים האַרצען פונ׳ם ריח... בין איך ניט פויל און מאַך איבער דעם אַ ברכה... איך דערלעב נאָך ניט אַ פּאָר ביסען צו טאָן — באַץ! פּאַצעט ניט אַריין פון זאַל די גראָבע, דיקע בעל־הבית׳טע. ווי גיך זי האָט מיך נאָר דערזעהן, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד: אַ גנב! אַ גנב! און זי איז שיער ניט אָוועקגעפאַלען אויף דער ערד פון שרעק.

— נו, ווייטער, ווייטער! — האָבען אַלע אויפגעשטעלט מויל און אויערען.

— הערט איהר דאָך! איז אַריינגעלאָפען פון זאַל ער, ווי הייסט ער דאָרטען? ר׳ שמחה מיט׳ן שלאָף־ראָק, מיט די טער־קישע שטעק־שיך. נאָך איהם דער זוהן אוןביידע האָבען זיי מיר אַ נעהם געטאָן אין מיטען, דער פון איין זייט, דער פון דער צווייטער. שטעה, זאָגען זיי צו מיר, ברודערקע, וואָס טוסטו דאָ גנב איינער אַליין אין מיין הויז? — זאָגט ער צו מיר.

— עס טוט מיר שוין טאַקע שטאַרק באַנג, — זאָג איך צו איהם. . וואָס איך בין דאָ געקומען אַליין. דאָס צווייטע מאָל וועלען מיר שוין קומען אַלע, הייסט עס, די גאַנצע חברה.

— אזוי, איהר זייט אַ גאַנצע חברה גנבים! — איז ער שוין

געוואָרען אָנגעצוונדען. נו, איך וועל אייך שוין ווייזען, זאָגט ער, ווי אזוי נאָך אמאָל צו קומען. ביילקע! ביילקע! וואו איז זי ער־גען די מויד? האָט ער זיך צושריען אויפ'ן קול — נעה רוף דעם אוראַדניק.

— איך זאָג אייך, זאָג איך צו איהם, מיט גוטען, איהר זאָלט מיך בעסער אָפּלאָזען. וואָרום ווען איהר קריגט פון מיר א טערע־בענץ קערט איהר זיך ביידע איבער. איך בין ניט קיין גנב, בין איך ניט, נאָר א פּריזיוווניק און ווידער בין איך דאָ ניט אליין, ביילקע איז דאָ אויך געוועזן.

— אזוי! ביילקע איז דאָ אויך געוועזן? — האָט ער אויס־געשטעלט אויף מיר א פּאָר עינים און מיך אָפּגעלאָזען — טאָ, זאָג־זשע מיר, ברודערקע, האָט ער גע'טענה'ט, פון וואנען קענסטו בייל־קען, און וואָס האָט צו טאָן ביילקע מיט'ן פּריזיוו?

— פון וואנען איך קען ביילקען, זאָג איך, איז מיין סוד... אָט גלאט אזוי, זאָג איך, איז זי מיינע, ס'הייסט אונזערע א באקאנטע... און דער פּריזיוו מיט ביילקען האָט שוין גאָר ניט צו טאָן, נאָר מיט אייך, ר' שמחה.

— מיט מיר? האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן.

— יאָ, מיט אייך, זאָג איך, אייער זוהן דאַרף דעם יאָהר שטעהן צום פּריזיוו.

— נו, איז וואָס? .. זאָגט ער.

— איהר זענט רייך, — זאָג איך.

— איז וואָס־זשע ווילט איהר? — זאָגט ער.

— געלט, זאָג איך, געלט פאר די אָרימע פּריזיוווניקעס, וועלכע דאַרפען אוועקגעהן דינען.

— וואָס־זשע האָט עס, זאָגט ער, צו טאָן מיט מיר?

— אייער זוהן, זאָג איך, וועט אודאי אויף זיכער בלייבען אין דער היים.

— וואָס־זשע האָט עס, זאָגט ער, צו טאָן מיט אייך?

— דאָס האָט מען מיר געשיקט זאָגען, זאָג איך, אז איהר זאָלט געבען צו שטייער פאר די, וועלכע דאַרפען אריינפאַלען אין די גוי'שע הענט אויף דעם אָרט פון אייער זוהן. פאַרשטעהט איהר שוין?

— וויפיעל, למשל, זאָגט ער, וואָלט איהר עס געוואָלט ?

— כ׳ווייס, זאָג איך, די חברה האָבען געזאָגט, צום וועהניגסטען א הונדערטער כאַטש, אנדערש וועט עס ניט געהן.

— אזוי, א הונדערטער גאָר, ווילט איהר ? האָט ער זיך אזש פאַר׳ן קאָפּ אָנגעכאַפּט — שקצים, הולטייעס וואָס איהר זענט ! וואָס מיינט איהר, זאָגט ער, די וועלט איז הפקר ? אויב אזוי, זאָגט ער, וועט איהר שוין א גראָשען ניט קריגען.

— איהר וועט בעסער ווערען, — זאָג איך.

— וואָס א שטייגער וועט איהר טאָן ? — זאָגט ער.

— איהר וועט שוין האָבען דעם סמן — זאָג איך.

— גיב איהם, טאַטע, אויף א שנאַפּס און זאָל ער געהן ! — האָט זיך דער זוהן שוין אריינגעמישט — וואָס ווערסטו האָבען צו טאָן מיט אזא חברה ? זאָלען זיי געהן צו אלדע רוחות !

איך האָב פאַר זיי קיין מורא ניט, פאַר די שקצים ! איך וועל זיי באַווייזען די הולטייעס — האָט זיך דער אלטער געקאָכט.

— קום אהער, דו, !—האָט מיר דער זוהן צו זיך צוגערופען— נא, אָט האָסטו א רובעל אויף שנאַפּס פון מיין אייגענער קעשענע, און געה ! — האָט ער מיר באַוויזען די טיר.

א שעהנעם דאַנק דיר ! — זאָג איך צו איהם, פאַר דיין גוט האַרץ, און האָב איהם אָנגענומען פאַר׳ן וואָראָטניק און איהם גע־געבען א פּרעסדענק פון זיך, אז ער האָט זיך איבערגעקערט דריי מאָל קאָזשעלקעס — נא, זאָג איך צו איהם, אָט האָסטו אָן אָנהויב, דאָס איבריגע וועלען מיר זיך נאָך זעהן — און האָב זיך אליין ארויס־געמאַכט פון הויז.

אונטער׳ן טיר האָב איך געטראָפען ביילקען. זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך אונטערגעהערט. זי האָט מיר דערלאַנגט אָט דעם גרויסען פלאַש מיט שנאַפּס מיט נאָך אזעלכע קליינינקייטען, וואָס זי האָט געהאַלטען באַהאַלטען. איך האָב זי א נעהם געטאָן, איהר געגעבען דערפאַר א שטאַרקען דריק צו זיך, מיט א קנאַקענדיגען קוש און בין זיך אוועק.

— הייסט עס, אז מיט גוטען וועלען מיר מיט זיי גאָרניט מאַכען, זיי וועלען שוין ביי אונז וויינען, ניט לאַכען — האָט זיך

אָפּגערופען מאַטקע ליז, א שניידער־יונג, וואָס האָט אין שטעד־טעל געהאַט א נאָמען פאר א וואוילען זינגער, א האַלבען בדחן און א שטיקעל מגיד, וועלכער נעהמט גיך איבער אַלע בדחנישע שטיק און מגידישע דרשות.

— וואָס דען, מיט כבוד וועלען מיר מיט זיי האנדלען? מיט די הינט! א רוח אין זייער טאַטענס טאַטען אריין!... האָט זיך חאַצקעל דער שוסטער־יונג, א קליינער, א בלייכער, מיט א קיילעכדיג פּנים און טיעף איינגעגראָבענע אויגעלעך — אויך ארייגעמישט.

— אפילו צעהן רובעל אויף א חלק ניט! — האָט פייפקע דער בעל־עגלה, א ברייט-ביינערדיגער, מיטעל־געוואַקסענער יונג מיט א געזונד רויט פּנים א ברום געטאָן. א מאַך געבענדיג מיט די הענט און א שמאַצקע געטאָן מיט די ליפּען.

— זאָל מען מאַרגען ניט לאָזען לייענען! די שטאָדט איז עפּעס אויך ניט קראַנק צו געבען! — האָט בערקע פאַרגעשלאָגען.

— אודאי! אודאי! — האָבען אַלע מסכים געווען.

— דאָס וועלען מיר שוין צייט האָבען צו באַקלערען מאָרגען און דערווייל דאַרפען מיר וועגען דעם ניט זאָרגען — האָט מאַטקע־ליז זיך אָפּגערופען מיט א גראָם. לאָמיר נאָר אקאַרשט פאַרזוכען ביילקעס בראָנפען וואָס זי האָט מיטגעשיקט. איהר זעהט, ריינער ניינציגער שפּירעט ווי איהר זעהט מיך א אידען. איי חברה, נעהמט איהר צו ביסלעך?

און אָנגיסענדיג זיך א גלעזעל צום ערשטען האָט ער עס אויפ־געהויבען אין דער הויך, עם צוגעטראָגען צו די ליפּען און אויסגע־שריען: לחיים, ברודער! דער אויבערשטער זאָל העלפען ווי אין דער הגדה שטעהט, במהרה בימינו זאָלען מיר זיין אין סלושבע א מורנו. און א זופּ געטאָן פון גלעזעל ביז צום דנאָ.

— מיט אזעלכע גראַמען זאָל מען דיך פון שטאָדט ארויס־ראַמען — האָט חאַצקעל דער שוסטער־יונג זיך אָפּגערופען קייענדיג א פולע מויל מיט יאַדרעס.

— מיט אזעלכע ווערטער זאָל מען דיך לעגען אויף גוטע ערטער — האָט פייפקע דער בעל־עגלה־יונג אויך א זאָג געטאָן און א שמאַצקע געטאָן מיט די ליפּען א מאַכגעבענדיג מיט די הענט.

— מיט אַזאַ ליעד זאָל אייך ווערען אַלעמען ניט גוט — האָט בערקע שמיד אַריינגערעדט זופּענדיג פון גלעזעל.
— געהט מיר אין דר'ערד אַריין מיט אייערע גלייך־ווערטלעך!
— האָט זיך מאָטקע לץ געפונען באַליידיגט — אָבער די ליעד פונ'ם סאָלדאַט וועל איך אייך אַ מכה זינגען!
— אָ, טאַקע, זינג אונז די סאָלדאַטסקע ליעד — האָבען זיך אַלע אַ כאַפּ געטאָן.
— וועט איהר הייסען עפּעס געבען?
— פינף פלאַש ביער און אַ פונט קערלעך — האָבען אַלע באַשלאָסען.
— אויב אַזוי, זינג איך, אָבער איהר זאָלט אַלע העלפען.
— נו, גוט, מיר וועלען אַלע העלפען.
און מאָטקע לץ האָט שנעל אַרונטערגעוואָרפען די היטעל, פאַר־בויגען דעם דאַשיק אינוועניג אַזוי, אַז ס'זאָל אויסקוקען ווי אַ סאָלדאַטסקע און פאַרוקענדיג די היטעל אויף אַ זייט קאָפּ, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט גלייך אין פראָנט פון מיטען שטוב און אַלע אַרום איהם. און מיט אַ טרויעריגע אומעטיגע מעלאָדיע האָט ער אָנגעפאַנ־גען זינגען:

וואָס קענען מיר מאַכען, וואָס קענען מיר העלפען
מיר זיינען אין גוי'שע הענט —
אוי וועה ברידער, מיר זיינען סאָלדאַטען
מיר האָבען פאַרשפּיעלט אונזער וועלט...

און אַלע האָבען אונטערגעכאַפּט:

אוי וועה ברידער מיר זיינען סאָלדאַטען
מיר האָבען פאַרשפּיעלט אונזער וועלט...

נאָך אַמאָל ברידער, נאָך אַמאָל דאָס זעלבע! איז מאָטקע לץ שוין אַריין אין התלהבות און אַ מאַך געבענדיג מיט'ן האַנט האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געגעבען:

אוי וועה ברידער מיר זיינעז סאָלדאַטעז,
מיר האָבען פאַרשפּיעלט אונזער וועלט...

פּלוצלינג האָט זיך פון איין ווינקעל דערהערט אַ פאַרשטיקטער בליפּען. חברה האָבען זיך צושראָקען, אַ כאַפּ געטאָן און שנעל אַ

ווארף געטאָן די בליקען ארום זיך און זיינען געבליבען שטעהן אי־בערראשט.

ביים ברעג טיש, אנגעשפארט דעם קאָפּ אָןביידע הענט, די האָר צופּאטעלט, איז בערקע געשטאנען האלב-פארטרונקען און גע־וויינט טאקע אויף אָן אמת'ן.

— וואָס זאָגט איהר ניט צו איהם? זעהט נאָר, ער וויינט דאָך גאָר ווי א אידענע, אונזער בערקע! — האָט מאָטקע לץ, האלב ערנסט, האלב אין שפּאס אויסגערופען, און אויף זיין שטיינער אנגעהויבען איהם צו באזעצען:

כלה'ניו, כלה'ניו וויין, וויין —

דער חתן וועט דיר שיקען א טעלער מיט כריין...

בערקע האָט זיך אָבער ניט גערירט פונ'ם אָרט, פון זיין האלז האָבען זיך ארויסגעריסען פארדומפּענע, פארשטיקטע קולות, ווי דאָס רעווען פון א נאָר־וואָס געקוילעטען אָקס.

מאָטקע לץ האָט אויפגעהערט שפּעטען, מיט אָן אויפגעעפענ־טען מויל און מיט אויסגעגלאָצטע אויגען איז ער שטעהן געבליבען ווי ער וואָלט זיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען.

חברה האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט די בליקען און ווי פארגליווערט זיינען זיי יעדערער שטעהן געבליבען אויף זייערע פּלעצער מיט די קעפּ טרויערדיג צו דער ערד געבויגען... און אויס־געוויזען האָט זיך זיי, ווי זיי וואָלטען שוין אין דער ווירקליכקייט זיין סאָלדאטען און געפינען זיך ערגיץ ווייט, ווייט פארוואָרפען אין דער פרעמד אין א קאזארמע אויף מיטען פעלד וואו די קעלטען זיינען גרויס און דער ווינט יאָגט און רייסט די לאָדענס פון די קאַלטע קאזארמעס. — — — — — — — — — —

אין דרויסען האָט דער ווינט שטאַרקער אָנגעהויבען צו יאָגען און זיך שטויסען מיט א שטורם־קראַפט אויף די צוגעמאכטע לאָ־דענס און אריינפּייפען דורך די קליינע נידריגע פענסטער, קאַלטע, טרויעריגע מעלאָדיען. און געדאכט האָט זיך ווי אין דעם ווינטס טענער וואָלט זיך געהערט:

אוי וועה, ברידער, מיר זיינען סאָלדאטען

מיר האָבען פארשפּיעלט אונזער וועלט!...

אין קאַמיטעט

מאשע די אַלמנה האָט געשיקט איהר קליינעם אינגעל וועלוועלען, אין דעם שטאָדטישען קאָמיטעט אָפּצונעהמען די פּאָר גולדען, וואָס מען האָט איהר פאַרשפּראָכען צו געבען יעדע וואָך פון דער שטאָדט, אויף צו לעבען.

נעגאַנגען איז ער מיט שמערקען, דער שכנ'טעס אינגעל. אויך אַן ארים מענש'ס. גיכער קען עם הייסען, אַז יענער האָט איהם געפיהרט.

ווען ביידע אינגלעך זיינען צוגעקומען צו ר' יאשע דעם גבאים הויז, וואו דער קאָמיטעט האָט זיך געפונען, איז וועלוועל פּלוצים שטעהן געבליבען פאַר'ן טיר. עפּעס איז איהם מיט אמאָל שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען... און דערפיהלט האָט ער פונקט דאָס זעלבע ווי ווען ער פאַרשפּעטיגט א מאָל אין חדר אריין צוקומען, דארט אין תלמוד תורה וואו ער לערענט.

שמערקע האָט איהם לאַנג ניט געלאָזט טראַכטען, אויף גע־שווינט האָט ער איהם א נעהם געטאָן פאַר'ן האַנט, א עפען געטאָן די טיר און איהם א שלעפּ געטאָן מיט זיך...

אויפ'ן לאַנגען פיער־עקיגען טיש, זיינען געלעגען אָנגעלייגט גראָבע אָנגעשריבענע ביכער מיט יעדען איינציגענס נאָמען פון די נעהמערס. מיט דער סומע וויפיעל יעדער פון זיי קריגט. אויבענאָן זיינען געזעסען עטליכע גבאים און זיך שטארק מתעסק געווען ווער אין שרייבען, ווער אין איבערצעהלען די געלט, ווער אין צו־נויפלעגען אין קופּעס, רובעלס באַזונדער, גילדענס באַזונדער, א. ז. וו. בלויז דער גבאי ראש ר' יאשע, א איד מיט א בכבוד'דיגען אויס־זעהן, איז זיך געזעסען רוהיג אָנגעלענט אויף זיין שטול, און

קאַלטבלוטיג זיך צוגעהערט צו די טענות פון זיין הינטער־גבאי, בנימין'ען, וועמעס פּלאַץ עס איז תמיד געווען אויף דער צווייטער זייט טיש, נעהנטער צו די נעהמערס.

געשטאַנען איז בנימין איין פּוס אַנגעלענט אויף אַ בענקעל, דעם עלענבויגען אויפ'ן שויס, איין האַלבען זייט קאָפּ אַנגעשפּאַרט אויפ'ן האַנט אַזוי, אַז מען האָט מעהר ניט געקענט זעהן ווי איין האַלבען פּנים. עפּעס האָט ער גערעדט, געשריען אויף די אָרימע־לייט, געמאַכט מיט דער צווייטער, ניט פאַרנומענער האַנט. איין אַלטיטשקע האָט ער עטליכע מאָל איבערגעפרעגט איין און דעם זעלבען וואָרט. די אַלטיטשקע האָט זיך אַזש צעוויינט... אַלע איבריגע אָרימע לייט, וועלכע זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף זייער אָטשערעט, האָבען פון ווייטענס צוגעשאָקעלט טרויעריג מיט די קעפּ..

— אַז איך פרעג דיך, וויפיעל האָסטו גענומען פאַר אַ יאָהרען אין דער צייט ? — האָט בנימין נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזען די אַלטיטשקע — אַז מען פרעגט דיר, פאַרוואָס ענטפערסטו ניט ? וואָס האָסטו זיך צעוויינט וואָס ?

דריי גולדען — האָט די אַלטע קוים דורך טרערען אַרויסגערעדט.

— וויפיעל ?

— דריי גולדען.

— העכער !

— דריי גולדען !

— נאָך העכער !

— דריי גולדען !....

וואָס וויל האָבען אָט דער טויבער פון דער אַלטיטשקער נעבעך? איז געוואָרען אין דער שטיל אַ מורמעלריי צווישען די איבריגע אָרימע לייט — וואָס איז זי נעבעך שולדיג, אַז ער איז טויב, אַז ער הערט ניט ?

שאַ ! שאַ ! וואָס איז דאָרטען פאַר אַזאַ קאָך אויף אייערע קעפּ — האָט בנימין, וועלכער האָט פון ווייטען באַמערקט די שוש־

קעניש, אויסגעשריען, אויפהויבענדיג דעם קאפ, ווארפענדיג א בייזען, שטרענגען בליק ארום זיך — ווער איהר ניט שווייגען, אה ?
אלע זיינען שטיל געבליבען.

װעלװעל איז געשטאנען אין א זייט ווינקעל, שטארק צוגעדריקט צום וואנט, דעם קאפ טיעף איינגעגראבען אונטער דעם קאלנער פון דער קאפאטע, אזוי, אז איין אויג האט איהם קוים ארויסגעקוקט און געקענט זעהן וואס עס קומט פאר ארום איהם.

אין זיין קליינעם מוח האט זיך דורכגעמישט פארשידענע קשיות: פארוואס שרייט אזוי אט דער בייזער איד אויף די אלטעטשקע ? און ווער איז יענער שעהנער איד, מיט דער עטוואס געלבליכער בארד, מיט די ברילען אויפן נאז, וואס זיצט דארט אויבען, זיצט און קוקט מיט אזא כעס׳דיגער מינע אויף אלעמען, אזוי ווי זיין רבי אין חדר אויף די קינדער ?... און וואס שרייבען דארט אט יענע אידען, לעבען וועלכע עס ליגט אזוי פיעל געלט, רויטע און גרינע פאפירלעך ?... און פארוואס שטעהן דא אזוי פיעל יונגע און אלטע מענשען מיט אפגעריסענע מלבושים, מיט ארונטערגעלאזטע קעפ און ווארטען ? און צו וואס האט איהם די מאמע זיינע דא אהער געשיקט ? — ער ווייסט עס ניט. ער קען עס ניט פארשטעהן... ער ווערט פרעגען שמערקען... שמערקע ווייסט... די מאמע האט איהם מיט איהם געשיקט... אבער וואו איז ערגעץ שמערקע פארפאלען געווארען ? פארוואס זעהט ער איהם ניט ? ער פיהלט זיך אזוי אומעטיג צו שטעהן אט דא אליין אין דעם ווינקעלע... ער שרעקט זיך פאר עפעס... צומייסטען פאר אט דעם בייזען איד, וואס טענה׳ט איין מיט דער אלטעטשקער און שרייט אזוי אויף איהר... און מאכט מיט די הענט... א שלעכטער איד איז ער, אט דער א !...

ער הויבט אויף העכער דעם קאפ פון אונטערן קאלנער און ווארפט פארגנב׳טע בליקען ארום זיך, ווי ער וואלט זוכען ערגעץ אן ארט וואו זיך צו באהאלטען... און אט דערזעהט ער שמערקען, פון ווייטען ארום לויפען, קוקט עפעס... זוכט עפעס... גראבעלט זיך ארום די ווענט... שרייבט עפעס מיט בליי-פעדער... און אט האט ער זיך איינגעבויגען, האט אויפגעהויבען פון דער ערד א

שטיקעל פאפיר, וויקעלט עם איין... מאכט עפעם רערפון... וואס מאכט ער דאס אזוינס?... דאכט זיך א פויגעל... יא, ער זעהט שוין, ער זעהט שוין, א פויגעל, א פויגעל, א ווייסען פויגעל... אט איז דער שנאבעל און אט זיינען די פליגעלעך... און אט האט ער איהם א ווארף געטאן אין דער הויך... דער פויגעל פליהט... פליהט, ביז ער פאלט אראפ אויף דער ערד...

און ער וואונדערט זיך ווי אזוי שמערקע לויפט עם ארום אזוי פריי, ווי ביי זיך אין שטוב און מאכט קונצען און האט גאר קיין מורא ניט פאר אט דעם שלעכטען אידען...

שמערקע! שמערקע! — וויל ער אויסשרייען — קום אהער! איך האב מורא צו שטעהן דא. אבער ער איז ווי שטום... קען ניט א מויל עפענען.

און אט זעהט ער ווי שמערקע האט זיך מיט אמאל א לאז געטאן... א שפרונג געגעבען צווישען אלעמען, שטויסט זיך אלץ נעהנטער און נעהנטער צו אט דעם שלעכטען איד... צווישען די מענשען ווערט א געטומעל, מען שטויסט איהם אפ צוריק... מען ווארפט איהם פון איינעם צום אנדערען און מען שרייט: גנב! שגץ! איין אידענע האט איהם ארונטערגעריסען פון קאפ די היטעל און איהם א שמיץ געגעבען איבער'ן פנים... אבער שמערקע הערט זיי ניט. שטופט זיך אלץ ווייטער... די אידען פון הינטערען טיש קוקען זיך אום... און דער איד מיט דער עטוואס געלער בארד, מיט די ברילען אויפ'ן נאז, האט א ציה געגעבען דעם שלעכטען איד פאר'ן ארבעל און איהם אנגעוויזען אויף שמערקען... און אט גיט זיך דער שלעכטער איד א כאפ, שפרינגט צו צו שמערקען, כאפט איהם אן פאר'ן קאלנער, דרעהט איהם אן פאר'ן אויער, גיט איהם א פאר פעטש א צוגאב און ווארפט איהם ארויס... און ער הערט ווי שמערקע ווייגט אונטער'ן טיר... שרייט, מאכט געוואלדען: טויבער יאשע! טויבער יאשע!...

וועלוועל שטעהט שטילערהייט און ציטערט... עס ווארפט איהם א צאן אן א צאן פון שרעק... אין דער זעלבער צייט פיהלט ער אזא מיטלייד אויף שמערקען, ער האט רחמנות אויף איהם... עס קלעמט איהם אזש ביים הארצען, וויינען ווילט זיך איהם... די

טרערען שטיקען איהם, אין כעס איז ער! אין כעס... אַט אויף דעם שלעכטען איד, פאַרוואָס ער האָט זיין חבר שמערקען אזוי גע־שלאָגען און איהם ארויסגעוואָרפען. ווען ער וואָלט געהאַט כח... ווען ער וואָלט געווען א גרויסער, וואָלט ער זיך שוין מיט איהם גוט אָפּגערעכענט...

און אַט האָבען זיך זיינע פיס א הויב געטאָן... ער וויל ארויס־לויפען צו איהם, צו שמערקען... צוזאַמען מיט איהם געהן א היים וויל ער... ער וויל דאָ ניט שטעהן מעהר... ער איז אָבער דאָך צוריק שטעהן געבליבען... ער קען ניט געהן. ער קען ניט... און אין מוח באַמבעלט זיך איהם: שמערקע... געשלאָגען... ארויסגעוואָרפען... שמערקע!...

די אָרימע לייט זיינען שוין אוועקגעגאַנגען... איין אידענע מיט א קינד אויף די הענט איז נאָך איבערגעבליבען... זי שטעהט און רעדט עפּעס צו דעם שלעכטען איד, וויינט... בעט... דינגט זיך, ווייזט אַן אויפ'ן קינד... און דער שלעכטער איד שרייט... בייזערט זיך... ס'איז גענוג, שרייט ער — ס'איז גענוג! און אַט האָט א בלישץ געטאָן א ווייסע מטבע אין דער לופט, ער האָט עס א וואָרף געטאָן דער אידענע שרייענדיג: נאַ, געה, געה!

די אידענע איז אוועק א פאַרוויינטע, קיינער איז שוין ניט געבליבען... און ער שטעהט, שטעהט נאָך אַלץ אין זיין ווינקעלע... שווייגט, רירט זיך פון אָרט ניט. קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום.

נאָר אַט האָט דער איד מיט דער עטוואָס געלבליכער באָרד, מיט די ברילען אויף דער נאָז, א דרעה געטאָן דעם קאָפּ און איהם דערזעהן... ער האָט א ציפּ געטאָן דעם שלעכטען איד פאַר'ן ארבעל און איהם אָנגעוויזען אויף איהם...

דער שלעכטער איד האָט זיך א כאַפּ געטאָן... האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ, א מאַך געטאָן צו איהם מיט'ן פינגער... ער רופט איהם... וויל ער צוגעהן צו איהם קען ער ניט... ער איז עפּעס ווי צום אָרט איינגעשמידט געוואָרען... און דאָס האַרץ קלאַפּט איהם שטאַרק, קלאַפּט... קלאַפּט... און אַט געהט צו איהם צו דער שלעכטער איד נעהנטער. גיט איהם א נעהם פאַר'ן האַנט... א שלעפּ צום טיש...

וועלוועל דערשרעקט זיך, גיט אַ ציטער, גראַבט איין נאָך מעהר דעם קאָפּ אונטער דער קאַפּאָטקע, פאַרשטעלט מיט בײדע הענט דעם פּנים... און דער שלעכטער איד רעדט עפּעס צו איהם... פרעגט איהם עפּעס... בייזערט זיך... האַ, וואָס ? וואָס שטעהסטו עפּעס דאַ, האַ ? וואָס ווילסטו דאַ, האַ ? ! !...

— מיין מאַמע ! מיין מאַמע !... — האָט ער קוים אַרויס־געשטאַמעלט.

דער שלעכטער איד הערט איהם אָבער ניט... געה ! געה ! — שרייט ער און שטויסט איהם אַלץ נעהנטער צום טיר, — וואָס שטעהסטו דאַ, האַ ? ! וואָס ווילסטו דאַ, האַ ? ! ! געה ! געה !

אַ פאַרגליווערטער איז וועלוועל שטעהן געבליבען אויף יע־נער זייט טיר...

טויבען

ווען הערשעלע איז פון חדר אהיים געקומען, איז די מאמע האט איהם דערצעהלט אז עס איז אָנגעקומען פון טאטען א שיפס־קארטע מיט געלט, און אז גאָר אין גיכען וועלען זיי אהין פאָהרען צו איהם אין אמעריקא, האט זיך זיין הארץ א הויב געטאָן פאר שמחה. די אויגען האָבען ביי איהם פון פרייד אויפגעלויכטען, און ארויספאלענדיג דער מוטער אויפ'ן האלז, און קושענדיג איהר, האט ער אין איין אָטעם ניט אויפגעהערט צו שרייען: „מיר וועלען פאָהרען צום טאטען! מיר וועלען פאָהרען צום טאטען!"

ביסלעכווייז האט אָבער זיין פרייד אויפגעהערט, און ווי ער וואָלט זיך אין עפעס דערמאָנט, האט ער זיך א כאפ געטאָן און שטיל אויפגעהויבען דעם קאפ וועלכען ער האט אויף דער מוטער'ס שויס געהאלטען, בשעת זי האט איהם איבער די האָר געגלעט. א פארטראַכטער איז ער אומרוהיג און צעטראָגען פון ווייטענס שטעהן געבליבען, ווארפענדיג אלע ווייל בליקען צום דרויסען און אויפ'ן דאך קעגען איבער דעם הויז.

מיט אמאָל האט ער זיך א קער געטאָן צו דער מוטער, און ווארפענדיג אויף איהר א שמערצליכען בליק האט ער אין א טרוי־עריגען טאָן א פרעג געטאָן:

„און וואס וועט זיין מאמע מיט די טויבען? ביי וועמען וועלען זיי בלייבען דא?"

די מוטער האט זיך פארטראַכט, ערשט איצט איז איהר קלאָר געוואָרען, ווארום ער איז פלוצלינג אזוי טרויעריג געוואָרען. זי ווייסט, אז איהר הערשעלע איז מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען צו די טויבען, די טויבען זיינען זיין חיות, זיין נשמה, פאר וועלכע עס איז איהם קיין זאך ניט שווער צו טאָן אבי זיי, די טויבען

זאָל גאָר ניט פעהלען פון א טרונק וואסער ביז א שטרויעלע.
און זי דערמאָנט זיך אין די צייטען ווען ער אליין עסט ניט, און טרינקט ניט, און ווען ער איז נאָר פריי פון חדר פארברענגט ער זיין גאַנצע לײדיגע צייט אויפ'ן בוידעם, דאָרט וואו ער האלט זיינע טויבען, קאָרמעט זיי און גלעט זיי, און מיט וואס פאר א שמחה ער קומט עס אראָפּ צו לויפען יעדען מאָל מיט א נייע בשורה: „מאמע! שרייט ער אוים אויף זיין דינעם קוויטשענדיג קול'כעל און די אויגען גלאנצען ביי איהם פאר נחת, „מאמע, דו ווייסט? די גראָהע „זי" האָט שוין אייערלעך געלייגט! אָבער וואָלסטו אָנ־קוקען אייערלעך! קליינע, שעהנע, און גאָר אין גיכען וועל איך נייע טייבעלעך צום האָדעווען האָבען!" און ער דערצעהלט דאָס איהר מיט אזא גרויסקייט, מיט אזא נצחון ווי ער וואָלט גאַנצע וועלטען איינגענומען.
אָפטמאָל טרעפט אז ער קומט אין מיטען טאָג פון חדר אהיים צולויפען מיט א תירוץ אז דער קאָפּ טוט איהם וועה... זי ווייסט, אז דאס איז ניט אמת, אז דאָס האָט ער דעם רבי'ן און איהר פשוט אָפּגענאַרט... ווייל אזוי גיך ווי ער קלעטערט נאָר ארויף אויבען צו די טויבען, און פארזאמט זיך דאָרטען א שטיקעל צייט, קומט ער נאָכדעם אראָפּ א לעבעדיגער, די בעקלעך פלאַמען דאמאָלסט ביי איהם מיט א באזונדערע רויטקייט... און א פרישער, א גע־זונדטער קערט ער זיך אום צוריק אין חדר אריין... מאכט זי זיך דאריבער ניט ווייסענדיג, צו וואָס — טראכט זי—זאָל זי צעשטערען איהר איינציגען הערשעלע'ס גליק און פריידען? שווייגט זי און שמייכעלט נאָר שטיל אונטער...
אמאָל האָט געטראָפען אז איהר הערשעל'ע איז טאקע אויף אָן אמת קראַנק געווען, האָט ער ניט געקענט אין בעטעל איינליגען אויף אָן אָרט איינרוהען. און נאָר זיך צו די טויבען געריסען... און ווען ער האָט פון היץ געליטען, האָט ער פון די טויבען גערעדט, כמעט יעדע מינוט האָט ער זיי דערמאָנט, געשריען: מאמע, די טויבען!
און יעצט, ווען איהר הערשעלע האָט איהר פּלוצלינג אזא פראגע געשטעלט, האָט זי ניט געוואוסט וואָס זי זאָל איהם די מינוט

ענטפערען. זי ווייסט ווי ער וועט נעבעך ליידען און ווי עס וועט זיין יונגע הארץ צעברעכען, ווען ער וועט זיך דאַרפען מיט זיינע ליעבע טייבעלעך צושיידען. און אַ מאַמעס הארץ טוט וועה זעהר וועה....

— נאַרעלע, — האָט זי זיך נאָך אַ קורצען נאָכדענקען גע-ווענדעט צו איהם אין אַ ווייכען ליעבליכען טאָן, צוגעהענדיג נעהנטער צו איהם און גלעטענדיג איהם איבער'ן שטערן,— קינד! וואָס דיר פאַלט איין, טויבען נאָר! שוין צייט, זוהנעניו, דו זאָלסט אַוועקוואַרפען אַט די אַלע נארישע זאַכען און ווערען אַ מענש, דאַרטען, אין אַמעריקאַ, שרייבט דער טאַטע, וועסטו גערן אין שקאָלע, וועסטו לערנען און מעהר ניט אין זינען האָבען אַזעלכע נארישקיי־טען...

הערשעלע האָט ניט געענטפערט, נאָר אין דער שטיל אַ שווע־רען זיפץ געטאָן. טרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען און מיט אומרואיגע טריט האָט ער זיך פון דער מוטער צוריקגעצויגען און זיך ביים פענסטער אַוועקגעשטעלט אַ פאַרטראַכטער, קוקענ־דיג צום דרויסען.

אַט איז דורכגעפלויגען די גראָהע „זי" זיין שעהנסטע און ליעבסטע טויב, געגענאיבער זיין פענסטער. פון בוידעם, וואו ער האָלט זיינע טויבען, איז זי אַראָפגעפלויגען און אויף אַ פרעמדען דאַך איז זי שטעהען געבליבען. ער האָט אַ ציטער געגעבען, עס איז איהם די מינוט דורכגעפלויגען אַ געדאַנק, אַז ער זעהט זי שוין אפשר צום לעצטען מאָל... ווייל ערשט דאָ ניט לאַנג האָט זיין חבר, שמערקע, אונטערגעשיקט זיין ווייסען „ער" פון איהם די גראָהע „זי" אַוועקצונאַרען... ווי ער טוט דאָס שטענדיג.

און ער נעהמט זיך דערמאָנען, ווי אַט דאָ ניט לאַנג צוריק האָט געטראָפען, ווען ער האָט געמוזט אַביסעל פריהער פון חדר אהיים קומען, ווייל די קאָפּ האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן... ער נעהט אַרויף אויפ'ן בוידעם צו זיינע טויבען געוואָר ווערען... ערשט ער זעהט ווי שמערקע שטעהט אויבען, האַלט זיין גראָהע „זי" אין האַנט און וויל זיך שוין אַפּטראָגען...

ער געדענקט נאָך ווי איצט, מיט וואָס פאַר אַ כעס ער האָט

זיך אויף איהם ארויפגעוואָרפען. עפּעס נייע כחות האָט ער דאַ־מאָלסט דערפיהלט, און זיין קאָפּ־וועהטאָג האָט ער פארגעסען, און אָנכאַפּענדיג איהם פאר'ן גאָרגעל, האָט ער איהם צו דער ערד אַוואַרף געטאָן, שרייענדיג: „אהער גיב, שמערקע, די טויבען, ווארים איך דערשטיקט דיר! איך וואַרף דיך פון בוידעם ארונטער!“ און ער האָט עס טאַקע דאַמאָלסט ערנסט געמיינט, ווען ער זאָל אפילו וויסען, אז שמערקע וועט איהם מיט זיך ארונטער שלעפּען, און זיי וועלען ביידע צוזאַמען געה'רג'עט ווערען... אָבער די טוי־בען וואָלט ער ניט גערירט פון אָרט!...

שמערקע האָט איהם דאַמאָלסט נאָך אַ לענגערען ראַנגלען די טויב אָפּגעגעבען, נאָר ער האָט איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך שוין מיט איהם אָפּרעכענען אונטען. און די טויבען זיינע וועט ער היינט אָדער מאָרגען, ווי עס איז „איינע“ ביי „איינע“ איהם אויף להכעיס פון איהם אוועקנאַרען...

און עס קומט איהם ארויף אויפ'ן זינען יענע שרעקליכע נאַכט, ווען ער האָט שוין אַזוי גיך ניט געקענט איינשלאָפען. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך אויפ'ן געלעגער געוואָרפען, און עס האָט איהם פון אָרט געהויבען און צום בוידעם געצויגען... עס האָט זיך איהם אלץ אויסגעוויזען אַז מען קלאַפּט „אויבען“, אַז דאָס זיינען זיינע טריט, שמערקע'ס, ער קען שווערען!...

ערשט פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפען, און גע'חלום'ט האָט זיך איהם ווי שמערקע מיט נאָך אַ גאַנצע באַנדע חברה קלעטערען אויבען אויפ'ן בוידעם ארויף, און פון שלאָף האָט ער געוויינט און געשריען, ביז די מאַמע האָט איהם פון שלאָף אויפגעוועקט, און איהם פארזיכערט אַז מיט זיינע טויבען איז גאָר ניט געשעהן.

און וואָס וועט זיין איצטער? זיי דאַרפען באַלד אוועקפאָה־רען, און ער וועט זיך מוזען מיט זיינע ליעבע טייבעלעך גאָר אָן ניכען צושיידען. און ער פיהלט ווי אויפ'ן הארצען ווערט איהם אַזוי שווער, אַזוי שווער... אַז ער קען קוים דעם אָטעם אָפּציהען... די לופט אין דעם צימער ווערט איהם ענג און דריקענד... ער לויפט ארויס אין דרויסען, וואַרפט אַ בליק „אויבען“ צו דער עפענונג, פון וואַנען די טויבען קומען ארויס אויף דער גאַס, עס איז פוסט... די

גראָהע „זי" האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט. ער קוקט זיך ארום אין אַלע זייטען, אויף יעדען דאַך, אפשר וועט ער זי באַמערקען, אָבער ער זעהט זי ניט אין ערגעץ, פארפאַלען געוואָרען!

„שמערקע", ניט איהם אַז עגבער אין מוח, און מיט אַלע כחות נעהמט ער ארומלויפען איבער'ן גאַס זי זוכען, אָבער אומזיכט. און אַ פארקלעמטער קערט ער זיך אום צוריק מיט ליידיגען אַ היים מיט טרויעריגע געדאַנקען...

אַט שטעלט ער זיך פאָר ווי זיי וועלען באַלד דארפען אַפּפּאַה־רען, די טויבען וועלען בלייבען אויף הפקר, און שמערקע וועט וועד רען דער גאַנצער בעל־הבית איבער זיי... ער וועט זיי אויפכאַפּען און ארויפלאָזען צו זיך אויפ'ן בוידעם ארויף... און ער זעהט שוין די פרעהליכע מינע וואָס ער וועט מאַכען, און עס דוכט זיך איהם אוים ווי ער הערט איהם לאַכען אין אויער אריין, אויסשרייענדיג: „נו, הערשעלע, ווער האָט די טויבען? איך! איך האָב זיי געפּאַקט! כאַ, כאַ, כאַ, געפּאַקט!...

„אַ מכה דיר!" רייסט זיך ארוים פון זיך אליין אַ קללה פון זיינע ליפּען, „ניט דערלעבען וועסטו דאָס!" הערט ער זיך ניט אויף צו זיך אליין צו בייזערען, „בעסער וועל איך זיי איינם ביי איינם אויסשעכטען", באַשליסט ער ביי זיך, און ער לאָזט זיך געהן אויפ'ן בוידעם ארויף...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּאַרנאַכט. אויפ'ן בוידעם איז טונקעל און שטיל... עס הערט זיך ניט מעהר דאָס וואָרקען פון די טויבען, ווי אַלע מאָל, גלייך ווי זיי וואָלטען געפיהלט, אַז זייער קליינער בעל־הבית'ל פאַרלאָזט זיי באַלד. דער ווייסער „ער" זיצט שטיל, דעם קאָפּ אין שטרוי איינ־געגראָבען און רירט זיך פון אָרט ניט. נאָך עטליכע יונגע טויבען זיצען זיך צוגעדריקט איינע צו די אַנדערע און קושען זיך שטיל... די גראָהע „זי" פעהלט... הערשעלע, מיט אַ טרויעריגע מינע שטעהט און קוקט אויף זיינע טויבען, און ער פיהלט ווי אויפ'ן האַרצען ווערט איהם אַזוי שווער... אַז וויינען ווילט זיך איהם. אַז אומעט מיט אַ שרעק צוזאַמען נעהמען איהם ארום, און פאַר זיין אייגענעם שאַטען נעהמט ער זיך שרעקען.

דורכ'ן קליינעם פענסטערעל פונ'ם בוידעם האבען די לעצטע שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זון זיך אריינגעגנב'עט, און א רויטער פאס ליכט איז איבער די טויבען געפאלען, און אויסגע־וויזען האט זיך איהם, ווי ער זעהט זיינע טויבען ליגענדיג אין א קאלעזשע פון בלוט, די העלזעלעך איבערגעשניטען, די פלינעלעך מיט די שנאבעלעך אין רויט איינגעטונקט... און עס פליהט איהם דורך א געדאנק, אז דאס האט ער זיי צעשאכטען... און ציטערענ־דיג, פאר מורא וויל ער נעהמען אנטלויפען. אבער ער קען ניט, די פיס, פיהלט ער, זיינען איהם ווי צוגעשמידט אזוי, אז ער קען זיך פון ארט ניט רירען.

„מאמע !" האט זיך א געשריי פון איהם מיט די לעצטע קרעפ־טען ארויסגעריסען...

ווען זיין מוטער האט זיין קול און זיין פערצווייפעלטען אויס־רוף „מאמע" דערהערט, און ארויפגעלאפען זעהן וואס מיט איהר הערשעלען האט פאסירט, האט זי איהם געטראפען ניט ווייט פון די טויבען, אויף דער ערד, אין אנמאכט...

שטיוועלעך

חשון־צייט פלעגט זיך ביי די תלמוד תורה קינדער אָנהויבען א לעבעדיגע וועלט. מען האָט זיך געריכט אויף די שטיוועלעך, וועלכע מען פלעגט אויסטיילען פון שטאָדט צו די אָרימע תלמוד־תורה קינדער, מאַנכע פאר קליינע צו־צאָלונגען און מאַנכע אין גאַנצען אומזיסט.

די שטיוועלעך, א פּאָר הונדערט אין צאָל, פלעגען געמאַכט ווערען כמעט דעם גאַנצען יאָהר ביי יענקעל דעם שוסטער, וועלכער האָט שוין אויף דעם געהאַט א חזקה.

קיין גרויסע גליקען האָט יענקעל פון די שטיוועלעך ניט געמאַכט. ערשטענס, האָט יענקעל געקראָגען זעהר ביליג געצאָלט: קהל צאָלט זיך ניט איבער... צווייטענס, איז יענקעל געווען אַן ערליכער איד, וואָס האָט פיינט געהאַט צו פאַלשעווען. ווער שמועסט נאָך קריוודען אַן אָרים קינד, וואָס באַדאַרף אין די איינציגע פּאָר שטיוועלעך איבערווינטערען און נאָכדעם זיי אוועקגעבען פאר'ן קלענערען ברודער'ל... זאָל איהם גאָט שטראָפען פאר אזא געדאַנק!...

ער איז טאַקע א בעל־מלאכה א שוסטער, אבער אַן ערליכער מאַן איז ער, אָפּנאַרען קען ער ניט, ער זאָל אפילו וויסען פון הונגער אויסצוגעהן. אָט אזא מענש איז ער שוין!...

דערפאר אָבער האָט ער געהאַט פארגעניגען דעם גאַנצען יאָהר, טראַכטענדיג, אז ער טוט א הייליגע ארבייט... עפּעס א קלייניגקייט! ער טוט אַן שטיוועלעך אויף א פּאָר הונדערט נאַקעטע פיסלעך. וועלכע באַדאַרפען אין חדר אריין געהן תורה לערנען. ער איז געווען זיכער, אז גאָט וועט איהם אמאָל באַצאָלען כפל־כפלים — איז ניט אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט... ווי זיין גוטער ווילען וועט זיין. קיין בעל־חוב אָבער וועט ער איהם ניט בלייבען...

און ווער איז געווען צו יענקלען גלייך, ווען עס איז ענדליך אָנ־געקומען דער טאָג, ווען מען האָט באַדאַרפט די שטיוועלעך אויס־טיילן צו די קינדער?

גלייך פון פריה־מאָרגען פלעגט יענקעל אויף זיינע דאַרע איינ־געהויקערטע פּלייצעס, אַריבערשלעפּן איין זאַק שטיוועלעך נאָכ'ן אַנדערען צו בנימין דעם גבאי פון תלמוד תורה אין הויז אַריין. ער פלעגט זיי אויסלעגען אויף דער ערד אין דער גרויסער קיך, וואו די קינדער, צו עטליכע אין אַ גרופּע פלעגען שוין מיט אומגעדולד שטעהן און וואַרטען, צונויפגעדריקט איינע לעבען די אַנדערע, שטיל, שווייגענדיג, מיט רויטע בושה־פלעקען אויף זייערע קינדערשע צע־שראָקענע פנים'לעך.

די שטיוועלעך זיינען געווען איינגעטיילט אין דריי סאָרטען.

די, וועלכע האָבען געקענט צו־צאָלען אַ רובעל אָדער מעהר, האָבען באַקומען שטיוועלעך מיט גאַנצע כאַליאַווקעס, פון הויבען ביז אַראָפּ אָהן אַ נאָט... די זיינען געווען פון ערשטען סאָרט.

די, וועלכע האָבען צוגעצאָלט צו האַלבען רובעל, האָבען באַ־קומען שטיוועלעך מיט האַלבע כאַליווקעס... דאָס הייסט, די כאַליווו־קעס זיינען געווען איבערגעשניטען אין די אונטערשטע טייל נאָר מיט אַ „צינגעל" עס זאָל ניט קענטיג זיין קיין נאָט אין דער מיט...

די, וועלכע זיינען ניט געווען בכח אין גאַנצען צו־צאָלען, האָבען באַקומען „סאָלדאַטסקע" שטיוועלעך, דאָס הייסט, מיט אַן אָפענעם נאָט אין דער מיט... אָהן קונצען און אָהן פאַרשטעלעניש... ווי די שטיוועלעך וואָלטען אַרויסגעשריען: ביזטו אַ שלעפּער, צו וואָס דאָס פאַרשטעלען זיך? זאָלען אַלע וויסען און זעהן, אַז דו ביזט אַ קבצן... ניטאָ זיך וואָס צו שעהמען מיט אָרימקייט.

די גאָר אָרימע קינדער האָבען זיך אָבער געפיהלט אומגליקליך, באַזונדערס ווען דער גבאי האָט אין דער אַנוועזענהייט פון אַ פּאָר אָנגעזעהענע בעלי־הבתים און אין דער געגענוואַרט פון אַלע קינדער איינעם אַ פרעג געטאָן:

— אינגעל, האָסטו עפּעס מיטגעבראַכט צום צו־צאָלען?

דער אינגעל איז געבליבען זיצען שטיל און פאַרשעהמט... מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צו דער ערד... זיינע האַפנונגסלאָזע בליקען

האָבען אַרומגעוואַנדערט אויפ'ן באַרג מיט שטיוועלעך, וועלכע זיי־נען זיך רוהיג געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד מיט די „נע־זער" אַרויף. ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהם גערייצט, איהם אויס־געשטעלט אַ נאָז...

אַט זיינען זיינע בליקען געפאַלען אויף איין פּאָר און אַט אויף די צווייטע און דוקא אויף די פון ערשטען סאָרט... מיט די גאַנצע כאַליוּוקעס... גאַטעניו! וואָס פאַר אַ שעהנע שטיוועלעך די מיט די גאַנצע כאַליוּוקעס זיינען! — האָט ער געטראַכט — ווען ער וואָלט זיי נאָר געקענט באַקומען! זאָל כאָטש זיין די מיט „צינג־לעך"... אוי, ווען ער באַקומט זיי! וואָלט ער געוואָרען גוט און פרום, וואָלט אַלע טאָג געדאַווענט און געלערענט מיט כונה וואָלט ער...

„אָבער ער האָט דאָך ניט קיין געלט און ער וועט די שטיוועלעך ניט באַקומען", הויבט אָן אַ נאָגענדער צווייפעל צו פּייניגען זיין קינדערשע האַרץ, וועלכע קלאַפּט, קלאַפּט אָהן אָן אויפהער און וואַרט אויף אַ נס! און די פאַרשמאַכטע ליפּעלעך הויבען אָן צו מורמלען שטיל אַ פּסוק פון תהילים בעטענדיג אויפ'ן נס... און די אויגען ווערען אָנגעפילט מיט טרערען... די הענטלעך ציטערען אזש פון אויפרעגונג און שטומען געבעט..

אָבער דעם גבאי'ס בייזע און האַרטע שטימע טרייסעלט דעם אינגעל אויף פון זיינע חלומות. ער דערהערט ווי ער שרייט:

— העי, דו קבצניק! וואָס האָסטו זיך דאָרט אַזוי פאַרטראַכט? פאַר וואָס ענטפערסטו ניט, דו שגץ איינער, וואָס מען פרעגט דיר. האָסטו עפּעס מיטגעבראַכט אויף צום צו־צאָלען?

— גאָר ניט, גאָר ניט! — האָט דאָס אינגעל קוים אַרויסגע־שטאַמעלט און אַרונטערגעלאָזט פאַרשעהמט די אויגען.

— פון „דריטען סאָרט" — האָט דער גבאי אומ'רחמנות'דיג פאַרזייגעלט דעם אינגעל'ס גזר־דין.

דער אינגעל האָט זיך צעוויינט אויפ'ן קול...

זיין תפילה האָט ניט געהאָלפען, דער נס איז ניט געשעהן.

ווען דער אינגעל האָט זיך פון אָרט אויפגעהויבען, האַלטענדיג

די „סאַלדאַטסקע" שטיוועלעך אין זיינע ציטערדיגע הענט, האָט ער, פלאַמענדיג פון רויטקייט, געזוכט אויסצומיידען די אַנדערע קינ־דער'ס בליקען...

— נו, שאַ! וויין ניט אינגעל! איז איהם יענקעל דער שוס־טער נאָכגעגאַנגען און איהם שטיל אריינגעמורמעלט אין אויער — ווערסט קומען צו מיר מאָרגען, וועל איך דיר די שטיוועלעך אומבייטען אויף גאַנצע, הערסט? מעגסט מיר גלויבען אויף מיין וואָרט...

דער אינגעל האָט זיך באַרוהיגט.

יענקעל דער שוסטער, האָט ער געוואוסט, האַלט וואָרט...

דער ערשטער טאָג

באַלד דעם ערשטען טאָג נאָך פּסח האָט װעלװעל׳ס פֿאָטער איהם אַרויפֿגעפֿיהרט צו לייבע דעם שניידער אויפֿ׳ן בוידעם אַרויף. אין דער לער איהם אָװעקצוגעבען.

זיי האָבען געטראָפֿען לייבע׳ן, אַ איד שוין אין די עלטערע יאָהרען, אַ הויכער, מיט אַ ברייטליכער באָרד, מיט דעם אויסזעהן פֿון אַ למדן, שטעהן ביים טיש מיט אַ װייסען קרייט אין האַנט, צייכענענדיג אַ שװאַרצע גראָבע שטיק סחורה. אַט האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו איין ברעג טיש, באַלד צום צװייטען, עפּעס אָנגעצייכענט, נאָכדעם עפּעס געטראַכט, גערעכענט, אויסגעמעקט און װידער געפֿיהרט מיט דער האַנט איבער דעם גראָבען געװאַנט, װי ער װאָלט ניט קענען קומען צו אַ באַשלוס װי אַזוי מען מאַכט דאָ, אַז דער מלבוש זאָל זיין גענוג לאַנג און ברייט, און עס זאָל נאָך איבערבלייבען אַ שטיקעל יתור... די ברילען, װעלכע ער האָט געטראָגען אויף זיין גראָבע, לענגליכע נאָז, האָבען זיך בשעת מעשה געשאָקעלט און אַרומגעװאָרפֿען הין און צוריק, װי זיי װאָלטען שטאַרק אומרוהיג געװען פֿון זייער טראָגער׳ס פֿאַרלעגענהייט און געװאָלט איהם מיט עפּעס באַהילפֿיג זיין.

װען זיי זיינען אַריינגעקומען האָט לייבע ניט געהערט. דער טאַטע מיט׳ן זוהן זיינען געבליבען שטעהן פֿון װייטען, ניט װיסענדיג װאָס זיי זאָלען דאָ אָנהויבען צו טאָן.

ערשט דאַמאָלסט װען װעלװעל׳ס פֿאָטער האָט אייניגע מאָל אַ הוסט געטאָן, האָט זיך לייבע אַ כאַפּ געטאָן װי פֿון שלאָף, אומגעדרעהט דעם קאָפּ, געװאָרפֿען אַ שאַרף דורכדרינגענדען בליק דורך די ברילען, פֿריהער אויפֿ׳ן טאַטען נאָכדעם אויפֿ׳ן זוהן, און אָפּמעסטענדיג דעם אינגעל פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן ביים פֿאָטער:

— איז דאָס שמעון, דיין בחור׳ל, פון וועמען מיר האָבען גע־רעדט, אז דו ווילסט איהם אוועקגעבען אין דער לער?

— יא, דאָס איז ער — האָט וועלוועל׳ס פאָטער געענטפערט. איך האָף אז ער וועט מיט גאָט׳ס הילף ווערען א לייט, דו וועסט איהם שוין מאכען פאר א גוטען בעל מלאכה...

— נו, וואס איז שייך, — האָט לייבע אָפּגעענטפערט צו־פרידען, פיהלענדיג זיך געשמייכעלט פון דעם קאָמפּלימענט, — ווי דו ווייסט, האָבען שוין ביי מיר עטליכע לערען־יונגען אָפּגעדינט, און אלע, קען מען זאָגען, זיינען פון מיר ארויס גוטע, אויסגעציי־כענטע בעל־מלאכות און פארדינען שטיקער געלט. איינער איז אין ווארשא, פיהרט א גרויס מאסטערסקאיא פאר זיך. דער צוויי־טער דינט אין סלוזשבע און איז דארט אין פאָלק, שרייבט ער, דער נאנצער זאקראָישטשיק, און האָט דריי בענדלעך. דער דריטער, קענסט דאָך איהם, שלמה׳קעלע, האָט חתונה געהאט און ארבייט פאר זיך, וואוינט דאָ ניט ווייט פון מיר און נעהמט אוועק א סך פון מיינע קונדען, דער שארלאטאן! ביי זיין אלטען מייסטער נעהמט ער אוועק דאָס שטיקעל ברויט! נאר וואס איז דא צו שמו־עסען, איך רעד דאָס אנטקעגען דעם, וואָס איך האָב זיי אלע גע־מאכט פאר מענשען, און איך האָף, אז איך וועל דיינעם אויך מאכען פאר א מענש. אויף וויפיעל ווילסטו דאָס איהם אוועק־נעבען?...

— איך רעכען אויף צוויי יאָהר, — האָט איהם וועלוועל׳ס פאָטער אָפּגעענטפערט.

— אויף צוויי יאָהר גאָר? — האָט זיך לייבע פאר׳חדוש׳ט — אויף צוויי יאָהר? ווער גיט עס אוועק אויף צוויי יאָהר? וואָס קען מען אויפטאָן אין צוויי יאָהר? וואָס קען מען דען אויסלערנען אין צוויי יאָהר? ווען דו ווילסט, אז דיין אינגעל זאָל ארויסקומען א גוטער בעל־מלאכה, מוזטו איהם אוועקגעבען אויף מעהר. וועהניגער ווי אויף פיער יאָהר נעהם איך ניט צו.

— נו, זאָל זיין אויף דריי יאָהר — האָט שמעון געפּרופט אראָפּדינגען.

— וועהניגער ווי אויף פיער וועט עס ניט געהן — האָט לייבע געענטפערט אַנטשלאָסען.

— און וואָס איז מכח, לאָמיר זאָגען, איך מיין... וועגען עסען?

— האָט שמעון אַרויסגעשטאַמעלט, — דו ווייסט דאָך, איך בין אַ איד אַן אָרימאַן און ער איז ביי מיר ניט קיין איינציגער.

— עסען? — האָט זיך לייבע אַ קרים געגעבען.

— ווי געוועהנליך, פאַרלאַנג איך ניט, אַז ער זאָל עסען ביי דיר די גאַנצע צייט פון טערמין, — האָט שמעון פּראָבירט פאַרלייכטערען די זאַך, זעהענדיג ווי לייבע האָט זיך פאַרקרימט. — אָבער די ערשטע צוויי יאָהר מוז ער עסען ביי דיר. זעהסטו שפּעטער...

— און וויפיעל דענקסטו צוצאָלען? — האָט איהם לייבע פּלוצלינג איבערגעשלאָגען.

— צוצאָלען, צוצאָלען גאָר? — איז שמעון אַזש פון אָרט אויפגעשפּרונגען, — אַוואו וועל איך דאָס דיר נעהמען צום צוצאָלען? און דאָס וואָס ער וועט ביי דיר אַרבייטען פיער יאָהר אומזיסט איז דיר נאָך וועהניג?

— דאָס וואָס ער וועט ביי מיר אַרבייטען פיער יאָהר אומזיסט טוט ער מיר קיין טובה ניט, — האָט לייבע אַרויסגערעדט מיט אַ ניגון ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ איד אַ בעל מלאכה, וואָס קען אויך אַריינקוקען אין אַ ספר. — די פיער יאָהר וועט ער גאָר ניט פאַרדינען, ער וועט לערנען די אַרבייט.

— כ'מיין אויף זיין שטיקעל ברויט וועט ער נאָך שטענדיג פאַרדינען — האָט שמעון צוריקגעענטפערט.

— הלואי זאָל עס אמת זיין, — האָט לייבע אַ הויב געטאָן מיט זיינע ברייטע ברעמען, צו די צעהן רובעל איז דאָס אָבער ניט שייך. ווילסטו צוצאָלען צעהן רובעל איז גוט, און ווען ניט איז דאָך ניטאָ וואָס צו שמועסען, — האָט לייבע דערענדיגט אומדרעהענדיג דעם קאָפּ צוריק צו דער אַרבייט.

— כ'וואָלט אפשר געוואָלט, נאָר איך קען ניט — האָט שמעון אַרויסגערעדט, האַלב בעטענד, האַלב פאַרדריסליך, און זיין שטימע

האָט געקלונגען מיט אַזאַ טאָן, ווי ער זאָל זאָגן: זעה, נעהם אוועק דעם בחור פון מיר, ער שטעלט מיך פּשוט בדלות, — נעהמט אוועק דעם לעצטען ביסען ברויט פון די קלענערע קינדער, אַזאַ בחור...

אַ פּאָר מינוטען איז געווען שטיל. לייבע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דעם קאָפּ אומגעדרעהט צו דער ארבייט און ווידער עפּעס געצייכענט און גערעכענט פארטראַכטערהייט. עס האָט אויסגעוויזען ווי ער וואָלט גאָר אין גאַנצען פארגעסען וועגען דעם מסחור.

שמעון מיט זיין אינגעל זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ תשובה, נאָר זעהענדיג, אַז עס נעהמט קיין סוף ניט, איז שוין שמעון אמת בייז געוואָרען און זיך אָפּגערופען:

— ווי איך זעה האָסטו גאָר פארגעסען, אַז דאָ שטעהט מען און מען וואַרט, און דו ווילסט אונז, הייסט עס, גאָר ניט ענטפערען. טאָ קום־זשע, וועלוועל! — האָט ער אַ נעהם געטאָן דעם אינגעל פאר'ן האַנט און אַ שלעפּ געטאָן איהם מיט זיך.

ביים טיר אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן הויך:

— איז וואָס־זשע? איז טאַקע, הייסט עס, גאָר ניט געוואָרען? באַדאַרף מען ניט!...

לייבע האָט מיט אַמאָל אומגעדרעהט דעם קאָפּ, און דערזעהענדיג דעם פאָטער מיט'ן אינגעל שטעהן ביים טיר האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו, הם... וואָס זאָל איך מיט דיר מאַכען?! מילא אז דו האָסט ניט איז דאָך ניט שייך. וועלען מיר עס אָפּמאַכען אויף אויסצוצאָלען. וויפיעל דו וועסט קענען וועסטו געבען באַלד, דאָס איבריגע וועסטו ארייננוואַרפען ווען דו וועסט האָבען. מען איז דאָך עפּעס אייגענע מענשען, בעלי־מלאכות. ניין, אה, שמעון, וואָס זאָגסטו? — האָט ער אין גאַנצען געענדערט דעם טאָן. איך וועל איהם מיט גאָט'ס הילף מאַכען פאר אַ בעל־מלאכה, וועסט מיר, זאָג איך דיר, ברודער דאַנקען! שניידעריי, ברודער, באַדאַרפטו וויסען,

איז אַן ערדענע זאַך. מען באַדאַרף דאָס קענען. פאַרשטעהסט! עס ליגט אין דעם קונץ.

און דאָ האָט זיך לייבע צורעדט און צורעדט, זיך אָנדער־צעהלט פאַרשידענע מעשיות מיט משלים פון דער שניידעריי, ווי למשל, מאַכענדיג אַמאָל חתונה־מלבושים, פאַר דעם אָדער פאַר יענעם רייכען חתן־בחור, איז מען געלאָפען אויף בייז וואונדער אָנקוקען... איינער אַ פּריץ, אַ געוויסער מיזטשיסקי, האָט איהם אַמאָל, ווען ער האָט פאַר איהם פאַרטיג געמאַכט די אַרבייט, די האַנט געדריקט און געזאָגט: לייבע, דו ביזט דער בעסטער שניי־דער וואָס איך האָב ווען באַגעגענט, עס איז נאָר אַ שאָד וואָס דו ליגסט אין אַזאַ קליין שטעדטעל, דיר פּאַסט צו וואוינען אין אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי וואַרשא, וואָלסטו דאָרטען געגעהט פאַר'ן גע־נעראַל־גובערנאַטאָר, פאַרשטעהסט, שמעון! עס איז ניט קיין קליי־ניגקייט ווען אַ פּריץ זאָגט אַזעלכע ווערטער! — האָט לייבע דער־ענדיגט מיט שטאָלץ. — איצט, שמעון ברודער, ועסטו דאָך דאַכט זיך הייסען געבען אַביסעל בראָנפען. מיר האָבען דאָך עפּעס אָפּגעשלאָסען אַ מסחר מיט מזל.

— געוויס! געוויס! — איז שמעון געווען צופרידען. — ווי קען עס גאָר אַנדערש זיין? אַז צוויי בעל־מלאכות טרעפען זיך צוזאַמען נעהמט מען שוין במילא אַ ביסעל בראָנפען.

און ביידע זיינען זיי אַוועק אין גאַס.

וועלוועל איז געבליבען אַליין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום הויז. אין שטוב איז קיינער ניט געווען אויסער די שוואַרצע קאַץ, וועלכע איז געשטאַנען שטי־לערהייט און פאַר'גנב'עט געקוקט מיט איהרע קעצישע פינקעל־דיגע אויגען צום אונטער'ן בעט, אויף עפּעס געלויערט.

דער אַלטער אָפּגעריבענער זייגער וואָס איז געהאַנגען אויף דער האַלב־אָפּגעקראַכענער וואַנט, איז זיך געגאַנגען זיין אַלטען געוועהנליכען שווערען גאַנג. לאַנגזאַם האָבען זיך געשלעפּט די שוואַרצע גראָבע ווייזערס, ווי זיי וואָלטען שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט זיך צו באַוועגען.

אונטער'ן קוימען האָט געברענט אַ קליינער פייער, לעבען

וועלכען עס איז געשטאַנען אַ טעפּעל מיט וואַסער, זיך געקאָכט און אומהיימליך הייזעריג געזאָדען.

וועלוועל איז געשטאַנען און באַטראַכט די נייע היים וואו ער וועט באַדאַרפען אָפּפינסטערען גאַנצע פיער יאָהר אין דער לער. זיצען אימער איינגעבויגען אַט דאַ אויף דעם צעבראָכע־נעם ביינקעל אַנטקעגען דעם אַלטען ר' לייבע'ן און נעהען.

עס איז איהם געוואָרען שרעקליך אומעטיג ביי דעם געדאַנק־און דערפיהלט האָט ער די מינוט אַזוי עלענד און פרעמד, ווי מען וואָלט איהם פאַר הונדערטער מיילען ווייט פון דער היים אַוועקגע־פיהרט, און איינגעשפּאַרט אין אַ שטילען אומעטיגען חדר, וואו ער וועט באַדאַרפען פאַרבלייבען גאַנצע פיער יאָהר.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט מיט אַמאָל דורך דעם שמאָלען פענסטער דערזעהן אַ שעהנעם ליכטיגען טאָג. דער הימעל איז געווען קלאָר און לויטער. די זון האָט געלויכטען און ליעבליך געוואַרימט און געלאַשצעט דאָס שטעדטעל.

אַנטקעגען איבער'ן פענסטער האָט זיך לאַנג און ברייט גע־צויגען דער שטאָדטישער טייך, וואָס האָט זיך נאָר וואָס באַפרייט פון אייז. אויפ'ן וואַסער האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די אומצעהליגע שטראַהלען פון דער זון, וועלכע האָבען זיך אין גאָלדענע שטריי־פען פאַרוואַנדעלט.

אַריבער איבער'ן וואַסער איז אַ לאָנקע געווען. דאָס גראָז וואָס איז שוין געווען גרין, האָט פון ווייטענס ווי אַ גרינע סאַמע־טענע דעקע אויסגעזעהן, יונגע בוימעלעך האָבען געבליהט און זיך געהוידעט אהין און אהער פון דעם לייכטען ווינטעל וואָס האָט געבלאָזען אַזוי מחיה'דיג וואַרים.

וועלוועל איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט און ניט געקענט אַפּרייסען די אויגען פונ'ם דרויסען.

ער האָט געקוקט צום וואַסער און האָט געזעהן ווי אינגלעך, וועלכע זיינען נאָך דעם טאָג פריי געווען פון חדר, שטעהן און שפּיעלען זיך, וואַרפענדיג שטיינדעלעך אין וואַסער, דאָס וואַסער גיט אַ פּליוסק, פאַרשפּריצט זיי פון קאָפּ ביז די פיס און חברה

ווערענדיג ווילד פאַר שמחה צעלויפען זיך מיט אַ פרעהליכען געלעכטער.

— יענקעל! שמערעל! — רופט איינער דעם אַנדערען, קום, לאָמיר געהן אַט דאָרט אַהין, דאָרט שווימען אַרום גרויסע פיש! העכט! נו, שנעלער! חברה! — מונטערען זיי איינע די אַנדערע, און די קולות מישען זיך צונויף אין איין קול. און עס דוכט זיך איהם, אַז אַט הערט ער אויך זיין נאָמען וועלוועל אויס־רופען. דאָס רופען זיי איהם אַז ער זאָל געהן מיט זיי. אודאי, זיי זיינען דאָך זיינע חברים פון איין חדר. ער איז דאָך ערשט נעכ־טען צוזאַמען מיט זיי אַרומגעלאָפען, געשטיפט, געשפּרונגען, גע־שפּיעלט אין באַהעלטעניש, געקראַכען אויף די פּאַרקענס, איבער־געקערט אַ וועלט, אַ פריידער פויגעל געוועזן.

און עס ווערען איהם מיט אַמאָל אַזוי ליעב די חברים, אפילו די, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפט קריגען און צעשלאָגען. ער וואָלט, דאַכט זיך איצטער מיט זיי אַלעמען שלום געוואָרען.

— יענקעל! שמערעל! װעלװעל! — הילכט איהם אין די אויערען, און עס באַפאַלט איהם אַ שטאַרקער חשק אין דרויסען צו לויפען. עס נעהמט איהם ציהען אין גאַס ווי מיט צוואַנגען.— כ'וויל אין גאַס אַרויס!—שטורעמט און ברויזט אין איהם אַ געפיהל אויסגעמישט מיט עפּעס אַזאַ נאַגענדע בענקשאַפט. כ'וויל אין גאַס אַרויס! הערט ניט אויף צו האַמערען אין זיין יונגען מוח און ניט קענענדיג זיך באַהערשען האָט ער זיך געלאָזט לויפען צו דער טיר.

— שטעה! דו ממזר איינער! וואוהין לויפסטו דאָס אַזוי צו אַלדע רוחות?! האָט איהם באַגעגענט לייב'ס גראָבע שיכור'ע שטימע — קום נאָר אַהער, גיב מיר דיין האַנט און העלף מיר אויף די טרעפּ אַרויפקריכען, וואָרים איך ווער אַ גע'ממית'טער! נו, וואָס שטעהסטו דאָרטען ווי אַ סלופּ? גיכער נו, דיר זיך, וואָרים דו קריגסט פון מיר אַ פּלעם אַז אַלע ציינער וועלען דיר פון מויל אַרויספאַלען. דו הערסט צו ניין! אַ שוואַרץ יאָהר אויף דיין טאַטען!...

ווע‏לוועל האָט איהם ציטערענדיג דערלאַנגט די האַנט, וועלכע לייבע האָט ווי אַ וואָלף אַ כאַפּ געטאָן און אַזא שטאַרקען

דריק געטאָן אַז װעלװעל האָט דערפיהלט אַ שטאַרקען שמערץ. ער האָט געוואָלט אויסשרייען פון וועהטאָג, אָבער ער האָט מורא געהאַט די מויל אויפצועפענען. פאַרקריצענדיג מיט די ציין און פאַרבייסענדיג די ליפּען ביז בלוט, האָט ער זיך מיט איהם קוים אַרויפגעשלעפּט צום טיר, װעלכע לייבע האָט מיט אַ שטאַרקען זעץ געעפענט, און ביידע זיינען אַריינגעפאַלען אין הויז אַריין.

— און וואו איז סאָשע ביילע? נאָך אַלץ ניטאָ? און דער איבערבייסען קאָכט זיך נאָך, נאָך אַלץ ניט פאַרטיג, זאָל אַריין אַ רוח !... האָט זיך לייבע אַ שיכור'ער געקאָכט און געבייזערט — וועפּקע! פּייפּקע! ווי הייסטו דאָרטען, דו קליינער משומד?! נעהם אַ קוואָרט וואַסער און לעש אויס דאָס פייער, אַ חלירע זאָל אין איהר...

די לעצטע ווערטער האָט לייבע קוים אויסגערעדט. אַ וואַקלענדיגער אויף די פיס איז ער אַװעקגעפאַלען אויף דער אַלטער צעבראָכענער שלאָף־באַנק און טיעף איינגעשלאָפען.

װעלװעל האָט זיך שטיל און צעשראָקען אַרויסגעכאַפּט פונ'ם הויז.

אין סאַד

עס איז שבת נאָכ'ן עסען.

די זון באַקט דאָס שטעדטעל. מענשען באַהאַלטען זיך אונ־טער'ן שאָטען פון די אַרומיגע בוימער, וואָס שטעהן נאָהנט לעבען די הייזער. די מעהרסטע טייל אָבער, ליגען מיעדע אין זייערע הייזער און שלאָפען געשמאַק נאָך אַ לאַנגע וואָך שווערע האָרעוואַניע.

בלויז דער יונגער עולם קען ניט בלייבען רוהיג זיצען אין שטוב אָדער פאַר'ן הויז. עס ציהט ערגעץ אַוועקצוגעהן.

און וואו צו געהן פעהלט ניט אויס. מען קען געהן אונטער'ן שטאָדט צווישען די קאָרן... אויף דער צווייטער זייט „נײשטאָדט", צום וואַלד. און אויף דער „זאַדאַבזשע" — אַ ברייט פעלד מיט הויכע גראָזען און יונגע געדיכטע בוימלעך...

אָבער געהן, געהט מען אַמייסטען אין סאַד. אונטער'ן שטאָדט צווישען די קאָרן באַקט די זון. אַהין וואָלט גוט זיין צו געהן פאַרנאַכט, ווען די זון האַלט זיך אין אַרונטערלאָזען... דאַ־מאָלסט אָבער, הייבען זיך אָן די שפּיצען פון די זאַנגען צו רויטלען... און ווען אַ קיהל שטיפעריש ווינטעל וויגט זיי פאַנאַנדער, דאַכט זיך אויס, ווי אומצעהליגע בלוטיגע שפּיזען וואָלטען זיך אַנטקעגען געשטרעקט... און עס באַפאַלט דאָן עפּעס אַ געהיימניספולע שרעק.

צום וואַלד איז זעהר אַ ווייטער מהלך. מען ווערט מיעד און שלעפעריג איידער מען קומט אַהין. צו דער „זאַדאַבזשע" איז שוין דוקא נעהנטער, באַדאַרף מען זיך אָבער תמיד אַרומשלאָגען מיט צאַפּניק'ס הינט, וועלכע ער שיקט אימער אַרויס מקבל פּנים זיין די שפּאַצירענדע זשידעס. בלייבט, אַלזאָ, איבער נאָר דער סאַד, וואָס געפינט זיך כמעט אין שטאָדט גופא.

איז אָבער די צרה, וואָס דער סאַד צייכענט זיך ניט אויס מיט באַזונדערע פרייהייט...

דעם סאַד האַלט אַפּגעדונגען אַנשעל רייזעל׳ס. אַנשעל איז אַ הויכער דראַנגעוואַטער איד, וואָס פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע קו־לאַקעס. אויף דעם אָרט וואו אַנשעל׳ס קולאַקעס גיבען אַ זעץ, וועט שוין קיין האָר ניט וואַקסען... און אַ פּאָר אויגען האָט ער בייזע און שפּיציגע. ער דערקענט שוין זיינע סוחרים, ווער עס גיט צולייזען און ווער ניט... ווער עס כאַפּט זיך אַריין גלאַט אַזוי אַ ביסעל זיך אָפּרוהען, און ווער אַ פּרוכט אָפּצורייסען בגנבה.

און וועה איז צו דעם, וועמען אַנשעל פּאַקט!... יענער וועט זיך שוין פון זיינע הענט ניט אַרויסדרעהן...

ערגעץ אין מיטען סאַד, צווישען עטליכע געדיכטע בוימער, שטעהט אַ לייוועגטענע בודע, וואו עס זיצט אַנשעל און זיין ווייב מיכלע, אויך אַ הויכע, דראַנגעוואַטע, מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט. ביידע זיצען זיי און טיילען אויס זייער סחורה — עפּעל און באַר־נעס און נאָך אַנדערע פאַרשידענע פרוכטען — צו די יעניגע, וועלכע האָבען ביי זיי אַ גוטען קרעדיט און צו אַזוינע וואָס האָבען נאָך פרייטאָג אין פאָראויס באַצאָלט.

די וועלכע האָבען ביי אַנשלען און זיין אידענע קרעדיט, זיינען מייסטענס די רייכסטע בעל־הבתי׳שע קינדער פונ׳ם שטעדטעל. בחורים און מיידלעך, וועלכע געהן זעהר רייך געקליידעט און אויף וועמעס פּנים׳ער עס ליגט אויסגעגאָסען אַ צופרידענער, רייכער, זאַטער שמייכעל — זיי געהן צו צו די בעל־הבתים שטאָלץ און זיכער און הייסען זיך געבען פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע. און קוקען, קוקען זיי אויף די פאַרקויפער מיט אַ מינע פון פאַר־אַכטונג, ווי זיי וואָלטען אויסדריקען זייער אומצופרידענהייט מיט דעם, וואָס זיי מוזען זיך איין מאָל אין וואָך, שבת, אַרונטערלאָזען האַנדלען מיט אַזעלכע פּראָסטע מענשען, אויף וועלכע זיי שעהמען זיך אין מיטען וואָך אפילו אַ קוק צו טאָן...

אַנשעל און זיין אידענע באַהאַנדלען אָט די רייכע סוחרים זעהר אויף אַ דעליקאַטנעם שטייגער... שמייכלענדיג מיט אונטער־טעניגע מינעס, טראָגען זיי אונטער פאַר זיי אַלעס וואָס זיי ווינשען, מאַכען דערביי פאַרשידענע חנופה׳שע שטיק... קריכען ממש פאַר זיי אויף אַלע פיער, בויגען זיך פאַר זיי אין דרייען.

די וועלכע האָבען ביי אַנשלען און זיין אידענע אַ קלענערען קרעדיט, זיינען אויך בעל־הבתי'שע קינדער, נאָר אַביסעל, לויט זייער מיינונג, פון אַ קלענערען גראַד... צו אַזעלכע קרעדיטניקעס באַנעהמען זיי זיך אַפּילו אַ ביסעל שטרענגער, אָבער דאָך ניט אָהן דרך־ארץ... אַזעלכע מוזען שוין, צום ביישפּיעל, ענטפערען אויף אַ פּאָר זייטיגע פראַגען, וואָס אַנשעל און מיכלע פרעגען ביי זיי איידער זיי באַשליסען צי זייער קרעדיט איז גוט אָדער ניט...

די טרויערינגסטע און גרויזאַמסטע באַהאַנדלונג קריגען די פּראָסטע בעל־מלאכות, וועלכע האָבען נאָך פרייטאג באַצאָלט אין פּאַראַוים. אויף זיי קוקט אַנשעל און זיין אידענע ווי אויף שנאַ־דער, און אַלס אַזעלכע ווערען זיי באַהאַנדעלט... זיי ווערען פון זיי געשליידערט פון איין אָרט צום אַנדערען און מאַנכעס מאָל, אין גאַנצען אַרויסגעוואָרפען פון דער בודע מיט געשרייען און געוואַל־דען, אַז זיי, די שנאָרערס, באַ'גנב'ען זיי, שטעלען זיי בדלות... און שטעלט זיך איינער איין און פאָדערט די סחורה פאַר דעם געלט וואָס ער האָט מיט אַ טאָג פריהער באַצאָלט, גיט איהם אַנ־שעל צו פיהלען דעם טעם פון זיינע קולאַקעס, און עטליכע פון זיין אידענעס קללות באַגלייט איהם...

זיצען זיך אָט די אַלע גביר'שע קינדער אין דעם קליינעם האַלב־אָפּענעם, הילצערנעם הייזעל, וואָס איז אַרומגעפּלאָנצט מיט פאַרשידענע בלומען... אַלע פרישע, געזונדטע און מונטערע. מען רעדט הויך און מען לאַכט חוצפה'דיג... מיידלעך מיט בחורים זיצען זיך ענג צוזאַמענגעדריקט איינע לעבען די אַנדערע און מען עסט די זיסע, שמעקענדיגע פרוכטען, וואָס ליגען אויסגעלעגט פאַר זיי אויף די ווייס־סערווירטע טישלעך... אָפּטמאָל נעהמען זיך איינע די אַנדערע אַרום, מען רוימט זיך איין אַ סוד אין אויער, פון וועל־כען ביידע צעלאַכען זיך... דער געלעכטער טראָגט זיך באַלד אַריבער פון איינעם צום אַנדערען. און באַלד ווערט פון אַלע איין געזונדטער און פרישער געלעכטער, וואָס הילכט אָפּ איבער'ן סאָד.

פון צייט צו צייט רייסט זיך אַריין אַ זון־שטראַהל, שטיפט און שפּיעלט זיך מיט די בחורים'ס גלאַנציגע קאַפּעלושען, מיט די

רייכע מיידעלשע לאָקען, און זאָגט דערביי: גוט איז אייך, רייכע קינדערלעך, אָהן דאגות און אָהן זאָרגען. גוט, גוט...

ביי די זייטען ערגעץ ארום פּאַרקאַן קריכען ארום די פּראָסטע בעלי־מלאכות — בחורים און מיידלעך. די בחורים, מיט אומע־טיגע פאַרטראַכטע געזיכטער, טראָגען אין זייערע שווער אָנגעהאָרע־וועטע הענט טיכלעך, אין וועלכע עס ליגט דאָס ביסעל פּרוכט, וואָס זיי האָבען פאַר זייער פּאַראַוים באַצאָלטען געלט קוים אויס־געבעטען. מען איז מכבד די מיידלעך, וועלכע שלינגען מיט אַפּעטיט... רעדען רעדט מען וועגען דער ארבייט, וועגען דעם שווערען יאָך און לאַנגע שטונדען.

— ווידער לאַנגע שטונדען — קלאָגט זיך א בלאַס מיידעל, א נעהטערין, און איהר שטימע קלינגט אַזוי שטיל און טרויעריג — און ערשט ניט לאַנג איז דאָך שוין אויף די ארבייטער א שטיקעל ישועה געוועזן. אפילו ביי אונז אין שטעדטעל האָט מען דאָך שוין נאָר ביז זעקס א זייגער געאַרבייט, און היינט?...

— וואָס געוועזן איז שוין פאַריבער, — ענטפערט שטיל, אין דעם זעלבען טרויעריג־אומעטיגען טאָן, א בלייך שניידער־אינגעל — די בעל־הבתים האָבען צוריק אויפגעהויבען די קעפּ. די רעאַק־ציע הערשט ווידער...

— שאַ, זאָל זיין שטיל! אַנשעל געהט! — באַמערקט א דריטער — שאַ!...

אַנשעל באַווייזט זיך מיט זיין הויכען דראַנגעוואַטען גוף... ער קוקט אויף זיי נעהיימניספול מיט זיינע שפּיציגע אויגען.

— און וואָס טראָגט איהר דאָס, אידען, אַזעלכעס אין אייערע פּאַטשיילעס? — ברומט ער ארוים אויף זיין הויכען גראָבען קול — מן הסתם מיך שוין גענוג בדלות געשטעלט, האַ!...

דאָס האָט איהר דאָך אונז אליין געגעבען פאַר די געלט וואָס מיר האָבען אייך נעכטען באַצאָלט אין פּאַראַוים, — ענט־פערט איינער פון דער קאָמפּאַניע ניט דרייסט.

— אַזוי? — צעשרייט זיך אַנשעל נאָך העכער — זאָל איך אייך גלויבען אויפ'ן וואָרט! פונדעסטוועגען שאַדט ניט איהר זאָלט

אַ ווייז טאָז. בינדרט־זשע, זייט מוחל, אַפּ די פּעקלעך און לאָמיר זעהן! — באַפעהלט אַנשעל.

מען פאָלגט איהם, און נאָכדעם ווי אַנשעל טאַפּט און קוקט איבער גוט יעדער פּרי באַזונדער, וואַרפט ער זיי עם בייז צוריק, בור־טשענדיג דערביי: איהר זאָלט נאָר ניט רייסען פון די בוימער. אַ קשיא אויף שניידער־יונגען! און ער ווערט פאַרשוואונדען.

אויף יענער זייט פּאַרקאַן, וואָס איבער'ן סאַד, זיינען אין דער צייט געשטאַנען צוויי אָפּגעריסענע אינגלעך, חברים, און זיך גע־ישוב'ט צי זיי זאָלען אַריבערקלעטערען איבער'ן פּאַרקאַן אין סאַד אַריין, צי ניט.

— אַז איך האָב מורא, אַנשעל וועט אונז כאַפּען.

— איך האָב אויך מורא! — ענטפערט דער צווייטער.

— לאָמיר איינשטעלען! — באַשליסעןביידע.

און ביידע זיינען אַריבערגעקראָכען דעם פּאַרקאַן...

אין אַ פּאָר מינוטען ארום האָט זיך שוין געהערט דאָס ביטערע געוויין פון ביידע אינגלעך, וועלכע האָבען זיך געריסען פון אַנשעל'ס אייזען־שטאַרקע הענט.

— איהר וועט זיך שוין פון מיר ניט אַרויסדרעהען, גנבים!

— האָט אַנשעל'ס גראָבער און ווילדער קול אָפּגעהילכט איבער'ן סאַד — נאָט! נאָט!...

צאַפּניק

ביי צאַפּניק'ען אויפ'ן לאַנקע איז געווען דער אָרט, וואו די קליינשטעדטעלדיגע יוגענד פלעגט זיך פאַרזאַמלען אין די שעהנע זומערדיגע שבתים־טעג, דעם איינציגען פרייען טאָג אין דער וואָך צו פאַרברענגען.

קיין שעהנערען און אַנגענעהמערען מקום־מנוחה, האָט זיך די יוגענד ניט געקענט ווינשען.

דאָס איז געווען אַ ברייטער, פרייער פּלאַץ, באַצויגען מיט אַ הויכען גריינעם גראָז, פון וועלכען עס האָט זיך געטראָגען אַ געשמאַקער, דופטענדער ריח און זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער'ן געגענד. ערטערווייז ביי די זייטען אין פאַרשידענע טיי־לען, האָבען יונגע פרישע בוימלעך געבליהט, אונטער וועלכע די יו־גענד פלעגט זיך באַהאַלטען פאַר די שטראַהלען פון דער זון. און פּאַרלעכווייז, אָדער גרופּענווייז פאַרברענגען.

דאָס פאַרברענגען איז צוגעגאַנגען פאַרשידענאַרטיג יעדערער אויף זיין, אָדער איהר שטייגער.

אָט האָט זיך אַ פּאָרעלע פאַרקליבען ערגעץ אונטער אַ גע־דיכטען בוימעל, און מיט גרויס אינטערעס האָט ער פאַר איהר פאָרגעלעזען אַן עכט אינטערעסאַנטען ראָמאַן. זי האָט זיך שפּאַ־נענד צוגעהערט צו איהם און צייטענווייז שווער אָפּגעזיפצט אי־בער דער שרעקליכער ביטערער ענדע פון דעם אָדער יענעם העלד. ניט איין מאָל האָט אַ טרער אַ ציטער געטאָן אין איהרע שטילע נאַאיווע אויגען. איהר צנועה'דיגע בלייך־צאַרטע געזיכט האָט אויסגעדריקט שמערץ און פאַרדרוס פאַר יענע העלדען, וועלכע האָבען אַזוי פיעל געליטען צוליעב אַ פאַלשע אינטריגע פון אַזאַ און

אזא—פוי זאָל ער ווערען !... איהר פאַנטאַזיע האָט איהר אוועקגע־טראָגען ווייט, ערגעץ ווייט צו יענע אומגליקליכע, וועלכע האָבען געמוזט אַנטלויפען און וואַנדערען ערגעץ אין דער פרעמד, אַלץ צוליעב דער הייסער און שטאַרקער ליעבע...

ער, זעהענדיג דעם טיעפען איינדרוק וואָס זיין לעזען האָט אויף איהר געמאַכט, פלעגט זיך נאָך סטאַרען די ווערטער מעהר צו באַטאָנען. און ביי יעדען געשפרעך אָדער צוזאַמענשטויס וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איין העלד מיט דעם אַנדערען, האָט זיך זיין שטימע געשטאַרקט, דאָס קול האָט געציטערט... און הילכיג ווייט האָבען אָפּגעקלינגען איבער דעם ברייטען פרייען פעלד די ווערטער: „אַך, דו, געמיינער ליגנער, האָסט צעשטערט מיין גליק, מיין לעבען, אָבער דאָס זאָל דיר ניט געשענקט ווערען, בלוטיגע ראַכע וועל איך פון דיר נעהמען !"...

אָדער: „אַך, מיין טייערע, מיין טייערע איך בין פאַרפאַלען, פאַרלאָרען אויף אייביג, דאָך ביז מיינע לעצטע קרעפטען וועל איך דיר דערמאָנען"...

און אָט ניט ווייט, אונטער אַ צווייטען בוימעל, אַנטקעגען אי־בער'ן שמאָלען וועג וואָס פיהרט צו אַ ברייטען פעלד, אָנגעפיקע־וועט מיט קאָרען־זאַנגען, וועלכע האָבען געשימערט געגען דער זון מיט זייערע גאָלד־גלאַנציגע רייך באַדעקטע קרוינען־קעפּ, זיינען געלעגען אַ גרעסערע גרופּע בחורים מיט מיידלעך און פרעהליך געשטיפּט צווישען זיך, טאַנצענדיג און שפּרינגענדיג אויפ'ן הויכען גרינעם גראָז, אויסזינגענדיג פאַרשידענע קאַדרעלען, וועלכע זיי האָבען גענאַשט פון די שטעדטיגע כלי־זמרים, צוקלאַפּענדיג פלייסיג מיט די הענט צום טאַקט.

צווישען די זעלבע האָט זיך אויך געפונען חאַצקעל געמבע, אַ מיטעלער שטייפער בחור מיט ניט קיין מיאוס'ען אויסזעהן, האָט שטענדיג געהאַלטען די הענט אין די קעשענעס פון דעם לאַנגען ברוינעם „סאַק" וועלכען ער האָט אימער געטראָגען, און געצויגען די הענט אַלץ אַרונטער כאָטש זיי האָבען שוין ווייטער ניט געקענט געהן. איז אויסגעקומען, אַז דער בגד ליגט איינגעשטייפט ווי אויסגעפּרעסט אויף איהם.

חאצקעל געמבע האָט מען איהם גערופען דערפאַר ווייל יע־דעם מאָל, ווען ער פלעגט אָנפאַנגען זינגען, (מען האָט איהם גע־האַלטען פאַר א זינגער) פלעגט ער ארויסציהען איין האַנט פון קעשענע, אונטערשפּארען אונטער איין האַלבע באַק אזוי, אַז עס איז אויסגעקומען אַז דער טאָן קומט פון צווישען דער געמבע. קיין שעהנע שטימע האָט חאצקעל ניט געהאַט, דערפאַר אָבער זיינען זיינע ליעדלעך תמיד געווען ניי. און ווי ער אליין פלעגט זיך באַ־רימען, אליין אויסגעקלערט פון קאָפּ... ליעבעס־ליעדער...

און אַט האָט זיך חאצקעל אוועקגעשטעלט ווי תמיד איין האַנט אונטערגעשפּארט אונטער'ן באַק, די צווייטע — אין קע־שענע, און אָנגעפאַנגען צו זינגען א שפּאָגעל־נייע ליעד, וואָס ער האָט אַט ערשט נעכטען פארפאַסט שטעהענדיג אין קוזשנע ביי דער ארבייט,קלאַפּענדיג מיט'ן האמער. און עס איז טאַקע ארויסגע־קומען שפּיציג און קיילעכדיג ווי א פּאַדקאָווע. די גזעלשאַפט האָט זיך ארומגעשטעלט ארום איהם מיט אָנגעשטרענגטע בליקען, און מיט א זעלטענעם אינטערעס זיך צו זיין ליעד, צוגעהערט. און ביי יעדער פערז וואָס חאצקעל האָט געענדיגט, האָט ער זיך א כאַפּ גע־געבען און א זאָג געטאָן: און ווי געפעלט אייך, למשל, אָט דער פערז:

איז זי געגאַנגען... געגאַנגען...
שפּאַצירען מיט איהם אויפ'ן גאַס...
געענדיגט האָט זיך די ליעבע
אַז פינסטער און ביטער איהר וועלט...

כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! — צעלאַכען זיך די יונג־וואַרג מיט חשק. — עס גראַמט זיך דאָך עפּעס ניט ביי אייך חאצקעל! ווי קומט עס?...

שאַט! שאַט! איילט זיך ניט! — ענטפערט חאצקעל אָפּ אין א טאָן ווי ער וואָלט עפּעס אליין אויך ניט אין גאַנצען זיכער גע־ווען צו עס איז איהם דעם מאָל טאַקע אין גאַנצען גערעָטען. און ארויסציהענדיג דערביי די צווייטע האַנט פון קעשענע וואָס דאָס איז געווען א סמן, אַז ער איז שוין מעהר אָדער ועהניגער אויפגערעגט פון זיין האַלבען דורכפאַל, האָט ער דערענדיגט: איהר האָט דאָך נאָך ניט אין גאַנצען אויסגעהערט!

גוט! גוט! ווייטער! ווייטער — באַשטעהן די יונגוואַרג.

דעם מאָל פּאַרציהט שוין חאַצקעל אַביסעל מעהר די געמבע אַזוי, אַז די מויל קומט ביי איהם אויס אויף אַ האַלבע זייט. אַ האַלבע מויל ציינער קוקען ביי איהם אַרויס און דריקען זיך שטאַרק צו די אונטערשטע ליפּ, ווי עפּעס בייזעס ניט צופרידענעס וואָלט איהם די מינוט באַהערשט. און אַן עפּענגעבענדיג מיט אַמאָל אַ מויל, ברומט ער אַרויס נאָך שטאַרקער און העכער ווי פריהער:

איז זי געגאַנגען געגאַנגען...

שפּאַצירען מיט איהם אויפ'ן בריק...

געענדיגט האָט זיך די ליעבע

אַזוי ווי אַ־אַ־אַ...

חאַצקעל פּאַרפּלאָנטערט זיך און קען בשום אופן, ווי אויף צו־להכעיס, ניט געפינען דעם גראַם... דאָס פּנים ווערט ביי איהם אויפ־געפלאַמט רויט... די הענט דריקען שטאַרקער די געמבע אַזוי, אַז עס דאַכט זיך אַז די גאַנצע מויל פאַלט ביי איהם אַרויס. אין האַלז כאַר־כעלט איהם ווי ער וואָלט זיך ווערגען... און עס איז דייטליך צו זעהן אַז חאַצקעל איז באַשלאָסען ניט אויפצוגעבען דעם גראַם עס זאָל זיך אַפילו די וועלט איבערקערען. נאָך אַ פּאָר מינוטען פּלאַצט ער אַרויס ניט מיט קליינעם טריאומף, ווי ער וואָלט דאָ באַזיעגט אַ וועלט:

געענדיגט האָט זיך די ליעבע

עס גיט אַזש ביי'ם הארצען אַ דריק...

די יונגוואַרג לאַכען נאָך שטאַרקער, הילכיגער... פריידיג־האַר־ציגער... מיט שטראַהלענדע רויט־צעפּלאַמטע געזיכטער וואַרפען זיי זיך אַרויף אויף חאַצקלען, ווער מיט אַ וואָרט ווער מיט אַ וויץ. חאַצ־קעל בלייבט שטעהן אין מיטען מיט אַן אויפגעעפענען מויל, וואַרפט אַ קוק אויף יעדען באַזונדער, ווי ער וואָלט זוכען דעם סוד פון זייער געלעכטער... און ניט געפינענדיג קיין בעסערען אויסוועג, באַמיהט ער זיך אַליין אויך צו לאַכען. לאַכען אַלע און חאַצקעל אין מיטען... און עס גיסט זיך צוזאַמען איין ב־ייטער געלעכטער איבער'ן פרייען פעלד. דאַכט זיך, אַז אַלץ זינגט, לאַכט, פרעהט זיך מיט דעם איינ־

ציגען פרייען הייליגען טאָג — שבת. און די זון גליהט ליכטיג־העל, ווארפט גאָלדענע סנאָפּעס אראָפּ אויף אַלץ און אויף אַלעמען. א פּריש קיהל ווינטעל קומט פון ערגעץ אָן צו לויפען און ווי מיט ווייכע, צארטע, קוים באריבארע הענט, לאשצעט עס און גלעט די יונגע צווייגען פון די קליינע בוימלעך, וועלכע וויגען זיך און וויגען איבער די קעפּ פון די פארזאמעלטע, ווי זיי וואָלטען שעפּטשען יעדען באזונדער א סוד אין אויער: שבת... שבת...

פלוצלינג ווערט שטיל. דער יונגער עולם גיט זיך צעשראָקען א כאַפּ, א קער די אויגען אָן א זייט, אַלע צו איין ריכטונג. ערגעץ פון א זייט באמערקט זיך די פיגור פון א קליין געוויקסיג שמאָל־דארען מענשעל לויפען מיט אימפעט צו דעם פּונקט וואו אַלע זיי־נען פארזאמעלט. די געשטאַלט קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער. אַט זעהט זיך שוין זיין קליינע, כמעט פיער־עקעדיגע, ערטערווייז פליכעוואַטער קאָפּ, אויף וועלכען עס פּאַטלען ארום עטליכע שיטע־רע סערע האָר... דער שמאָלער און מיט טראָפּענס שוויס באדעקטער שטערען גלאַנצט פון דער ווייטען, און דאָס ברודיגע הארץ זעהט זיך ארוים דורך די האלב־אָפענע, שמוציגע, גראָבע, לייוואַנטענע העמד. מיט'ן גאַנצען כח לויפט ער... און וואָס נעהנטער ער קומט, אַלץ מעהר פינקעלט אָפּ אנטקעגען דעם שיין פון דער זון די ברייטע, שארפע קאָסע וועלכע ליגט ביי איהם א העלפט אויפ'ן בארגיגען צוקנייטשטען אקסעל און א העלפט אין דער שמוציגער האַנט, וועלכע באוועגט זיך נערוועז ארויף און אראָפּ.

„צאַפּניק," רייסט זיך ביי אַלעמען ארוים מיט שרעק.

„פּשאַקרעף זידזשי זלאַדזשיי, צעגאַ לעזשים נאַ מויאַ פּאַ־ליע !" דערהערט זיך פון ווייטענס זיין האלב קוויטשעדיגער, כמעט ווילדער קול. און דער גרויסער שווארצער הונט לויפט, לויפט פאר איהם ווי א פייל פון בויגען און בילט... שטרעקט אוים די ברייטע שווארצע מאָרדע און בילט... דרעהט מיט'ן קורצען, דיקען, פאר־דרעהטען ווײדעל און בילט... און ווען עם מישען זיך אוים די קולות פון בעל־הבית מיט'ן הונט דאכט זיך אוים אז ביידע בילען איינע און די זעלבע ווערטער: פּשאַקרעף זידזשי זלאַדזשיי, צעגאַ לעזשים נאַ מויאַ פּאַליע, האַ־האַ, האַ־האַ, האַ־האַ !...

די יונגוואַרג שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער, נעהמען לויפען איבער פאַרשידענע וועגען, באַגלייט פון צאַפּניק'ן מיט'ן הונט'ס קולות, וועלכע יאָגען זיי אַלץ ווייטער און ווייטער... אָט האָט זיך איין מיידעל אויסגעגליטשט און איז אומגעפאַלען... דער הונט איז שנעל צו איהר צו, אַריינגעכאַפּט אַ שטיק פון איהר קלייד און זיין שמוציגע מויל... און אַ ריס געטאָן מיט זיינע שאַרפע הינטישע ציינער. דאָס מיידעל שרייט, וויינט, צאַפּעלט זיך, רופט נאָך הילף, בעט זיך מען זאָל איהר באַפרייען פונ'ם הינטישען מחבל, אָבער קיינער פון איהרע חברים און חבר'טעס באַווייזט זיך ניט... יעדער באַזונדער האָט זיך ערגעץ פאַרשטעקט ווער אונטער אַ בוים, ווער צווישען די הויכע קאָרען־זאַנגען, און האָבען מורא דעם קאָפּ צו באַווייזען...

דאָס מיידעל שטרענגט אָן איהרע לעצטע כחות, גיט זיך אַ הויב אויף און לאָזט זיך לויפען פונ'ם הינטישען מחבל צום וועג וואָס פיהרט צום שטאָדט צו. דער הונט — נאָך... נאָך... דאָס מיידעל שרייט, ליאַרעמט... צאַפּניק לויפט נאָך נאָכ'ן הונט מיט אַן אָפענע שמוציגע מויל און נאָך מעהר שמוציגע, פאַרגעלטע, ברייטע, ערטערווייז אַרויסגעפאַלענע ציינער און ווערט ווילד פון פרייד... ער שפּרינגט אונטער אויף ביידע קורצע, דאַרע הינערשע פיס און לאַכט און קוועלט ווילד... נקמה'דיג... לאָזט אַ וויל אַרויס פון האַנט דאָס אייזערנע געווער, און קלאַפּט און פּאַטשט איין ביינערדיגע האַנט אָן דער אַנדערער, צוגעבענדיג דעם הונט אַלץ מעהר נייעם מוט צו פאַרפאַלגען זיין אָפּפער: פּסענגאַ! פּסענגאַ! פּשאַקרעף זידזשי זלאַדזשיי, יאַ טשעביאַ זאַביע!...

עס זיינען אַוועק די זומערען; אַנדערע זומערען זיינען אָנגעקומען, נייע צייטען זיינען אויפגעשטאַנען.

צייטען האָבען זיך געביטען.

און ווידער איז שבת בייטאָג אַ שעהנער, אַ ליכטיגער, אַ העלער פריהלינגס־טאָג.

ביי צאַפּניק'ן אויפ'ן לאָנקע פיהלט זיך אַ יום־טוב'דיגע שטימונג אין דער לופטען אַרומשוועבען, ווי די נאַטור וואָלט אוי־

סער איהר שטענדיגע שעהנקייט און גלאַנץ, אויך אַמאָל אין צופעלי־גע צייטען אַ יום־טוב געהאַט.

די קליינע בוימלעך זיינען שוין איצט גרויס און שטאַלץ גע־ווען...

ברייטער און טיעפער האָבען זיך זייערע וואָרצלען פאַרשפּרייט און זייער באַשטאַנד מעכטיג און פעסט געמאַכט... לאַנגע געדיכטע צווייגען באַדעקט מיט ברייטע גרינע בלעטער זיינען אַריבערגע־האַנגען ניי און פריש איבער די קעפּ פון אַ נייער שטאָלצער יוגענד.

אַ נייע יוגענד.

פאַרשידענע „איסטען" פון פאַרשידענע פּאַרטייען, מיט פאַר־שידענע געדאַנקען, אידעאַלען און האָפנונגען האָבען זיך דאַ פאַר־זאַמעלט יעדער מיט פולער איבערצייגונג אַז נאָר די אידעע אין וועלכער ער גלויבט איז די איינציגע, די גערעכטע, פאַר וועלכע מען באַדאַרף קעמפּפען, און וועלכע וועט זיכער ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

און איינער דעם אַנדערען זוכט איבערצוזרעדען, אַריבערצו־געהן אין זיין זייט, צושטעהן צו איהם, אַנשליסען זיך אָן זיינע מיי־נונגען און ווערען איינער פון די זייניגע.

און עס קאָכט זיך, און עס טומעלט זיך צווישען די פאַרשידע־נע גרופּען וועלכע זוכען איינע די אַנדערע אַריבערצושרייען. יעדע־רער זוכט צו באַווייזען אַז נאָר ער איז גערעכט. די דעבאַטען ווערען שאַרפער, היציגער און באַגייסטערטער...

ניט ווייט פון די דעבאַטאַנטען ליגען אונטער אַ בוים אַ פּאָרע־לע פאַרטיעפט לעזענדיג אַ בוך, אויף וועמעס פאָדער־בלאַט עס שטעהט מיט גרויסע ווערטער אויפגעשריבען „די פּאָליטישע עקאָ־נאָמיע"... און אַ ביסעלע ווייטער איז אַ צווייטע פּאָרעל שטאַרק פאַרטיעפט לעזענדיג „אַלט־ניילאַנד" — און די פּנים'ער דריקען אויס פרייד און באַגייסטערונג פאַר די פאַרשידענע נייעסען וועל־כע זיי ווערען מיט יעדער מינוט אַלץ מעהר געוואָר...

און אַט שטעהען אונטער אַ צווייטען בוים פאַרשידענע גרופּען יונגוואַרג און זינגען.

די טענער פון דער „מאַרסיעלעזע" מישען זיך אוים מיט די טענער פון דער „התקוה"...

און הילכיג־פרעהליך קלינגען אַפּ די טענער און גיסען זיך צו־זאַמען ווי זיי וואָלטען פון איין מויל און איין האַרץ אַרויסגעקומען... דאַכט זיך, אַז איין מענש זינגט און דער איין מענש זיינען אַלע... און אַלע דער איינער... דאַכט זיך, אַז אַזוי זיינען אויך דאַמאַלסט זייערע נשמות פאַראייניגט, כאָטש ניט אין איינעם און דעם זעלבען ציעל...

און ס'טראַכט דאַמאַלסט יעדער ביי זיך מיט אַ וואַהטאַגדיגען געפיהל וועגען דער צייט וואָס איז פאַרלאָרען געגאַנגען, איידער אַט דיזע זעלטען־שעהנע נשמה־ניגונים זיינען דערהערט געוואָרען. ווי פיעל צייט און צייטען האָבען שטיקלעך אָפּגעריסענע קלאַנגען גע־מוזט אַרומוואַנדערען ערגעץ אין עולם התהו, איידער עס האָט עמי־צענס אַן אויער אויפגעכאַפּט איין טאָן און דאָן — אַ צווייטען, אַ דריטען...

די טענער האָבען אַרומגעבלאָנקעט...

— — — — — — — — — — — — — — —

פון ערגעץ אַ זייטיגען וועג האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דאָס הייזעריגע בילען פון אַן אַלטען, אָהן־צייניגען הונט, וועלכער איז אָנ־געקומען צו לויפען שלעפּענדיג אויף זיך קוים זיין אַלטע, אָפּגעריבענע פעל. זיינע שמוציגע אויסגעקרימטע פיס האָבען פויל אונ־טערגעטאַנצט און זיך געוואַקעלט אונטער איהם.

צאַפּניק, זיין בעל־הבית איז נאָכגעלאָפען הינטער איהם און גע־שריען און געוואָלדעוועט אויף זיין אַלטען שטייגער... איצט זיינען שוין אָבער זיינע טריט געווען מיעדער... די שטימע פאַרשטיקטער... אַזוי ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען פון אַן אַלטען באַס אין וועלכען עס האָט געפּלאַצט אַ סטרונע... דער אַקסעל אויף וועלכען ער האָט געשלעפּט זיין האַלב־פאַרראַסטעטע קאַסע האָט זיך עפּעס ווי איינ־געבויגען... דאָס אָפּענע האַרץ, וועלכע האָט זיך ווי תמיד אַרויסגע־זעהן דורך זיין פאַרשמוצטע, גראָבע, ליינוואַנטענע העמד, איז ווי אין איהם אַריינגעפאַלען... דאָס פּנים ערטערווייז צוקנייטשט, די באַקען איינגעשרומפען, די קאָפּ מיט די עטליכע צופּאַטעלטע האָר

איז נאָך שיטערער געוואָרען און גראָהער... זיין גאַנצער אויסזעהן האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ ווילדע בעשעפעניש. בלויז די אויגען, די האַלב־גראָהע, האַלב־געלע אויגען האָבען נאָך אַלץ גע־פינקעלט ווי ביי אַ ווילדע צערייצטע קאַץ...

און אָט קומט ער אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דעם אָרט וואו די יונגענד איז פאַרזאַמעלט... דער הונט בילט הייזעריג און וואַרפט דעם האַלב אָפּגעקראַכענעם, צוקאַליעטשעטען ווידעל, וועל־כער האָט זיך מיער באַוועגט, אַהן מוטה און אַהן ווילען, נאָר גלאַט אַזוי צוליעב צו טאָן זיין בעל־הבית...

— „פּשאַקרעף זידושי זלאַדושיי, צעגאַ לעזשים נאַ מויאַ פּאַ־ליע!!"

אָבער דער עולם דערשרעקט זיך עפּעס ניט... רירט זיך פון אָרט ניט, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען דאָס... קוקען אפילו ניט צו דער זייט, פון וואַנען די גרילצענדע קולות קומען אָן און דאָס בילען הערט זיך, און טוען זיך זייערס, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין צאַפּ־ניק מיט קיין הונט אויף דער וועלט ניט געווען.

צאַפּניק איז געבליבען שטעהן אַ מינוט ווי פאַרגאַפט מיט אַן אויפגעעפענטען מויל... געקוקט מוטלאָז אויף די פאַרזאַמעלטע מיט שאַרפע־בליצענדע אויגען, ווי ער וואָלט זיך וועלען ערקלערען וואָס איז דאָ אַזעלכעס געוואָרען... אפילו דער הונט האָט אויפגעהערט צו שפּרינגען און צו בילען, האָט אַ דרעה געטאָן דעם גרויסען קיילעכ־דיגען שוואַרצען קאָפּ אויף אַרונטער צום בעל־הבית, ווי ער וואָלט פרעגען: נו, וואָס איז דאָס?... וואָס טוט מען איצטער?...

צאַפּניק איז געוואָרען בייז אויפ'ן הונט פאַר זיין חוצפּה. און מיט דער הילצערנער זייט פון זיין קאָסע, אַ קלאַפּ געטאָן איהם אי־בער'ן רוקען.

דער הונט האָט אַ הייזעריגען קוויטש געטאָן און איז אָפּגע־שפּרינגען אָן אַ זייט.

— „פּשאַקרעף!"

דער עולם איז געבליבען רוהיג און גלייכגילטיג שטעהן און זיצען אויף די פּלעצער.

צאַפּניק איז ווילד געוואָרען פון כעס און פאַרקריצענדיג אַזש

מיט די פּאָר רעשטע, איבערגעבליבענע ציין האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן געווער, און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער העזה'דיגער חברה מיט אַ ווילדער רציחה:

— „פּשאַקרעף זידושי זלאָדזשיי, יאַ טשעביאַ זאַביע!"

דער עולם האָט געשמייכעלט...

— צאָ טאַקעגאָ? צאָ טאַקעגאָ? איז צאַפּניק געשפּרונגען אַזש פון דער הויט רייסענדיג אויף זיך דאָס אַלטע, צעריסענע, דרילכענע רעקעל, וועלכעס ער האָט שוין געטראָגען יאָהרען לאַנג. — באָזשע מויאַ! באָזשע מויאַ! צאָ טאַקעגאָ, צאָ טאַקעגאָ?!"... — האָט ער געוויינט און געשריען און געטופּעט מיט די פיס, אַז דער הונט האָט ניט ווילענדיג אויך גענומען שפּרינגען און בילען און יאָמערען מיט זיין בעל־הבית צוגלייך.

— אַ שעהנע פּראַגע, האָט אויסגעשריען איינער פון דער גרו־פּע, אויפשפּרינגענדיג מיט פרייד פון אָרט, אַ קער טאָענדיג זיך צו צאַפּניק'ן. — אַן אַלטער, נאַרישער גוי! אָט אויף דער פראַגע וואָס זיין פּראָסטער קאָפּ האָט די מינוט געפרעגט, האָבען מיר דאָך אַזוי לאַנג געוואַרט. ווי גוט עס איז צו הערען אַזאַ פּראַגע פון דעם מויל פון אַזאַ ווילדע באַשעפעניש — פון אַ צאַפּניק!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יעדען פּאַרנאַכט, טאָג איין טאָג אויס, איז ביי צאַפּניק'ן אויפ'ן לאַנקע אַ פאַרזאַמלונג געווען. און מיט יעדען טאָג זיינען אַלץ נייע מאַסען צוגעצויגען געוואָרען... פרישע קרעפטען זיינען צוגעקומען... עס האָט פאַרהילכט דאָס פעלד פון די פאַרשידענע רעדעס, דעבאַ־טען, געשפּרעכען, וועלכע די פאַרזאַמעלטע האָבען צווישען זיך גע־פיהרט... אָבער מעהר פון אַלץ האָבען אָפּגעקלונגען די נייע געזאַנ־גען, נייע ליעדער... געמישטע מיידעלשע און בחור'שע שטימען האָ־בען זיך געהערט, ווען האַרציגע טענער האָבען, דאַכט זיך, דער־צעהלט קלעמענדע, האַרצרייסענדע געשיכטען פון נויט, אָרימקייט און ליידען... און אָט באַלד האָט זיך געהערט שטימען מוטיגערע, טענער שטורעמדיגע, וועלכע האָבען מיט זייערע קלאַנגען געצויגען צו זיך, גערופען צו עפּעס...

פאַר'ן אוועקפאָהר

געוועזן איז עס אַ שעהנער, אַ ליכטיגער טאָג, באַלד נאָך פּסח. דער זומער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו באַווייזען. אויפ'ן גאַס האָבען זיך שוין געזעהן קינדער ארומלויפענדיג באָרוועס שפּיעלענדיג זיך איינע מיט די אַנדערע. אַ העלע זון האָט אַראָפּ־געשמייכעלט צו דער ערד און ווארעם באַגריסט דאָס טויט־פאַר־שלאָפענע שטעדטעל, וועלכע האָט אונטער איהר ווארעמען בליק אויפ'סניי אָפּגעלעבט.

פּראַדעל, אַ יונגע שעהנע ווייבעל מיט אַ בלאַסליכען אויס־זעהן, איז געשטאַנען ביים האַלב אָפענעם פענסטער און געקוקט טרויעריג פאַרטראַכט צו דער גאַס ארויס...

איהר קליינע קינד, אַ מיידעלע, איז געזעסען ביי איהר אויפ'ן האַנט און טוליענדיג זיך צו איהר, געשפּיעלט מיט די קנעפּלאַך פון איהר ציצעגע בלוזע. אַט האָט זיך עס מיט אַמאָל אַ קער געגע־בען, אויסגעשטעלט די קליינע אויגעלאַך צום פענסטער, און ווי זי וואָלט פלוצלינג באַמערקט, ווי עס איז מיט אַמאָל עפּעס ליכטי־גער און ווארעמער געוואָרען, די שויבען קלאָרער, האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פון די מוטער'ס הענט, אַ מאַך געגעבען מיט ביידע קליינע, דינע הענטעלאַך צום גאַס און זיך גענומען אַהין ציהען...

משה'לע, אַ איינגעלע פון אַ יאָהר פיער, מיט שעהנע געקריי־זעלטע העראַלאַך, מיט אַן אומעטיג קינדערשע פּנימ'ל, איז געשטאַ־נען לעבען איהר אויף דער ערד ציהענדיג איהר פאַר'ן קלייד, זי זאָל מיט איהם אויף דרויסען געהן. די מוטער האָט זיך אָבער ניט ווי־סענדיג געמאַכט. עס איז איהר אַצינד ניט געלעגען אין זינען איהר קינד'ס קאַפּריזען. איהרע געדאַנקען זענען איצט געוועזען מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען. זי האָט געקלערט וועגען דעם וואָס

איהר מאַן, עליק, פאָהרט היינט אָפּ אין אַזאַ ווייטען וועג — קיין אַמעריקאַ.

איהר מאַן עליק איז געשטאַנען און א זייט ביים קופערטעל און געפּאַקט עפּעס צו דער רייזע. ווען פראַדעל האָט איינינע מאָל דעם קאָפּ אומגעדרעהט, האָט זי באַמערקט ווי ער קוקט מיט אַזאַ ליעבשאַפט צו איהר און צו די קינדער, און האַלט זיך קוים איין ניט אויסצופּלאַצען אין א געוויין.

אויפ'ן הארצען איז איהר עפּעס אַזוי אומעטיג שווער געוואָרען, אַז ס'האָט איהר געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט געהט אונטער... דער שעהנער ליכטיגער פריהלינג-טאָג האָט איהר מיט אַמאָל אָנגעהויבען וועה צו טאָן... וואָס טויגען איהר די שעהנע טעג, האָט זי געטראַכט, אַז ער פאָהרט אַוועק און זי וועט דאָ איבערבלייבען איינע אַליין מיט די קינדער, עלענד ווי די שטיינער. איהר הארץ וועט אויסגעהן פאַר בענקשאַפט נאָך איהם, איהר מוח וועט שטענדיג צעבראָכען ווערען קלערענדיג און זאָרגענדיג וועגען איהם און וואַרטענדיג מיט אומגעדולד אויף א בריעף.

זי האָט זיך אָבגעקערט פון פענסטער און איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר מאַן. העלפען איהם איינפּאַקען דאָס געבעקס וואָס זי האָט באַלד אין דער פריה אָפּגעבאַקען מיט-צו-נעהמען אין וועג אריין. נאָר אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך נאָר צו דעם צוגערירט, האָט זי זיך ניט געקענט צוריק האַלטען און האָט זיך צעוויינט. ער האָט ענדליך, אויך זיך צעוויינט, און ווען די קינדער האָבען געזעהן אַז די טאַטע-מאַמע וויינען האָבען זיי זיך אויך צעוויינט אויפ'ן קול.

עס האָט גענומען א לענגערע צייט ביז פאָטער און מוטער האָבען זיך באַרוהיגט, און זיינען געווען אימשטאַנד איינצושטילען די קינדער. דאָס קלענערע קינד האָט די מוטער געגעבען די ברוסט צו זויגען און עס שלאָפען געלעגט. משה'לען האָט דער פאָטער דערלאַנגט א שטיקעל פון דעם געבעקס און געהייסען איהם געהן לעגען זיך שלאָפען, מיט דעם פאַרשפּרעכען אַז ביינאַכט צו וועטשערע וועט ער איהם שוין אויפוועקען.

עס איז געוואָרען שטיל...

מאַן און ווייב האָבען געשוויגען. יעדער פון זיי איז געווען אין באַזונדערע גערדאַנקען פאַרטראָגען.. שווייגענדיג האָבען זיי געטאָן זייער ארבייט, צונויפגעפּאַקט אַלעם נויטיגעס אין וועג אַריין... איבער׳ן שטוב האָט זיך געטראָגען אַ שטילער, אַ דריקענדער אומעט... ווי די שטילקייט אין מיט׳ן דער נאַכט אין אַ הויז וואו ס׳ליגט אַ קראַנקער... פון צייט צו צייט האָט אַ זיפץ, ווי דער זיפץ פון אַ קראַנקען, פון וועמען די נשמה דאַרף באַלד אויסגעהן, איבערגעשלאָגען די שטילקייט...

— זאָל איך דיר פאַרפּאַקען דעם טלית און תפילין ? — האָט פּראַדעל אַ פרעג געטאָן איהר מאַן מיט דער כונה אָנצוהויבען עפּעס אַ שמועס איבערצוברעכען דאָס טויטע שווייגען, וועלכע האָט איהר אָנגעהויבען צו שרעקען...

— כ׳וויים ? פאַרפּאַק ! — האָט עליק איהר אָפּגעענטפערט און עפּעס אַן אומזיכערען טאָן ארומקוקענדיג זיך בשעת מעשה ארום זיך, ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען צו איז ער נאָך ביי זיך אין דער היים... עפּעס האָט איהם די מינוט אויסגעוויזען ווי אַ פרעמדקייט קלויבט זיך אַט דאָ אין דעם הויז אריין, וואו ער האָט זיך ביז יעצט געפיהלט אַזוי היימיש און גוט... אפילו זיין ליעבע פּראַדעל, וועלכע איז שטענדיג געווען אַזוי גוט צו איהם און וועלכע האָט דאָ ניט לאַנג אַזוי האַרציג געוויינט, האָט זיך, דאַכט זיך איהם, די לעצטע מינוטען אומגעביטען... איז דאָס איהר קול ? איהרע בליקען ? האָט ער ביי זיך געפרעגט. ניין, ער גלויבט עס זיך עפּעס ניט...

ער איז געוואָרען מיט יעדער מינוט אומרוהיגער און אומזיכערער... ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ פאַרלאַנג אַז די צייט זאָל זיך שוין וואָס גיכער אַוועקרוקען... ער זאָל פרייער אויפאָטעמען...

— ווי פיעל איז שוין דער זייגער ? — האָט ער מיט אַ באַהאַלטענער אומרוהיגקייט איהר אַ פרעג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכען אויף איהר די לעצטע פאַר שטונדען פאַר זיין אַוועקפאָהר.

פּראַדעל האָט אומגעדרעהט איהרע בליקען צום זייגער וואָס

איז זיך רוהיג געהאנגען אין אַ ווינקעל און ניט געלאָזט הערען פון זיך זיין אַלטען געוועהנליכען טיק־טאַק.

— דאַכט זיך, אַז דער זייגער שטעהט גאָר. — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט.

— אַזוי, ער שטעהט גאָר ? וואָס איז עפּעס היינט פאַר אַ שטעהעניש אויף זיין קאָפּ ? — האָט דער מאַן אומצופרידען אַרויס־געדעדט.

— נישט אַנגעצויגען, מן הסתּם אָדער אפשר איז ער גאָר אין גאַנצען קאַליע, — האָט די פרוי באַמערקט.

— נו, מילא ! ער שטעהט זאָל ער שטעהן... עס איז היינט עפּעס אַלץ אַזוי... — האָט ער אָפּגעענטפערט טרויעריג — איך רעכען, איך וועל נאָך גאָר אַרויסגעהן אַביסעל אין גאַס.... פאַר איין וועגס געוואָר ווערען וויפיעל עס איז דער זייגער...

— וואָס רעדסטו ? צו וואָס אין גאַס ? עס מוז שוין אודאי זיין אַזוי שפּעט... כ'וועל אַ קוק טאָן ביי דער שכנ'טע... דאַרפסט איצט ניט אַוועקגעהן מענשען וועלען באַלד אַנקומען זיך געזעגענען...

— ווער וועט קומען ? ווער האָט דען צו קומען ?... דאַכט זיך, איך האָב זיך שוין מיט אַלעמען געזעגענט.

— וואָס הייסט ווער ? שכנים, באַקאַנטע, פריינד, עס וועט באַלד ווערען אַ ביסעל היימליך...

— אַזוי עס איז דיר אומעטיג ?...

— נו, איך פרעג דיך, וואָס דען פרעהליך איז מיר ? אַזאַ צייט געוועזען צוזאַמען און איצטער ? ווייסט ניט ?... איך בלייב איבער אַליין מיט די קינדער עלענד ווי די שטיינער... — האָט דאָס ווייבעל אַרויסגערעדט, ווישענדיג זיך מיט דעם פאַרטוך די אויגען.

דער מאַן האָט ניט געוויינט... ער האָט אָבער געפיהלט ווי עס טוט איהם הנאה וואָס זי וויינט... עפּעס איז איהם פרייער געוואָ־רען אויפ'ן האַרצען זעהענדיג איהרע טרערען... זי איז איהם די זעלבע געטרייע פרוי ווי געוועזען זי האָט איהם ליעב... און ווען ער

װעט אױפּקפּאַהרען װעט זי נאָך מעהר װײנען... און שטאַרקער בענקען נאָך איהם...

ער האָט אָנגעפּאַנגען אַרומצוגעהן איבער'ן הױז, געװאָרפען אַלע װײלע אַ בליק צו איהר, צו די קינדער, װעלכע זײנען געשלאָפען. דאָס פּיצעל, אין װיעגעלע מיט אַן עטװאָס אױפגעעפענט מײלבאַלע, און אַ שטילער, דינער אָטעם האָט געהױבט אַרום װיע־געל, װי אַ יונג פאַרבאָרגען מלאכ'ל װאָלט מיט װײכע, קוים באַ־רירענדע פליעגעל איבער דעם געפאָכעט... דער עלטערער משה'לע, איז געלעגען אױפ'ן בעט, די שעהנע געקרײזעלטע הערלעך צעשפּרײט איבער'ן קישען, אין אײן הענטעל האָט ער נאָך געהאַלטען אַ שטיקעל פון דעם געבעקס װאָס דער פאָטער האָט איהם געגעבען. אַ פליעג איז געשטאַנען און גע־מיטליך פון דעם מוצא טעם געװען.

— אַרימע, אַרימע, קינדערלאַך ! — האָט דער פאָטער פאַר זיך מיט װעהטאָג געמורמעלט און געזיפצט. באַלד, באַלד װעל איך זיך מוזען פון אײך צושײדען. באַלד, באַלד װעל איך אײך מעהר ניט קענען זעהן.

און װידער האָבען זײנע טריט אַרומגעשפּרײזט איבער'ן הױז. אױף יעדע זאַך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקען מיט װעה און בענקשאַפט, עפּעס האָט ער אַלץ מיט אַמאָל אַזױ ליעב באַקומען. און װאָס אַ מינוט מעהר איז פאַרגאַנגען, אַלץ שװערער האָט זיך איהם געדרוקט װעט איהם זײן דערמיט זיך צושײדען...

אָט איז ער שטעהן געבליבען בײ דער מאַשין, װעלכע איז געשטאַנען אױסגערוקט אין אַ װינקעלע אַזױ שטיל, אַזױ שטום... גלײך װי זי װאָלט געפיהלט אַז זי װעט אַזױ אַ צײט לאַנג דאַרפען שטעהן אָפּגעזונדערט אין אַ װינקעל טרוקען און שטום... דאָס ראָד װעט זיך מעהר ניט דרעהען און קלאַפּען לעבעדיג צום טאַקט פון איהר געהערם געזאַנג... אַלעס װעט שװײגען... איהרע חבר'טעס, די „שעהר" און „אײזען" װעלען אױך שװײגען... און שטיל װעט זײן...

— פּראַדעל, דו זאָלסט די מאַשין ניט פאַרקױפען ! דו הערסט װאָס איך זאָג דיר אַן ? זאָלסט די מאַשין ניט פאַרקױפען !

זאָל זי שטעהן... דו הערסט ? זאָל זי שטעהן.. זי וועט דיך צו־נוץ קומען עפּעס אויפצוגעהען פאַר די קינדער... וועסטו פאַר־שפּאָרען טובות צו בעטען... — האָט עליק אין אַ געבראָכענעם טאָן אַרויסגערעדט — און אפשר אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועט גאָט העלפען, מען וועט באַגליקט ווערען... מען וועט קענען קומען אַ היים, וועט מען ווידער... — ער האָט די לעצטע ווערטער ניט גע־קענט ענדיגען : טרערען האָבען איהם פאַרשטיקט דאָס קול.

— געוואַלד גיין, איך וועל ניט פאַרקויפען ! — האָט איהם פּראַדעל אָפּגעענטפערט טרויסטענדיג, צוגעהענדיג צו איהם נעהנ־טער אַנשפּאַרענדיג זיך אויף זיין אַקסעל — צו וואָס זאָל איך עס דען פאַרקויפען, נאַרעלע ! אַז גאָט וועט דיר העלפען דו וועסט פאַרדינען, וועסטו דען פאַרגעסען אין מיר, אין דיינע קינדערלאַך ? ביזט דאָך אַזאַ נאַר, עליק... אַזאַ גוטער... און הו ווייסט ווי איך האָב דיך...

זי האָט איהם אַרומגענומען און אַ שטאַרקען קוש געגעבען... ער האָט זי פעסט אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס און דריקענ־דיג שטאַרק צו זיך, האָט ער זי גליקליך געקושט און ניט אויפ־געהערט מיט ליעבשאַפט צו איהר צו טענה'ן : וואָס רעדסטו פּראַדעל ? איך אין דיר פאַרגעסען, אין דיר ? מיט די קינדער ?... זאָל דיר עס גאָר ניט איינפאַלען... מיט דער נאָז די ערד וועל איך אַקערען ! טעג מיט נעכט וועל איך אַרבייטען, אַבי דיר מיט די קינדער זאָל גאָר ניט פעהלען. איך וועל...

— נו, גענוג, גענוג, זאָל שוין זיין גענוג ! האָט איהם פּראַ־דעל ליעבליך פון זיך צוריקגעשטויסען. — איך גלויב דיר... איך גלויב דיר... איך האָף צו גאָט, אַז מיר וועלען נאָך גליקליך זיין.

— הלואי, אמן ! — האָט עליק אַרויסגערעדט מיט האַרץ אַרויסלאָזענדיג זי פון זיינע הענט.

אין דרויסען האָט שוין אָנגעפאַנגען ווערען טונקעל... דער קליינשטעדטעלדיגער זומער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרקלייבען מיט זיין גאַנצע ווייכקייט און זיסקייט... דאָס פענסטער איז נאָך געוועזען האַלב אָפען, און אַ פרישׁ דופטיג ווינטעל אויסגעמישט מיט דעם ריח פון די פרישׁ־בליהענדע בוימער, וועלכע

זענען געשטאַנען קעגן איבער דעם וועג, האָט אַרייַנגעבלאָזן אין הויז, און די פאַרזאָרגטע פּנים'ער פרישער און מונטער געמאַכט.

— מען דאַרף אָנצינדן דעם לאָמפּ ! — האָט פראַדעל באַמערקט, ווייך.

— נו, גיב אַצינד אָן דעם לאָמפּ און איך וועל דערווייל לאָזן גיין דעם זייגער. — האָט עליק באַמערקט צופרידן.

אין שטוב איז געוואָרן ליכטיג און פרעהליכער. שכנים און גלאַט אַזוי פרייַנד און באַקאַנטע האָבן אָנגעפאַנגען זיך פאַרקלויבן. ווער זיך געזעגענען, ווער מיטצוגעבן אַ גרוס. דער עולם האָט צווישען זיך גערעדט, גע'שמועס'ט, זיך געטומעלט... יעדער האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן דעם לאַנד פון וועלכען מען דערציילט זיך אַזוי פיעל וואונדער.

—אַז דו וועסט דאָרטען זיין — האָט זיך אָפּגערופען איסר דער שניידער, אַ באַיאָהרענטער האַלב־גראָהער איד, מיט אַ פּאָר פאַרצויגענע אויגען. — אַז דו וועסט דאָרטען זיין, זאָלסטו אַרויסשרייבען אַלעס, די ריכטיגקייט, ווי דאָרטען איז. זאָלסט אויך ניט פאַרגעסען צו זעהן זיך דאָרטען מיט מיין זוהנ'דעלע דעם תכשיט. זאָלסט זיך ניט פוילען איהם אויפצוזוכען, און איהם טאַקע אַזוי אַ פרעג טאָן, פאַר וואָס ער שיקט ניט אַריין דעם טאַטען עטליכע רובעל... זאָגסט עס מיר צו עליק ?

— ווי געשיקט זיך, אַז איך וועל איהם זעהן, וועל איך איהם אויף געווים זאָגען, — האָט עליק איהם פאַרזיכערט.

— אַ שעהנעם דאַנק דיר פאַר דיין צוזאָג ! — איז איסר צופרידען געווען — איך האָף אַז מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל דאָרטען צוזאַמענטרעפען אין יענער מדינה, הייסט עס... וועלען מיר אַזוי נעהמען צו גוטע ביסלעך בראָנפען... מיינסט... וואָס... הייַנטיגע צייטען... מען קען זיך דען עפּעס פאַרשווערען פאַר יענע מקומות. די פּרנסות וואָס מע'ז האָט דאָ, די גאָלדענע... דו ווייסט דאָך... אודאי דאָ וואָס צו זשאַלעווען... זעהסטו, הלואי וואָלט מיר מיין פייגע געלאָזט אָפּפאָהרען וואָלט איך נאָך ביי הייַנטיגען טאָג ניט געקוקט וואָס איך בין שוין אַ מענש, קאַטאָרגע אויף דער עלטער, און וואָלט נאָך אַ נעהם געטאָן דאָס פּעקעל, און אַט

אזוי פארקאטשעט די פּאָלעס און היידא! זאָל א רוח אין אונ־זער שטעדטעל׳ס טאטען אריין! די וואזשנע גליקען וואס מען האט דא... נאר מילא, מען קען זיך דען עפּעס העלפען... לאז עס שוין דערוויייל געהן ווי עס געהט... וועלען מיר אפשר געהמען צו ביסלעך בראנפען פאר דיין אוועקפאהר ?... דו ווייסט דאך... אונזערע ברידער... ווי זאגט מען: א שניידער איז ניט קיין דור־ראק, און ווער עס טרינקט ניט איז א סאדאק... נו, וואס שטעהסטו? גיב אהער ברודערקע! דערלאנג!... לחיים ברודערקע!... גע־דענקסטו, עליק, ווען דו האסט אמאָל ביי מיר געארבייט ? פרעה־ליכע צייטען געוועזן אמאָל, אה? אוי ביזטו עליק געוועזן א חברה־מאן! זאָל דיך דער רוח כאפּען... פלעגסט דאך וועלטען צעקערען... פּשוט ניט לאזען א מיידעל איינזיצען ביים טיש... לחיים!...

— און איהר ר׳ איסר זייט אויך ניט געוועזן פון די פרומע! האט עליק איהם אפּגעענטפערט מיט א שמייכעל.

— נו, ווי געוועהנליך, ווער זאגט דען ? — האט איסר זייענ־דיג אין קוראזש צוגעגעבען — ס׳הייסט אונזערע ברידער האבען זיך אלע ניט געהאט מיט וואס צו שעהמען... נאר וואס איז דא צו שמועס׳ען... נא דיר די האנט און פאהר מיר געזונד און האב א גליקליכע רייזע, און פארגעס ניט אמאָל אזוי אריינצושרייבען א גרוס... און זעה זיך דארטען מיט מיין זוהן, דו הערסט, שיגעץ איינער!... זאָלסט ניט פארגעסען אן אלטען בעל־הבית... אן אלטען...

ביי איסר׳ן אין די אויגען האבען זיך געשטעלט טרערען, ער האט ניט געקענט דערענדיגען וואס ער האט געוואָלט זאגען. לאנג־זאם, מיעד האט ער זיך צוגעשלעפּט צו׳ טיר און פארלאזען דאס הויז.

נאך איסר׳ס אוועקגעהן איז ווידער געווארען עפּעס ניט פרעהליך. יעדער האט געפיהלט אז דער אלטער פארשיכור׳טער אבער אויפריכטיגער איסר, האט איבערגעלאזען א שווערען איינ־דרוק טראץ דעם וואס אין אנפאנג האט יעדער פאר זיך אביסעל געשמייכעלט.

די טיר האט זיך פּלוצלינג אויפגעריסען און עליק׳ס צוויי פּועלים האבען זיך ניט טויט און ניט לעבעדיג אריינגעלאזען. צו־

ערשט לייבטשיק דראנג, א הויכער, א דארער, מיט א שמאָלען פּנים, טיעפע גראָהע איינגעגראָבענע אויגען, מיט א פּאָר לאַנגע אומגעלומפּערטע הענט. דער צווייטער, בערל קאַטער, א קליי־ניקער, א גראָבער, מיט א פעטליכען רונדען פּנים, קורצע דיקע הענט. ביידע גלייך זענען זיי צוגעלאָפען צו עליק׳ען און אין איין קול אויסגעשריען: — אזוי! זייט איהר נאָך ניט אוועקגע־פאָהרען, בעל־הבית?!

— איהר זעהט דאָך, אז איך בין נאָך ניט אוועקגעפאָהרען?

— האָט עליק אויסגעשטעלט אויף זיי א פּאָר אויגען — ווער האָט אייך דען געזאָגט אז איך בין שוין אוועקגעפאָהרען?

— וואָס הייסט ווער? — האָבען ביידע ווי מיט איין שטימע ווייטער געדערט, — איסר׳קע, אָט דער אַלטער, דער שיכור! געטראָפען איהם דאָ אויפ׳ן וועג, זאָגט ער, קינדער וואו לויפט איהר?

— צום בעל הבית, זאָגען מיר, געזעגענען זיך מיט איהם.

— געהט בעסער ניט. זאָגט ער, ער איז שוין אוועקגעפאָה־רען. אזא אַלטער... אזא שיכור!...

דער עולם האָט געשמייכעלט: נאָך אַלץ מיט די חכמות, האָט מען זייטיג באַמערקט.

— אויב אזוי האָט אייך דער אַלטער, ווי זיין געוואָהנהייט, געוואָלט פיהרען אין חדר אריין... האָט עליק באַמערקט מיט א שמייכעל, נו, גוט חברה, וואָס איהר זייט געקומען! איהר האָט דאָך עפּעס פאַר די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען „פאַר זיך", ביי מיר געאַרבייט און אזוי פיעל צווזינגען ביים טיש, פרעהליך גע־מאַכט דאָס גאַנצע הויז. טאַ לאָמיר פון אייך הערען, אָט יעצט פאַר׳ן אוועקפאָהר אזוי עפּעס א געזעגענען־ליעד, ווי איהר קענט... איך זאָל אייך האָבען צו געדענקען.

ביידע פּועלים האָבען א ווײַלע אַנגעשטעלט די בליקען איי־נער אויף דעם אַנדערען און ווי זיי וואָלטען זיך אַנגערעדט מיט די אויגען, האָבען זיי ביידע גלייך אַרויסגעברומט: א ביסעל בראָנפען!

— גערעכט, כ׳לעבען! — האָט עליק צוגעגעבען, אוועק־

שטעלענדיג דאס פלעשעל מיט צוויי גלעזלעך אויפ'ן טיש, טרינקט און זינגט!

לייבטשיק דראנג האט זיך צוערשט אנגעגאסען א גלעזעל בראנפען, בערל קאטער דאס צווייטע, און א קלאפ געטאן איין גלעזעל אן אנדערען: לחיים!... און מיט איין זופ עם ליידיג געמאכט.

לייבטשיק דראנג, אויף זיין דינער, און בערל קאטער אויף זיין באסאווער שטימע האבעןביידע גלייך אנגעפאנגען:

אין א פרעמדער מדינה בין איך פארטריבען געווארען,
פון דיר גאט אליין איז געקומען דער צארען...
איך געה ארום אין די גאסען גאנץ איינער אליין,
ניטא צו וועמען צו רעדען, עלענד ווי א שטיין...

אלע זענען געזעסען שטיל און זיך צוגעהערט צו דעם ליעד וועלכע האט געקלונגען אזוי טרויעריג, אז ס'האט יעדען איינעם פארקלעמט ביים הארצען. די ווייבער האבען געשאקעלט טרויעריג מיט די קעפ און זיך געווישט מיט'ן פארטוך די אויגען און שטיל פאר זיך געזיפצט... די מענער האבען פארשטעלט מיט די טיכ־לעך די אויגען, מען זאל ניט באמערקען די טרערען וועלכע דאס ליעד האט פון זיי ארויסגעצויגען.

פראדעל איז געשטאנען ביים פענסטער, א שטילע, א פאר־במורעטע... עס האט אויסגעוויזען אז זי איז די איינציגע וועלכע הערט זיך ניט צו צו דעם ליעד. אין אמת'ן אבער, האט זי זעהר פיעל געליטען. דאס האט מען געקענט זעהן אין יעדער באוועג־גונג פון איהר, יונגען שלאנקען קערפער, וועלכער האט ביי יעדען ווארט א ציטער געטאן.

עליק, איהר מאן, האט אנגעשטרענגט די לעצטע כוחות זיך צו האלטען מעשה־גבור, אבער עס איז איהם זעהר וועהניג געלונגען. אויף זיין האלב־בלאסליכען פנים, וועלכעס האט ארויסגעקוקט פון אונטער זיין קרומער, צעקנייטשטער היטעל האט מען געקענט בא־מערקען, א טיעף־באהאלטענעם טרויער, וואס האט זיך פארצויגען מיט יעדער מינוט אלץ מעהר.

— זאל מען שוין אמאל פאהרען! — איז אריינגעלאפען בער־קע דער בעל־עגלה א פארסאפעטער, מיט א געשריי — וואס האט

איהר זיך צוזינגען, וואס? — די פוהר שטעהט שוין אונטער'ן שטאדט, אפשר פון צוויי שעה און ווארט! וואס מיינט איהר זיך וואס? איך האב אומזיסטע פערד! א שעהנעם וועג ריכט איהר מיר צו! זאלט איהר מיר באנומען ווערען, אלע!...

— שאט! שאט! שרייט ניט אזוי, מען געהט שוין! — האבען זיך אלע א כאפ געטאן ווי פון שלאף.

און ווידער איז געווארען א טארעראם. אלע האבען זיך מיט אמאל א הויב געגעבען פון זייערע פלעצער, גענומען קאכען, רע־דען, טומלען... מענערשע און ווייבערשע שטימען האבען זיך אויס־געמישט... יעדער האט געזאגט א ווארט, אן עצה... — איהר זאלט דארטען זעהן מיין מאן, מיין זוהן, מיין טאכטער, מיין שוועסטער! — האבען זיך געהערט פארשידענע אויסרופע! עליק איז געשטאנען אין מיטען, ווי א צעטומעלטער, ניט געוואוסט וועמען ער זאל פריהער אויסהערען און וועמען פריהער צו ענטפע־רען, ערשט, ווען בײדע פועלים האבען א כאפ געטאן די קופערט און אוועק מיט דעם אונטער'ן שטאדט, צו דער פוהר, האט זיך דער עולם ביסלעכווייז ארויסגערוקט אונטער'ן שטאדט צו געהן באגלייטען...

עליק און פראדעל זענען געבליבען אליין... שטום האט ער זיך ארומגעקוקט ארום הויז... דער לאמפ האט געברענט טונקעל און געווארפען מאטע שטראהלען איבער דעם שטיבעל אין וועלכען עס האט איצט ארומגעשוועבט אזא אומעט. פראדעל'ס פנים האט איצט אויסגעזעהן אזוי בלייך און אזוי בלאס, ווי די בלאסקייט פון די קינדערשע פנימ'לעך, וועלכע זיינען נאך געשלאפען און גע־טרוימט זייער קינדערש ריינעם חלום...

עליק האט זיך שטיל איבערגעבויגען איבער די קינדער, א ווײלע שטום זיי אנגעקוקט... נאכדעם האט ער זיי א קוש געטאן אויף זייערע ביידענס ליפען און מיט לייכטע טריט זיך ארויסגע־רוקט פון הויז...

— טאטע! טאטע! — האבען משה'לעס ליפען איהם נאכ־באגלייט פונ'ם שלאף...

חנה

ווען חנה האָט אָנגעפאַנגען שנעל זיך צוצוגרייטען צו דער רייזע קיין אַמעריקא, האָט די גאַנצע שטעדטעל גערעדט אויף איהר, עס איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז איהר אַפּפאָהרען פּלוצלינג צום מאַן קיין אַמעריקא, איז עפּעס ניט גלאַט...

און אורזאַכען אַזוי צו דענקען האָט מען ווענען איהר אין שטעדטעל געהאַט זעהר פיעל...

דעם גאַנצען זומער האָט מען איהר באַמערקט שפּעט ביינאַכט זיך אַרומשלעפּען אין די פאַרבאָרגענסטע ווינקעלעך מיט קלעשצעלסקע דעם לערער, ביי וועמען זי מיט איהרע צוויי קינדער האָבען זיך געלערענט שרייבען אידיש... מען האָט זאָגאַר געשמועסט, אַז דער לערער פאַרזוימט זיך ביי איהר אין די אָווענטען לענגער ווי מען דאַרף... און דער פאַקט אַליין, וואָס דער לערער איז אַ פרעמדער, וואָס קיינער קען איהם ניט און ווייס איהם ניט, איז שוין גענוג געווען, מען זאָל איהר באַשולדיגען אין דאָס ערגסטע.

חנה האָט געוואוסט אַלץ וואָס מען רעדט און מען דענקט ווענען איהר; זי האָט זיך אָבער ניט וויסענדיג געמאַכט. זאָל מען רעדען, זאָל מען דענקען, וואָס אַרט עס איהר? אַבי זי ווייסט, אַז זי איז די זעלבע ריינע און אומבאַפלעקטע חנה ווי געווען.

אָבער אַזוי האָט זי געוואָלט נאָר זיך אַליין איינרעדען... אין אמת'ען האָט זי געפיהלט, אַז זי איז שוין ניט מעהר די זעלבע חנה ווי זי איז געווען אַמאָל... און זי האָט שטאַרק געצווייפעלט, צו זי וועט זיך איצטער קענען צופּאַסען צו איהר מאַן, און צו וועט זי איהם קענען זיין אַזוי געטריי ווי זי איז איהם געווען אין דער חיים.

כאָטש זי איז נאָך מיט דעם לערער אזוי ווייט ניט געקור־מען, ווי מען האָט אין שטעדטעל חושד געווען, האָט ער, פאַר דער צייט וואָס ער איז אריינגעקומען צו איהר אין הויז, אויף איהר גע־האַט זעהר אַ גרויסען איינפלוס. ער איז אזוי שעהן און עדעל און רעדט אזוי קלוג — נייע וועלטען האָט ער פאַר איהר ענטדעקט; פון וועלכע זי האָט ביז איצט קיין אהנונג ניט געהאַט. ער האָט איהר ערקלערט אזוי פיעל שעהנע און נייע זאכען. ערשט איצט האָט זי באַגריפען ווי שעהן און רייך עס איז די וועלט מיט גליק און גענוס, און דאָס לעבען האָט גאָר ביי איהר אַנאַנדער פּנים באַקומען...

ביז איצט האָט זי געמיינט, אז די שטוב, דער מאַרק, די אַרוּ־מיגע גאַסען, די ווייבערשע שוהל... דאָס איז אַלעס, וועגען וואָס אַ אידישע טאָכטער באַדאַרף וויסען. און אז זי איז שוין גוט פרום, איז פאַר איהר אָפען דער ווייבערשער בית־המדרש וואו זי קען זיך אַמאָל אריינכאַפּען און זיך פאַרזאַמען וויפיעל איהר האַרץ גלוסט...

האָט איהר דער צופאַל צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ געבילדע־טען מענשען, וואָס דענקט אַנדערש און פאַרשטעהט גאָר אַנדערש דעם לעבען, האָט ער איהר די אויגען געעפענט... ביז איצט האָט זי געלעבט ווי אַ בלינדע, ווי אַ טויבע, ווי אַס האָט קיין זאַך ניט געזעהן און ניט געהערט... און עס וואונדערט איהר איצט ווי אזוי זי האָט געקענט אָפּלעבען אַזאַ צייט אין טרויעריגער אומווי־סענהייט...

ווען זי פאַרגלייכט אין איהר געדאַנק דעם לערער קלעש־צעלסקען מיט איהר מאַן, ווערט איהר עפּעס אזוי אומהיימליך. דאָס האַרץ נעהמט איהר עפּעס אזוי קלאַפּען ביי דעם געדאַנק, אז באַלד וועט זי זיך ווידער באַדאַרפען מיט איהם צוזאַמענקומען.

און פאַהרען מוז זי און טאַקע שנעל פאַהרען, אויב זי וויל פאַרבלייבען אַן ערליכע אידישע טאָכטער און אַ געטרייע ווייב צו איהר מאַן... צו גרויס זענען די נסיונות, וועלכע זי האָט די לעצ־טע צייט אויסצושטעהן... צו לאַנג האָט זיך געצויגען די צייט, וואָס איהר מאַן איז אין דער היים ניטאָ... די טעג זענען, דאַכט

זיך, יאָהרען געווען... און לאַנגווייליג, שרעקליך לאַנגווייליג האָבען זיך געשלעפּט די מינוטען אין אומעט און אין עלענד... אי־בערהויפּט אין די לאַנגע ווינטער־אָווענטען, ווען דער ווינט אין דרויסען האָט געבלאָזען, און דער רעגען האָט געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע לאַדענס, און זי פלעגט זיצען אַליין אין שטוב מיט ביי־דע קינדער, וועלכע האָבען שטום און מיט מורא זיך צו איהר גע־טוליעט...

„גאָט, ווי אַזוי האָט זי עס גאָר געקענט אויסהאַלטען!" גיט זי אַזש אַ שוידער, ווען זי קלערט וועגען דעם.

אַזעלכע צייטען האָט זי געהאַט אַ סך, אַ סך... פיער ווינ־טערען האָט זי אַזעלכע איבערגעלעבט... ביז ער, קלעשצעלסקי, האָט זיך פאַר איהר באַוויזען אין דעם געשטאַלט פון אַ לערער, אַ פריינד און אַן ערלייזער פון איהר אומעט און עלענד...

און ווען זי דענקט וועגען די לעצטע ווינטער־אָווענטען פונ'ם פאַרגאַנגענעם ווינטער, וואָס זי האָט אין זיין אַנוועזענהייט אַזוי פרעהליך, אָפט מאָל זאָגאָר גליקליך פאַרבראַכט, פאַרציהט זיך אַזאַ שעהמעוודיגע רויטקייט אויף איהר געזיכט...

אַט זעהט זי זיך זיצענדיג ביים טיש מיט די צוויי קינדער משה'לען און חיה'לען. זיי האַלטען אַלע פעדער אין די הענט און שרייבען: עס קריצען זיך צוזאַמען אַזעלכע משונה'דיגע שוואַר־צע פאַרדרעהטע אותיות איבער'ן פּאַפּיר, פון וועלכע עס איז אוממעגליך אַ וואָרט אַרויסצולעזען. זי קוקט אויף די קינדער מיט הרחבה, און איהר מוטער־האַרץ הויבט זיך פון נחת — זי רעדט צו זיי, מונטערט זיי:

„שרייבט קינדערלעך שרייבט! וועט איהר זיך אויסלערנען שרייבען אַ בריוועלע צום טאַטען אין אַמעריקאַ". און ניט קענענ־דיג זיך מעהר צוריקהאַלטען, פלעגט זי זיך אויפהויבען, צולויפען צו די קינדער, זיי אַרומנעהמען, קושען און דריקען זיי מיט ליעבע און וואַרימקייט...

און דאַ פלעגען זיך איהרע בליקען באַגעגענען מיט דעם לע־רער'ס... ער פלעגט שטעהן די גאַנצע צייט און קוקען אויף איהר מיט זיינע טיעפע דורכדרינגענדע אויגען... זי פלעגט זיך פאַרשעה־

מען און ארונטערלאזען די אויגען... און זיך זעצען צוריק אויף איהר פלאץ און ווייטער פיהרען די האנט איבער'ן פאפיר.

דערווייל פלעגען די קינדער איינשלאפעןביים טיש זיצענדיג מיט די פעדערס אין די הענט. דאמאלסט פלעגט ער צוגעהן נאהענט צו איהר, אנשפארען די הענט אויף איהרע אקסלען און אריבערקוקען צו איהר אין פאפיר...

— איהר שרייבט אויסגעצייכענט! — פלעגט ער איהר זאגען.

א ווארימער ציטער פלעגט איהר דורכלויפען איבער אלע גלידער...

דערנאך האט ער צו איהר אזוי פיעל גערעדט, אזוי פיעל שעהנע זאכען איהר דערצעהלט...

ביים אוועקגעהן פלעגט ער לאנג האלטען איהר האנט און אזוי ווארים דריקען. די אויגען פלעגען זיך ביי איהם צעפלא־מען, ווי מען וואלט דארטען פייערלעך אנגעצונדען...

— גאט! — פלעגט זי נאך זיין אוועקגעהן אין דער שטיל בעטען, און א טרער פלעגט זיך אין איהרע אויגען באווייזען — גאט! שטארק מיך, באהיט מיך!

— — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען באלד נאך סוכות, אז אוועגט פאר איהר אוועק־פאהרען. אין דרויסען האט א קיהלער ווינט געבלאזען. דראבנע טראפענס רעגענדלעך האבען זיך אנגעשלאגען אין די פארמאכטע לאדענס.

חנה איז געזעסען און געשריבען צו איהר מאן א בריעף, אין וועלכען זי האט איהם געמאלדען, אז זי פאהרט מארגען ארוים.

אין שטוב איז קיינער ניט געווען אויסער איהרע צוויי קינ־דער, וועלכע זענען שוין געשלאפען. א טונקעלער אומעט האט איבערן הויז ארומגעשוועבט און זיך פארקליבען אויף די געפעק, וועלכע זענען געלעגען אויף דער ערד שטום, איינזאם און טרויעריג ווי מצבות אויף קברים...

„מיין ליעבער מאן!" האט איהר האנט ווי פון זיך אליין ציטערענדיג אויסגעקריצט. און שרייבענדיג האט זי געזוכט אין די

ווערטער איהר מאַנ'ס בילד, וועלכעס איז אַלץ מעהר און מעהר טונקעלער געוואָרען און איהר פאַרשטעלונגס־קראַפט. אַט זעהט זי נאָך זיין האַלב פלאַטשיגע נאַז, וועלכע קוקט ארויס פון אונטער זיין שמאַלען שטערען, זיינע שפיציגע גראָהע אויגען, וועלכע קוקען אויף דער וועלט און זאָגען גאָר ניט און האָבען צו קיינעם קיין טענות ניט... זיין איינגעבויגענער גאַנג, זיין שטעל, זיין רעדען...

און אַט איז דער בילד שוין אין גאַנצען פאַרשוואונדען...

פאַר איהרע אויגען מאַלט זיך איצט אַנאַנדער בילד:

אַ שעהנער, אַ הויכער מיט אַ ליעבען סימפאַטישען אויסזעהן, טונקעל ברוינע האָר שוואַרצע ברענענדיגע אויגען מיט אַ פּאָר ברי־לען, וועלכע ער טראָגט צייטענווייז אויף זיין האַלב רונדען נאָז... היינט זיינע וואָנצעס... —

„מיין ליעבער מאַן!" — האָט איהר פעדער ווידער אַ מאָל נעקריצט איבער'ן פּאַפּיר — און עפּעס מאָדנע קאַלט און פרעמד האָבען די ווערטער אויף איהר געקוקט...

די ווארשאווער שנור

אלול־צייט האט איהר מאן באדארפט אנקומען צוריק פון סאלדאטען־דינסט. האט זי זיך אפגעזאגט פון איהר שטעלע אין ווארשא, וואו זי האט די גאנצע צייט פון זיין אבוועזענהייט געדינט און צוריק א היים געקומען אין דעם קליינעם שטעדטעל ווארטען אויף איהר מאן.

איז זי פארפאהרען צו זיין מאמען, אז עלטערע פרוי און א פרומע. האט די מאמע זיינע געגאפט קוקענדיג אויף איהר שנור ווי יונג און ווי שעהן זי זעהט אויס... הייננט די קליידונג איהרע ?... דעם פריץ'ס טאכטער געהט ניט שעהנער אנגעטאן. שטארק צו־פרידען איז אבער די שוויגער מיט איהר שנור'ס גאנג ניט געווען. איבערהויפט איז איהר ניט געפעלען די ענטבלויזקייט פון איהר שנור'ס שעהנעם האזליך ווייסען קערפער... און פארגעווארפען האט זי איהר גוטמוטיג :

— דו ווייסט, טאכטערשע, אז אין א קליין שטעדטעל פאסט ניט אזוי צו געהן. אין א גרויסע שטאדט אפשר יא, אבער אין א קליין שטעדטעל — מענשען וועלען רעדען, טייטלען אויף דיר מיט די פינגער, און איצט פאר ראש־השנה, די צייט פון תפילה און פון תשובה, באדארף מען אודאי ניט אויפרייסען יענעם די אויגען, און גאט אליין ?

האט די שנור זיך אבער ניט צוגעהערט צו דער שוויגער'ס ווערטער און האט געענטפערט, אז זי איז צוגעוואוינט אזוי צו געהן פון דער גרויסער שטאדט און זי זעהט ניט איין דעם פאר־ברעכען, וואס זי באגעהט אנטקעגען גאט און לייט, ווען זי טראגט א שעהנער קליידעל און וואס דאס לייב, אויב עס איז נאר שעהן, איז אביסעל ענטבלויזט...

האָט זיך די שוויגער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, הערענדיג דער שנור'ס ווערטער. און שיער, שיער האָט זיך ביי איהר ניט אַרויסגע־כאַפּט דער וואָרט „תצופה". זי האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטען, ניט ווײַלענדיג אַנמאַכען קיין רוגז איידער דער זוהן קומט. האָט זי זיך ביי איהר געבעטען מיט גוטען:

— טאָכטערשע! זאָל זיין אַז דו ביזט גערעכט, טאָ טו מיר צוליעב, און טו זיך איבער אַ ביסעל אַנדערש און קום מיט מיר יעדען טאָג אַביסעל אין בית־המדרש. זאָלען גאָט און לייט זעהן וואָס פאַר אַ טייערע אידישע פרומע טאָכטער דו ביזט, ווי דו בעטסט גאָט פאַר דיין מאַן וואָס דאַרף באַלד אויסגעלייזט ווע־רען פון די גוי'אישע הענט, און פאַר זיך און פאַר'ן... חי... חי... וואָס וועט אַם ירצה השם קומען... — האָט זיך די שוויגער צע־שמייכעלט פון גרויס נחת, גלעטענדיג דער שנור איבערן שטערען.

די שנור האָט גלייכגילטיג אויסגעהערט דער שוויגער'ס ווער־טער און אַ טיעפער אומעט האָט איהר מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט. אָט איז וואָס פאַר אַ לעבען איהר שוויגער וויל איהר איינשליסען! געהן אַלע טאָג אין שוהל אַנגעטאָן ווי אַ אידענע, בעטען גאָט פאַר זיך, פאַר'ן מאַן...

דערמאָנענדיג זיך אַז מאַן איז איהר שווער און אומעטיג גע־ווארען אויפ'ן הארצען. וואָס פאַר אַן אונטערשייד, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט עס איז ערשט צווישען איהם און איהר.

ווען זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט, איז זי נאָך אַליין געווען אַ קינד ערשט 17 יאָהר אַלט, אַן עלענדע יתומה, און ער אַ פרומער, אַ לערנער, אַ מאַמעס אַ קינד... זיי האָבען זיךביידע זעהר געפּאַסט איינע פאַר די אַנדערע... אין אַ קורצע צייט אַרום נאָך זייער חתונה האָט מען איהם אָבער באַלד צוגענומען אין דינסט. האָט זי דאַמאָלסט געוויינט, זיך די האָר פון קאָפּ גע־ריסען...

דערנאָך האָט ער איהר געשריבען בריעף, זיך געקלאָגט און געבעטען ביי איהר, זי זאָל בלייבען וואוינען מיט זיין מוטער, און איינגערען ברודער, אַן האַרעפּאַסניק אַ יונג, אַ מאַרק־הענדלער, וועל־כער איז געבליבען דער איינציגער שפּייזער פונ'ם הויז.

די שווינגער האָט איהר אויך צוגערעדט. און די שוואַגער איז אדרבה ואדרבה ניט געווען דאַגעגען.

אַז זי איז אַפּגעווען אין הויז אַ קורצע צייט, איז איהר יונגער שוואַגער געוואָרען זעהר צודרינגליך. מיט גוטען און מיט שלעכטען האָט ער זי שטילערהייט פאַרפאָלגט. און ניט קענענדיג פון איהם לענגער אויסהאַלטען, איז זי אַוועק אין וואַרשא און געשטעלט זיך דאָרט דינען...

געדינט האָט זי די גאַנצע צייט אין זעהר רייכע בעל־הבתישע הייזער, וואו עס איז איהר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט די אַריסטאָקראַטישסטע פאַמיליען, ביי וועלכע זי האָט אימער געוואונען אַזוי פיעל חן, אַז אפילו זייערע רייכע זוהנ'דעלעך האָבען זיך אין איהר פאַרליעבט. און אַפטמאָל אויך איהרע רייכע הער'ען... עס איז איהר געפעלען דער רייכער לעבען מיט די שטענדיגע לוקסוס, וואָס האָט איהר אַרומגערינגעלט. און זייענדיג פאַרבלענדעט פון די טייערע פּרעזענטען, וואָס זי האָט געקראָגען פון די מעהרסטע פון איהרע יונגע הער'ען, האָט זי זיך לייכט געלאָזט פאַרפיהרען.— — — — — — — — — — — — — — —

טראַכטענדיג איצט פון דעם אַלעם, האָט זי זיך ניט געקענט פאַרשטעלען, ווי אַזוי זי וועט איצט איבער אַ נייעם קענען אָנהויבען צו פיהרען דעם אַלטען אָרימען קבצנ'ישען לעבען, אין דעם אָרימען קבצנ'ישען שטעדטעל... און טראַכטענדיג פון איהר מאַן האָט זי זיך ניט געקענט פאַרשטעלען אפילו אויף אַ מינוט, זי זאָל זיך ווידער אַמאָל קענען צוזאַמענקומען אַט מיט דעם זעלבען פרומען און שטילען מענשען, וואָס געהט יעדען טאָג דאַווענען, און טראָגט אַ פאַרשמאַלצטען טיכעל אין קעשענע און אַ ברודנעם טלית־זעקעל אונטערן אָרעם. און אַ היטעל מיט אַזאַ ברייטען ראַנד, און אַ בערדעל אַז נידעריגס און צעשאָטענס...

און געגרוילט האָט איהר, ווען זי האָט געטראַכט וועגען דעם, אַז זי וועט דאַרפען ענטפּלעקען איהר דין־זיידען־לייב וואָס איז באַצויגען מיט זיידענע אונטערוועש וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון איהרע רייכע הער'ען, פאַר אַ מאַן וועמעס הענט זענען פאַרגרעבט פון מאַרק־האַנדעל און סאָלדאַטען־דינסט. און געוואונדערט האָט

איהר, וואָס זי איז געוועזן אַזוי שוואַך זיך צוריק אומצוקערען פון דער גרויסער שטאָדט, וואו עס רוישט און עס קאָכט דאָס לעבען פון תענוג און געניס אַט דאָ אַהער, אין דעם קליינעם וויסטען פאַרוואָרפען שטעדטעל, וואו אַלץ איז איהר אַזוי אומעדיג און פרעמד.

„צו וואָס איז זי דאָ אַהער געקומען, צו וואָס? — האָט זי זיך אפשר שוין צום הונדערטען מאָל געפרעגט — צו וואָס זיצט זי דאָ און אויף וועמען וואַרט זי, אויף וועמען?...

„און איז ניט אַ גרויסער אומזין איהר וואַרטען אויף אַ מענשען, וואָס איז איהר איצט אין גאַנצען ווייט און פרעמד?... און וואָס וועט שוין זיין ווען זי וועט זיך דערוואַרטען? בלייבען דאָ מיט איהם קען זי שוין סיי־ווי־סיי נישט. — — — — — — —

די אלול־טעג אין׳ם קליינעם שטעדטעל זענען דערווייל געלאָפען אומעטיגע און טרויעריגע... טאָג־טעגליך האָט זיך געצויגען דער מאָנאָטאָנער בלאָזען פון׳ם שופר, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון די אַלטע בתי־מדרשים און פאַרשפּרייט מרה־שחורה איבער די שטילע פאַראייניזאַמטע גאַסען איבער וועלכע עס זענען שוין געוועזן פאַרשאָטען קופּעס געלע ווי קופּער פאַרטריקענטע בלעטער...

און אידען, און אידענעס, פלעגען יעדען פריה־מאָרגען, ווען אַ גראָהער נעבעל האָט נאָך איינגעהילט דאָס שטעדטעל, לויפען אין בית־המדרש דאַווענען. תהילים און תחינות זאָגען, צוגרייטען זיך צום יום־הדין...

„די וואַרשאַווער שנור“, ווי מען האָט די פון וואַרשא אַריבערגעקומענע פרוי שוין גערופען אין שטעדטעל — האָט ניט ווילענדיג, ווי געצוואונגען, זיך אויך געמוזט מיטשלעפען נאָך דער שוויגער יעדען פריהמאָרגען דאַווענען און תשובה טאָן...

און שטעהן פלעגט זי לעבען דער שוויגער אַ שטומע, אַ שווייגענדיגע... אַנגעצויגען אין אַ טונקעל ברוינע קלייד וועלכע האָט אין גאַנצען פאַרשטעלט איהר צאַרטע זויבערע לייב. אויפ׳ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ ווייס־זיידענעם שאַל, וואָס האָט פאַרדעקט איהרע אין צעפּ פאַרפלאָכטענע האָר.

באוועגענדיג קוים מיט איהרע ליפען, פלעגט זי אריינקוקען אין דער שוויגער'ס סידור... די שוויגער האט געוויינט... גע־קלאפט זיך אין הארצען און תשובה געטאן אויפ'ן קול, און זי, די שנור, פלעגט שטעהן און זיך איינהערען מיט א טרויעריגען גע־מיט. און אלץ איז איהר עפעס פארגעקומען אזוי מאדנע... צו וואס — האט זי געטראכט — אט דאס וויינען און דאס בעטען אט פון די אלע ווייבער און מענער, וועלכע זי זעהט דא ארום זיך? וואס טוען זיי דען פאר א שלעכטס? אלע זענען זיי דאך אזעלכע ארימע, שוואכע און דערשלאגענע...

„און וואס פאר א זינד איז טאקע אט איהר אייגענע שווי־גער באגאנגען, וואס זי מאכט אן מעהר טומעל פון אלעמען, מיט איהר געוויין און געבעט?... אן ארימע אלמנה, וואס ווערט פאר־שווארצט טאג און נאכט ארומלויפענדיג אין די גאסען עפעס איינהאנדלען איהר לעבען צו דערהאלטען. פאר וואס לעבט זי איין א וועלט?...

„און זי אליין?... וואס נאך אלעמען האט זי אזוי געזינ־דיגט, וואס איהר שוויגער האט איהר פארשלעפט דא אהער אין שטיקעניש און ענגשאפט תשובה טאן, און די ווייבער זאלען אלע אויף איהר אזוי קוקען? זי זעהט ניט איין פאר וואס?

„אמת, זי איז אין דער גרויסער שטאדט קיין צדיקת ניט גע־ווען. זי איז אפט מאל אראפגעפיהרט געווארען פונ'ם וועג פון די רייכע הער'ען ביי וועמען זי האט געדינט... אבער ווער איז אין דעם שולדיג געווען, אויב ניט טאקע איהר שוויגער'ס צווייטער זיהנדעל, וואס האט איהר אזוי שטארק פארפאלגט, אז זי, א יונגע, אן אומערפארענע, האט געמוזט אין דער גרויסער שטאדט אנט־לויפען.

„ווען זי, די שוויגער, וואלט עס וויסען! און יענער, איהר שוואגער, געהט דאך אויך אלע פריהמארגען און פארנאכט בעטען און תשובה טאן".

אזוי פלעגט זי שטעהן און טראכטען די גאנצע צייט פונ'ם דאווענען... און איהר שלאנקער קערפער פלעגט זיך בויגען אונ־טער דעם שלעכטען גערוך פון חלב'נע ליכט, וועלכע האבען זיך

געשמאַלצען און אַנגעפּילט די לופט מיט שטיקעניש. — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אין אַוועגט פּלעגט זיך די „וואַרשאַווער שנור" אַוועקלאָזען אַליין אויף אַ שפּאַציר ערגעץ אונטערן שטאָדט, וואו עס האָבען זיך געצויגען ברייטע און פּרייע פעלדער שוין מיט אָפּגעשניטענע תבואה. דער ריח פון די פעלדער פלעגט אין איהר אָפּפרישען די ליעבע און די מונטערקייט, וואָס דאָס קליין שטעדטעלשע לעבען האָט שוין באַלד פון איהר אַרויסגעפּרעסט...

אָט דאָ אונטערן שטאָדט האָט זי זיך געפיהלט פריי און לע־בענס־לוסטיג. פלעגט זי טאָקע שפּאַצירען הין און צוריק מיט אַ פולע אַרויסגעשטעלטע ברוסט, טיעף איינאָטעמענדיג דעם ריח פון די אַרומיגע פעלדער און וועלדער.

נאָר דאַמאָלסט ווען די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען, און טונקעלע שאָטענס פלעגען זיך גענעמען אויסשפּרייטען איבערן וועג, און דער וועג פלעגט ווערען שוואַרצער און ניט זיכער, פלעגט זי מיט שרעק און מיט אַ פולע האַרץ בענקשאַפט נאָך לעבען און גענוס, זיך לאָזען אַ היים לויפען ערגעץ דורך פינסטערע זייטיגע געסלעך צו די נידעריג איינגעבויגענע, שוויגער'ס, טונקעלע הייזעל. — — — — — — — — — — — — — —

אַ פּאַר טעג פאַר איהר מאַנ'ס אָנקומען, איז די „וואַרשאַווער שנור" צופעליג באַקאַנט געוואָרען מיט דעם יונגען „אַמעריקאַנער", וואָס איז ניט לאַנג אַריבערגעקומען פון אַמעריקאַ, צו וועלכען זי איז געגאַנגען אָט אַזוי זיך אָפּנעהמען אַ גרוס פון אימיצען וואָס זי האָט אַליין ניט געוואוסט....

אין זי דעם יונגען אַמעריקאַנער שטאַרק געפעלען געוואָרען, האָט ער איהר געמאַכט קאָמפּלימענטען און געזאָגט, אַז עס וואונ־דערט איהם זעהר וואָס זי לעבט אָט אין אַזאַ צרה'דיג קליין שטעד־טעל, ווען אויף דער וועלט איז פאַראַנען אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקאַ. וואָס וואָלט זיך זעהר גוט פאַר איהר געפּאַסט...

איז זי געבליבען שטעהן אַ טרויריגע, אַ פאַרטראַכטע... און איהם געענטפערט, אַז אָט דאָ אין הויז וואו ער וואוינט קען זי גאָר ניט רעדען און איהם דערצעהלען. וואָלט ער אפשר וועלען זיך

אביסעל דורכגעהן אונטערן שטאָדט. אָה, ווי שעהן דאָרט איז! זי האָט דאָרט אַזוי ליעב צו שפּאַצירען. איבריגענס, וואָס וועט זיין ווייב רעדען, ווען ער וועט אַוועקגעהן שפּאַצירען מיט אַ פרעמ־דע. זאָל שוין טאַקע בעסער זיין ניט...

אַ ווייב! ניין, ער האָט נאָך ניט קיין ווייב. ווי זי קוקט איהם אָן, איז ער נאָך „סינגעל". אַ בחור הייסט עס, און מורא האָבען האָט זי ניט פאַר ועמען. גוט, ער וועט געהן מיט איהר. ער איז שוין טאַקע לאַנג ניט געווען אויף די אַלטע וועגען וואו ער האָט נאָך שפּאַצירט אין זיין קינדהייט. —

זענען זיי ביידע געגאַנגען אונטערן שטאָדט, איבער פעלדער און וועלדער. ער האָט פאַר איהר דערצעהלט פון'ם אַמעריקאַנעם לעבען. וועגען דעם אַז ער איז דאָ אַהער געקומען בלויז אַט אַזוי אויף אַ לוסט־רייזע, זיך זעהן מיט זיין שוועסטער און אַלטע מו־טער, און אַז באַלד וועט ער אַוועקפאָהרען צוריק. ער איז דאָרט, אין אַמעריקא, הייסט עס, גוט אַפּ... דאָס איינציגע וואָס איהם פעהלט דאָרט איז ליעבע... אָך — האָט ער זיך פאַר איהר באַ־קלאָגט — ס'איז אַלץ אַזוי פאַרביזנעוועט דאָרטען. אַז ער האָט ווירקליך ניט קיין צוטרויען צו די אַמעריקאַנער מיידלעך, וועלכע זענען, ווי איהם דאַכט זיך, מעהר אויסען ביזנעס איידער ליעבע... און ער זוכט נאָר די ליעבע, אַט אַזאַ מענש איז ער שוין...

האָט זיך די „וואַרשאַווער שנור" נעהנטער צוגערוקט צו איהם, איינגעטוליעט איהר האַנט אין זיינע, אַנגעשפּאַרט איהר רונדען אויסגעפּילטען שולטער אויף זיינעם, און צוגעגעבען, אַז ער איז פאַל־קאָם גערעכט. אַט אַזוי ווי ער זעהט, איז זי אויך אַזוי. זי האָט אפילו אַ מאַן וואָס דאַרף באַלד אין אַ פּאָר טעג אַרום קומען פון דינסט, אָבער זי איז זיכער, אַז זי ליעבט איהם ניט. ער איז פּרום, קליינ־שטעדטעלדיג, פאַרשלאָפען, און זי, זי קומט איצט פון אַ גרויסער שטאָדט, פון וואַרשאַ, וואָס קען אפילו פאַרגליכען ווערען מיט אַמע־ריקא. אָך, ווען זי וואָלט געהאַט די מעגליכקייט צו אַנטלויפען אַט פון דעם פינסטערען שטעדטעל. אָבער אַליין איז זי שוואַך... האָט ניט דעם מוט און די ענערגיע... ווען אימיצער זאָל איהר העלפען...

— וואָס הייסט אימיצער?... ער אַליין וועט איהר העלפען,

אויב זי וויל נאָר. ער פאַרשטעהט זי און פיהלט מיט איהר מיט.

— — — — — — — — — — — — —

ראש השנה האָט אין שוהל ווי אין בית־המדרש און איבער'ן גאַנצען שטעדטעל געקאָכט מיט די נייעס, אַז „די וואַרשאַווער שנור" איז אַנטלאָפען מיט'ן אַמעריקאַנער אין אַמעריקאַ, און מיט מעהר התלהבות האָט זיך דאָס גאַנצע שטעדטעל גענומען פאַרטיידיגען פונ'ם שטן מקטרג וואָס האָט איצט געפונען אַזאַ זעלטענע געלעגענהייט דאָס שטעדטעל צו באַגראַבען...

מיט אַ צעבראָכען הארץ זענען מאַמע און זוהן, דער אויסגע־דינטער סאָלדאַט, געשטאַנען פאַרשעהמטע און נידערגעשלאַגענע ערגעץ אין אַ זייטיג ווינקעל פונ'ם בית־המדרש, די אויגען אַרונ־טערגעלאָזען און מיט וועהטאָג זיך געשלאָגען אין הארצען „על חטא שחטאנו לפניך!" און קוואַלען טרערען האָבען זיך געגאָסען פון זייערע אויגען אויפ'ן מחזור...

דער נייער בית המדרש

ר׳ מאטע דעם גביר פונ׳ם שטעדטעל איז מיט אמאל איינ־געפאלען א געדאנק א נייעם בית־המדרש צו בויען.

דער אלטער בית־המדרש איז איהם פלוצלינג ענג און טונקעל געוואָרען. און ווידער האט ער זיך גענומען שרעקען פאר א סכנה דער בית־המדרש זאל ווען עס איז פון אלטקייט ניט איינפאלען, און עס וועט געשעהן אן אומגליק וועלכען מען וועט שוין שפעטער ניט קענען פאריכטען.

און אין אמת׳ען אין שוין טאקע אין אלטען בית־המדרש אומ־מעגליך געווען אריינצוקומען, די אלטע אפגעריבענע, שווארץ־גראָ־הע ווענט, און די מיט שימעל־באדעקטע צעלעכערטע פאדלאגע, האבען איהם מעהר ענליך געמאכט צו א באד, איידער להבדיל צו א בית־המדרש.

און דאך וואלט עס נאך גענומען געווען לאנגע צייטען, און עס וואלט נאר דעם עולם אויפ׳ן זינען ניט געקומען א נייעם בית־המדרש צו בויען, ווייל ערשטענס איז דאס שטעדטעל זעהר ארים, און וואלט זיך קיין מאל ניט געפיהלט בכוח אזא אונטערנעהמונג אויסצופיהר־רען און צווייטענס, ווער וויל דאס אוועקווארפען אלע זיינע גע־שעפטען און זיך איבערגעבען צו אזא גרויסע און שווערע ארבייט וואס איז פארבונדען מיט צייט, געלט און געזונד? און דריטענס, טרייבט מען זיי פון אלטען בית המדרש נאך אויך ניט ארויס... און ווען די שעה זאל ניט זיין, עס זאל זיך אמאל מאכען א „סיבה" דער בית־המדרש זאל ווען עס איז איינפאלען, וועט דאך דאס זיין פשוט אן אומגליק געשיקט פון גאט, און אנטקעגען גאט׳ס מעשים טאר מען זיך ניט ווערען...

וואלט דאס, הייסט עס, שוין אזוי געבליבען ביים אלטען,

קומט אָבער מיט איין מאָל צוגעהן ר' מאָטע און דערצעהלט זיי א מעשה, אז ער וויל האָבען אז מען זאָל צוזאַמענרופען אן אסיפה מכח א נייעם בית־המדרש, אויב ניט, סטראַשעט ער, וועט ער גאָר אָהן טענות אויפהערען צו קומען דאַווענען, און וועט מאַכען א מנין ביי זיך אין הויז.

דערהערט אזא מעשה, האָט זיך דער עולם שטאַרק דערשראָקען, וואָס הייסט, ר' מאָטע וועט ניט קומען דאַווענען? ער האַלט מיט זיינע גרויסע נדבות דעם גאַנצען בית־המדרש אויף! די שעהנסטע און טייערסטע עליה קויפט ער... איז מען צו איהם צוגעשטאַנען מיט גוטען אז ער זאָל זיך ארויסשלאָגען אזא נעראַנק פון קאָפּ.

„סטייטש, ר' מאָטע" — האָט מען פון אַלע זייטען איינגעַ־טענה'ט — „וואָס פאַלט אייך איין? א נייער בית המדרש נאָר? איז דער אַלטער ניט גענוג פאַר אזא אָרים שטעדטעל ווי אונזערע? עס דאַרף דאָך אזוי פיעל קאָסטען, וואו וועט מען דאָס נעהמען?"

„אזוי מוז דאָס זיין! אַנדערש קען גאָר ניט זיין!" האָט זיי ר' מאָטע קורץ און שאַרף געענטפערט. און דער רב מיט נאָך בעלי־בתים האָבען באַשלאָסען צו פאַרופען אן אסיפה וועגען דעם זיך דורכצוריידען.

דער בויען פונ'ם נייעם בית־המדרש האָט ביי ר' מאָטען זיין גאַנצע צייט און אַלע זיינע מחשבות פאַרנומען. עפּעס איז עס ביי איהם געוואָרען דער איינציגער ציעל אין לעבען. טאָג און נאַכט האָט ער נאָר פון דעם בית־המדרש גע'חלום'ט און אין מוח געזוכט פּלענער אויף וועלכען אָרט דער בית־המדרש זאָל געבויט ווערען, ער זאָל אויסזעהן וואָס שעהנער, רייכער און בעסער. באַלד ווי מען האָט באַשלאָסען, אז א נייער בית־המדרש זאָל גע־בויט ווערען, איז די ערשטע און גרעסטע נדבה זיינע געווען. ער האָט אויך געזעהן, אז עס זאָל אויף לאַנג ניט אָפּגעלעגט ווערען, נאָר מען זאָל זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט. דעם ערשטען שטיין צום פונדאַמענט האָט ער אליין אַוועקגעלעגט, און איז געווען אזוי גליקליך, אז ער האָט געלאָזט רופען די כלי־זמרים פונ'ם שטעד־טעל אויף זיינע אייגענע קאָסטען זיי זאָלען שפּיעלען ווען די אר־

בייט וועט זיך אָנפאַנגען. אויך פאר בראַנפען און לעקאך האָט ער אליין באַצאָלט, און געזעהן אַז אלע אין שטעדטעל זאָלען עסען און טרינקען און זיך משמח זיין, ווי עס וואָלט זיינע אַן אייגענע שמחה געווען.

ווען די ארבייט האָט זיך אָנגעפאַנגען איז ער פון אָרט ניט אָפּגעטראָטען. פארטאָג פלעגט ער שוין אויפשטעהן און קומען צו לויפען צום פלאַץ וואו עס האָט זיך געבויט, ארומגעהן און באַקוקען יעדען שטיקעל מאַטעריאל, טאַפּען דאָס מיט די הענט, און עס אַוועקלעגען אויף אַן אָרט עס זאָל זיך ניט ארומוואַלגערען, מעסטען און וועגען די ארבייט וואָס איז שוין אויפגעטאָן געוואָרען, און דערביי אָנקוועלען פאר נחת, וואָס די ארבייט געהט צו אזוי גוט, שעהן און גלאַט נאָך זיין וואונש נאָך. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אזוי פארטראַכטען איבער די פּלענער ווי צוצוגעבען חן דעם אויסזעהן פון בית־המדרש, אַז ער פלעגט גאָר פארגעסען, אַז ער איז נאָך ניט קיין געדראָווענטער, קיין איבערגע־ביסענער, נאָר שטעהן צוזאַמען מיט די ארבייטער און מיטאַר־בייטען, העלפען זיי טראָגען, קלאַפּען, מייסטרעווען, און אָנווייזען וואו און וואָס צו טאָן גלייך ווי ער וואָלט אַ געבאָרענער מייסטער געווען.

עס פלעגט שוין ווערען אַ האַלבער טאָג און ער האָט נאָך אין זינען ניט געהאַט אַ היים צו געהן און ביז מען האָט איהם ניט גע־שיקט פון דער היים דערמאָנען, אַז ס'איז שוין צייט צו דאַווענען און עפּעס איבערצובייסען איז ער פון אָרט ניט אָפּגעטראָטען.

אונטער דער צייט האָט ער זיינע אייגענע געשעפטען אין גאַנצען פארנאַכלעסיגט, סוחרים.פלעגען קומען און איהם קיין מאָל ניט טרעפען אין דער היים, יעדעס מאָל האָט מען איהם געמוזט שיקען רופען און עס פלעגט נעהמען אַ לענגערע צייט ביז ער פלעגט קומען. און איז ער שוין געקומען פלעגט ער שטעהן בלייבען אַ פאַר־טראַכטער, אַ פאַר'חלום'טער גלייך ווי די זאַך וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעהן, ענטפערען פּונקט קאַפּויער אויף זייערע אלע טענות, און פראַגען, וועלכע מען האָט איהם געפרעגט וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו געשעפט.

„ווי טייער האַלט יעצט ווייץ ?" פרעגט מען איהם א פרעג טאָג. „האַ, וואָס, א שעהנע געביידע זאָגט איהר, ס'וועט זיין א פיינע געביידע", פלעגט ער ענטפערען. די סוחרים פלעגען שטעהן בלייבען ערשטוינט און איהם אָנקוקען פאַרוואונדערט, און ברוגז'ע, צעטראָגענע זיינען זיי צופאַהרען מורמלענדיג צווישען זיך אז „מיט ר' מאָטען איז עפּעס געשעהן"... ר' מאָטען אָבער האָט דאָס ניט געאַרט, ער האָט אפילו ניט באַמערקט, אז אַלע זיינע אַלטע בעס־טע סוחרים מיט וועלכע ער האַנדעלט שוין יאָהרען לאַנג פאַרלאָזען איהם, ווערען פאַרפאַלען מיט איינמאַל און ער זעהט זיי שוין מעהר ניט אָן, ער האָט זיך אפילו קיין מאָל ניט נאָכגעפרעגט אויף זיי וואו זיי זיינען אהין געקומען, נאָר מיט לייב און לעבען געווען אי־בערגעגעבען ביי דער ארבייט פון בית־המדרש.

אין ר' מאָטעס הויז האָט זיך געטאָן חושך. זיין ווייב שרה לאה מיט די עלטערע קינדער האָבען גוט באַמערקט ווי זיי געהן צו גרונדע דורך דעם בית־המדרש וואָס ער האָט זיך איינגעדריי־מעלט; זיי האָבען געזעהן ווי די געשעפטען ווערען פון טאָג צו טאָג אָפּגעהאַקט, אין קאַסע ווערט ליידיג... און אויב עס וועט אַזוי ווייטער אנגעהן, וועלען זיי פאַרבלייבען אָרימע לייט, די ענדע זייערע וועט זיין א טרויעריגע און א ביטערע.

„סטייטש, גזלן !" האָט זיין ווייב מיט טרערען צו איהם גע־נומען איינטענה'ן — „דו וועסט דאָך אונז אומגליקליך מאַכען מיט דיין בית־המדרש ! „גאָט באַהיט צו קצבה ברענגען ! זעה, וואָס עס ווערט פון דיינע געשעפטען, זיי געהען אונטער ! סוחרים צע־לויפען, די תבואה אין שפּייכלער ווערט פאַרפוילט, וואָס וועט זיין דער סוף, פרעג איך דיך !"

„הא וואָס ?" — פלעגט ער איהר ענטפערען ווי תם'עוואַטע — „דער בית־המדרש ? ניש־קשה, זאָרג זיך ניט, ער וועט פאַרטיג ווערען מיט גאָט'ס הילף."

„אָבער בית־המדרש און ווידער בית־המדרש" — פלעגט שוין שרה לאה זיך צעוויינען אויפ'ן קול — דער בית־המדרש וועט אונז איבערפיהרען ! שונאי ישראל אין דר'ערד אריין לייגען, גאָט !

פאר וואָס שטראָפסטו מיך אזוי? — פלעגט זי ברעכען מיט די הענט און יאָמערען.

„ווייז ניט! וויין ניט! נארעלע וואָס דו ביזט" — פלעגט ער איהר ענטפערען אין א צופרידענעם טאָן — עס וועט זיין, זאָג איך דיר, א בית־המדרש, אז גאָט און לייט וועלען זיך פרעהען, מיט אַלע פּיטשעווקעלעך, זאָג איך דיר, א שעהנער ארון־קודש, גע־פארבטע ווענט, אויסגעמאָלענע „לייבען", א ווייסער קאַכלאָווער אויוועז, אי, א בית־המדרש וועט דאָס זיין!" פלעגט ער ענדיגען ענטציקט און זיך אַזש רייבען די הענט פון שמחה.

„מיין גאָט וואָס טוט מען? ער איז פון זינען ארונטער!" פלעגט שרה לאה א פּאַטש טאָן מיט די הענט און איבערנייעם אויסברעכען אין א געוויין — „הערט קינדער ווי ער רעדט! אייער טאַטע איז משוגע!" פלעגט זי זיך ווענדען צו די קינדער יאָמער־ענדיג.

אין שטוב פלעגט ווערען א געוויין, א יללה. ר' מאָטע האָט דאָס שוין אָבער ניט געהערט, געשווינד פלעגט ער ארויפכאַפּען אויף זיך די קאַפּאָטע און פארשוואונדען ווערען צו זיין אַלטען ליעבען אָרט — צום בית־המדרש.

דערלעבט די צייט, גאָט האָט געהאָלפען דער בית־המדרש איז מיט מזל פארטיג געוואָרען. א שעהנער בית־המדרש איז דאָס ארויסגעקומען, געבויט נאָך אַלעמענס וואונש נאָך, הויך און שטאָלץ האָט ער אויסגעוויזען קעגען די אַלע נידריגע הייזלעך וועל־כע האָבען איהם ארומגערינגעלט; די ווענט שעהן געפארבט ביז ארויף. א ווייסער קאַכלאָווער אויוועז האָט באשיינט דעם אריינ־גאַנג און צוגעגעבען דעם בית־המדרש א באַזונדערען חן.

אין שטעדטעל איז ששון ושמחה, ס'רוישט און עס קאָכט זיך מיט דעם נייעם בית־המדרש, קינד און קייט לויפען פון אַלע ווינקעלעך אהין וואו עס דארף ביינאַכט זיך אָנהויבען דער „חנוכת־הבית". עס איז א געטומעל צווישען די גרויסע און צווישען די קליינע, יעדערער האָט עפּעס צו דערצעהלען פון די וואונדער־דיגע בית־המדרש נייעס. די גרויסע גַעהן ארום און באטראַכ־

טען מיט האַלב-אויפגעעפענטע מיילער און באַוואונדערען די אַרבייט וואָס איז אַריינגעלעגט געוואָרען, און וויפיעל געלט דאָס האָט בעדאַרפט אָפּקאָסטען... און ווי שעהן די גרויסע, הויכע פענסטער זיינען דאָס אַריינגעשטעלט, און ווי די שויבען גלאַנצען... און חידוש׳ן זיך ווי אַזוי אָט די אַלע זאַכען ווערען דאָס למשל געמאַכט דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט.

די קליינוואַרג לויפען אַרום אין בית־המדרש און ווייסען ניט אויף וואָס פריהער צו קוקען, צי אויפ׳ן קלאָרען וויים־קאַלכאָווען אויוועז, אויף די גלאַטע גליטשיגע ווענט, אָדער גאָר אויפ׳ן ארון־קודש מיט די אויסגעמאָלענע „לייבען״ וועלכע ווייזען אויס ווי לעבעדיגע... און זיי דערשרעקען זיך בשעת מעשה פאַר די גרויסע אויפגעעפענטע מיילער, און איין אינגעל דעם צווייטען אַ שלעפּ טאָענדיג ביים פּאָלע, רוימט איהם איין אַ סוד אַז דאָרט, אויף יענער וועלט, זיינען אויך דאָ אַזעלכע „לייבען״ און אויב מען איז זינדיג — זאָגט דער רבי — עפענען זיי אויף די מיילער אין גיהנום און צערייסען...

און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלען און אין בית־המדרש איז געוואָרען אַלץ טונקעלער און טונקעלער... איז אויף די קליינוואַרג באַפאַלען אַ שרעק און זיינען זיך צולאָפען אין דרויסען אַרויס.

און אין דרויסען האָבען זיך וואָס אַמאָל מעהר מענשען אַרום בית־המדרש פאַרקליבען, מאַסענווייז האָבען זיי זיך פון די טונקעלע גאַסען צום בית־המדרש געצויגען, יעדערער אויסגעסטרויעט אין די שבת׳דיגע מלבושים, די מענער אין זייערע נייע קאַפּאָטעס, די פרויען אין זייערע אויסגעוואַשענע יאַקלעך, די קינדער שעהן פאַרפוצט. אויסגעוואַשען און אויסגעקאַמט ווי צו אַ חתונה.

באַלד זיינען פון דרויסען אָנגעצונדען געוואָרען קליינע פּאַפּירענע לאַמטערנדלעך פון אַלערליי קאָלירען, וועלכע די תלמוד־תורה־קינדער האָבען לכבוד דעם אויפגעמאַכט. אין בית־המדרש האָט מען אַלע לאָמפּען אָנגעצונדען, און מיט אַ געהויבענע שטימונג אונטער די קלאַנגען פון די שטעדטישע מוזיק, האָט דער עולם מיט דעם רב און ר׳ מאָטען פאַראויס אַריינגעמאַרשירט אין בית־המדרש.
ר׳ מאָטע איז אין זיבעטען הימעל געווען, זיין פנים האָט געלויכטען

פון פרייד און פון גליק; ענדליך איז זיין ציעל ערדייכט און זיין אונטערנעהמונג נאָך שווערע מיה, ארבייט און קאָסטען, דורכ־געפיהרט.

מען האָט זיך געזעצט ארום די טישען, געגעסען און געטרונקען. מוזיק האָט געשפּיעלט לעבעדיג, דער חזן מיט די משוררים האָבען געזונגען און א היילינקייט האָט ארום בית־המדרש ארומגעשוועבט...

באלד האָט מען זיך גענומען פארקויפען „שטעט" און ווער עס איז נאָר געווען פארמעגליך האָט פארכאפּט א שטאָדט אין נייעם בית־המדרש. די אָרימע אָבער, האָבען זיך געוועהנליך געמוזט באנוגענען מיט'ן ביסעל בראָנפען און צובייסען וואָס זיי האָבען בשעת־מעשה געקראָגען, ניט טראַכטענדיג אפילו וואו און אויף וועלכען אָרט עס וועט זיי שפּעטער אויסקומען צו זיצען אָדער צום שטעהן...

דעם גרעסטען פּרייז אָבער, האָט ר' מאָטע באצאָלט פאר דער שטאָדט אין מזרח־וואנט לעבען רב. צו זיין פרייד איז דעם אָוועגט קיין גלייכען ניט געווען, און ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, וואָלט ער א דריטעל פון זיין לעבען אוועק געשענקט פאר דעם איינעם אָוועגט, וועלכער וועט פארבלייבען א זיסער זכרון זיין גאנצען לעבען.

שפּעט ביי דער נאכט איז זיך דער עולם מיט געזאַנג און טענץ צוגאַנגען אהיים.

עס איז אריבער א שטיק צייט נאָכדעם ווי דער נייער בית־המדרש איז פארטיג געוואָרען. אין שטעדטעל איז ווידער רוהיג און שטיל געוואָרען. קיין נייעס האָט ניט פּאסירט און צום אלטען איז מען שוין צוגעוואוינט געוואָרען, יעדערער האָט זיך באשעפ־טיגט מיט זיין ארבייט, סוחרים האָבען געהאַנדעלט, בעלי מלאכות האָבען געארבייט און זיך געהאַט פרנסה אויפ'ן אלטען שטייגער.

נאָר איין ר' מאָטע איז זיך שטילערהייד געזעסען אין שטוב א פאר'דאגה'טער, א פארזאָרגטער און נאָכגעדענקט וועגען זיין יעצ־טיגע טרויעריגע לאגע אין וועלכער ער איז פארבליבען, זיין גוטער חלום איז שוין לאנג פארביי. און ער האָט זיך ערשט געפונען אויפ'ן

וואָר צוגעדריקט און צוגעשטיקט פון אַלע זייטען, פון איין זייט די געשעפטען אַפּגעשניטען, די תבואה אין שפּייכלער פארפוילט... און פון צווייטען זייט די קרעדיטאָרען וועלכע ער וועט פריהער אָדער שפּעטער מוזען צאָלען, די בעל חובות וועלען זיך אַנלויפען, אין קאַסע איז לעדיג. ער וועט ניט האָבען מיט וואָס צו באַצאָלען, עס וועט איבעראַל באַלד באַקאַנט ווערען אַז ער, ר' מאָטע איז פארבליבען אַן אָרימאַן, דאַמאָלסט איז פארביי מיט איהם און מיט זיין גוטען נאָמען.

ער זוכט אין זיינע געדאַנקען עפּעס אַן עצה, אַן אויסוועג ווי אַזוי נאָך צו ראַטעווען זיך פון זיין ביטערער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך אַליין פארפּלאָנטערט... אָבער וואָס מעהר ער דענקט אַלץ טרויעריגער ווערט ער, און די פערצווייפלונגס געדאַנקען קריי־צען זיך איין אַלץ מעהר אין זיין מוח.

„און צוליעב וואָס האָט ער זיך אַזוי מקריב געווען?" פאַלט איהם איצט איין אַ געדאַנק ווי ער וואָלט גאָר פּלוצלינג פון ערגעץ געקומען צו שווימען און פּליסט אין זיין מוח מיט אַ זאָנדערבאָרע קראַפט... שטויסט אַוועק אַלע אַנדערע געדאַנקען, נאָר דער איינער בלייבט ביי איהם און מוטשעט איהם, אַלץ מיט דער איינער און זעלבער פראַגע: צוליעב וואָס האָב איך זיך מקריב געווען?"

ער דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין... ער פיהלט, אַז דער געדאַנק איז אַ זינדיגער... אַז מען טאָר אַזעלכעס ניט קלערען. „וואָס הייסט צוליעב וואָס?" אַ איד פרעגט ניט קיין קשיות „צוליעב וואָס?" עס האָט אַזוי באַדאַרפט צו זיין, עס איז פּשוט אַ גאָט זאַך, גאָט האָט געוואָלט אַז אידען זאָלען האָבען אַ נייעם בית־המדרש וואו זיין כבוד זאָל דאָרט רוהען, נו, האָט ער איהם אַריינגעגעבען אַזא דעה די זאַך זאָל דורך איהם דורכגעפיהרט ווערען, איז עס דאָך אַ באַוויז, אַז ער איז ביי דעם וואָס לעבט אייביג אַ סך חשוב'ער און אָנגענומענער ווי אַלע אַנדערע אידען פונ'ם שטעדטעל", — זוכט ער זיך צו פארענטפערען און מאַכט זיך אַליין פאָרווירפע פאַר זיינע פריהעריגע זינדיגע מחשבות.

אָבער פארוואָס שטראָפט איהם גאָט אַזוי?" קומט צו איהם באַלד צופליהען אַ צווייטער געדאַנק: „וואָס וועט פון איהם איצט

ווערען? פון איהם דעם שעהנעם בעל־הבית, דעם באוואוסטען סוחר, וועמענס נאָמען האָט גע׳שם׳ט מיט זיין רייכקייט און ערליכקייט? אַ בעטלער, אַ קבצן וועט ער פארבלייבען מיט אַלע קבצנים פון שטעדטעל צוגלייך. פארלאָזען און פארשטויסען פון די סוחרים מיט וועלכע ער האָט אַזוי פיעל לאנגע יאָהרען געהאנדעלט. און זיין נאָמען וועט פארבלייבען צו שאנד און צו שפּאָט.

ער כאַפּט זיך אַזש מיט ביידע הענט פאר׳ן קאָפּ ווי ער וואָלט וועלען פאריאָגען פון זיך אָט די שרעקליכע געדאנקען, אָבער וואָס מעהר ער זוכט זיי צו פארטרייבען, אַלץ מעהר פארשפרייטען זיי זיך אין זיין מוח און מאָלען פאר איהם די מורא׳דיגסטע בילדער מיט די טונקעלסטע פארבען...

אַם ערגסטען אָבער שטעלט זיך איהם פאָר דער בילד ווי אָט זיצט ער „אויבען־אָן" אויף זיין שטאָדט אין מזרח־וואנט פונ׳ם נייעם בית־המדרש לעבען רב, זיינע בגדים זיינען שוין ניט מעהר אַזעלכע שעהנע, רייכע, געמאַכט פון דעם טייערסטען שטאָף און אויפגענעהט ביים בעסטען שניידער פונ׳ם שטעדטעל, נאָר אַן אַל־טען, צעריסענעם בגד טראָגט ער, פארשמוצט און פארלאַטעט... דער גאנצער בית־המדרש אויגען, — דוכט זיך איהם — קוקען אויף איהם און שמייכלען... און מורמלען שטיל צווישען זיך, ווי זיי וואָל־טען זאָגען: „קוקט נאָר אָן דעם קבצן וואו ער האָט זיך דאָס פאר־רוקט, אנדערש פאַסט איהם ניט ווי נאָר אין מזרח וואנט צו שטעהן". און דער רב וועלכער איז אַלע פריהעריגע יאָהרען געוועזען זיין נאָהענט־סטער פריינד און שכן און פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט מיט איהם איינטענה׳ען און זוכען איהם צו שמייכלען, קערט זיך איצט אָפּ פון איהם... שעהמט זיך מיט איהם צו באגעגענען... און נאָכ׳ן דאווגען ביים אוועקגעהן מאַכט ער זיך איהם ניט באַמערקענדיג...

די געדאנקען ווערען ביי איהם וואָס אַמאָל פינסטערער און שווארצער און מאַכען איהם שיער ניט משוגע, די לופט אין צימער ווערט איהם ענג און דריקענד... אויפ׳ן הארצען שווער... ער פיהלט ווי ער קען קוים דעם אָטעם ציהען...

ער שפּרינגט אויף און נעהמט ארומלויפען הין און צוריק איבער׳ן צימער ווי ער וואָלט זוכען אַן אָרט וואו זיך צו באַפרייען פון זיינע

שלעכטע מחשבות, אָבער אומזיסט, די געדאַנקען לאָזען איהם ניט נאָך... זיין צושטאַנד ווערט ערנסטער און אויפגערעגטער, זיין פּנים פאַרקרימט זיך ביי איהם אין אַ משונה'דיגען אויסזעהן און אליין ניט ווייסענדיג וואָס ער טוט נעהמט ער קלאַפּען מיטביידע הענט איבער'ן טיש.

— וואָס קלאַפּסטו? — איז זיין ווייב אריינגעלאָפען צו איהם אַ צעשראָקענע — ביזטו פון זינען אַראָפּ, צו וואָס?

— יאָ, איך האָב מורא אַז איך ווער משוגע — האָט ער איהר אָפּגעענטפערט אין אַ פאַרצאָרענטע טרערען־פאַרשטיקטע שטימע, וואַרפענדיג אויף איהר אַ פּאָר שמערצליך מרה־שחורה'דיגע בליקען... און אָפּקערענדיג זיך פון איהר ווי אַ שולדיגער האָט ער אין אַ געבראָכענע שטימע ארויסגערעדט:

— שרה לאה, מיר מוזען פון דאַנען אַוועקפאָהרען!

— וואָס רעדסטו? וואָס מיינסטו מיט דעם, וואָס הייסט מיר זאָלען פון דאַנען אַוועקפאָהרען? וואוהין און צו וועמען וועלען מיר פאָהרען? — האָט די ווייב אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען.

— שרה לאה, מיר פאָהרען! אַז איך זאָג פאָהרען, וועט מען פאָהרען, און פרעג מיך ניט קיין סך קשיות. עס קען אַנדערש ניט זיין! האָט מאָטע אַנטשלאָסען און מיט כעס אַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַז זי איז אַזש אַ פאַרציטערטע געוואָרען. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהן.

— אידענע וואָס דו ביזט, פאַרשטעה מיך! איז מאָטע נאָך אַ ווייל שטיל־שוויינען, זעהענדיג ווי זיין גוטע און טרייע ווייב איז אַזש בלייך געוואָרען, שוין געוואָרען ווייכער. פאַרשטעהסטו דען ניט, אַז מיר קענען דאָ אין שטעדטעל מעהר ניט בלייבען? מיר מוזען פון דאַנען אַוועק. קיינער באַדאַרף ניט וויסען פאַר וואָס, און וואוהין... אָט סתם אַזוי, מיר פאָהרען אריבער אין אַ גרעסערע שטאָדט... און וואָס פריהער אַלץ בעסער. שפּעטער וועט שוין זיין צו שפּעט... גאָט און היים שוין פּאַקען די זאַכען!

שרה לאה האָט איהם מעהר גאָרניט געפרעגט און מעהר גאָר־

ניט געענטפערט. שטום, מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ איז זי אוועק טאן וואס איהר מאן הייסט איהר.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

עס איז געווען א פארנאכט. דער הימעל האט זיך געדוויטעלט, און איינגעטונקט דאס שטעדטעל אין א ראזאווען שיין. די זון, וועלכע האט געווארפען איהרע לעצטע שטראהלען, האבען זיך אנ־געשלאגען אין די ברעגען פונ׳ם בלעכענעם דאך פונ׳ם הויכען, נייעם בית־המדרש וועמענס פונקלענדער שיין האט אפגעשלאגען ווייט ארום.

שטיל מיט די בליקען געווענדעט צום העכסטען פונקט פונ׳ם נייעם בית־המדרש, איז מאטע געזעסען אויפ׳ן פודר, וועלכע האט איהם ארויסגעפיהרט פונ׳ם שטעדטעל, קיינער זאל ניט וויסען, און קיינער זאל איהם ניט באגלייטען.

ער איז געווען בלאס, מרה־שחורה׳דיג... די האר זיינען איהם געווארען גראהער, די קנייטשען טיעפער... און ווען די זון האט שוין געהאלטען אין גאנצען ביים פארשווינדען, האט מאטע, ווי א גוסס׳ער וואס וויל נאך צום לעצטען מאל זעהן די וועלט, זיך א הויב אויף געגעבען, א ווייל שטעהן געבליבען, געווארפען צום לעצ־טען מאל א בליק אויף די שפיצען פון נייעם בית־המדרש, וועלכע האבען זיך שוין קוים, קוים ארויסגעזעהן, און מאכטלאז צוריק־געפאלען.

„אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!“ האבען זיין ליפען שטיל געמורמעלט און א טרער נאך א טרער איז איבער זיין בלייכען פנים געפאלען...

ר׳ אשר

זינט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען האט דער אלטער ר׳ אשר קיין רוה נים:

אמת, אין דעם שטעדטעל, וואו ר׳ אשר וואוינט, זיינען נאך קיין שלאכטען נים פארגעקומען, דאס שטעדטעל ליגט ערגעץ פאר־ווארפען אן א זייט, און אנטקעגען אנדערע שטעדט וואס מען הערט זיך אן, איז נאך דא א גן־עדן. אידען האבען נאך דערווייל הלואי ווייטער, נים געליטען פון פאגראמען און אנדערע צרות. קיין סאלדאט זעהט מען נאך היינט אויך, פונקט ווי אלע מאל, אין שטעדטעל נים אן... פון דעסטוועגען פיהלט זיך אז עס איז עפעס דאך נים די זעלבע שטילע, רוהיגע שטעדטעל ווי אלע מאל...

עפעס איז דאס שטעדטעל פול געווארען מיט פרעמדע מענשען וואס זענען אנגעלאפען פון אנדערע שטעדט, פון וועלכע מען האט זיי ארויסגעטריבען, אדער זיי האבען אליין געמוזט אנטלויפען... און ווען ר׳ אשר געהט ארום אין גאס, באגעגענט ער זיך אויף שריט און טריט מיט פרעמדע אומבעקאנטע פנים׳ער, אויף וועלכע עס ליגט אויסגעגאסען אן אומעטיגער, ביטערער צער, אז ס׳איז זיי א רחמנות אנצוקוקען... און אשר׳ן נעהמט זיך דאכטען, אז דער גאנצער אידישער גלות האט זיך דא אין שטעדטעל פארקליבען, און אז עס איז גאר ניטא קיין האפנונג ווען עס איז פון דעם ביטערען גלות אויסגעלייזט צו ווערען.

אויפ׳ן גאס שטעהען בערגלעך אידען. מען רעדט, מען דער־צעהלט זיך איינע די אנדערע אוים די צרות... וואס דען אנדערש זאל מען טאן, אז קיין פרנסה איז ניטא? די הערצער זענען אנגע־וועהטאגט, שטעהט מען און מען רעדט זיך כאטש אראפ פון דעם הארצען... איין איד דעם אנדערען דערצעהלט פון זיינע שרעקלי־כע ערפאהרונגען אין זיין שטעדטעל, פון וואנען ער איז אנטלאפען.

און דער עולם שטעהט פארקלעמט און הערט זיך צו מיט גרויס אינטערעס צו די שרעקליכע געשעהענישען און זיפצט שטיל אונ־טער.

דער אלטער ר' אשר וואס שטעהט דאמאלסט אויך דערביי און הערט זיך צו, שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ, צופט מיט רוגזה זיין גראהע בארד, ווי ער וואלט מיט דעם וועלען אויסדריקען זיין צארן נעגען די ווילדע מעשים וואס ווערען אפגעטאן.

צו דער זעלבער צייט קען מען אבער אין זיינע פינסטערע בליקען באמערקען אן אויסדרוק פון צופרידענהייט מיט דעם וואס ביי אידען ווערט אזוי גיך אחדות, איינס...

אט שטעהען אידען, דאכט זיך, גאר פרעמדע, אומבעקאנטע וועלכע האבען ביז איצט איינע די אנדערע קיינמאל אין די אויגען ניט געזעהן און דאך, דאכט זיך איהם, קוקענדיג אויף זיי, אז זיי קענען זיך שוין פון יאהרען; אזוי נאהנט זענען זיי שוין איינע מיט די אנדערע... און איהם, אשר'ן זעלבסט, נעהמט זיך אליין אויך דאכטען, אז ער קען זיי... אז ער האט שוין אט די פרעמדע אידען ערגעץ וואו געזעהן, כאטש ער איז נאך כמעט קיינמאל פון דעם שטעדטעל ניט ארויסגעפאהרען.

יא, אידען זענען אידען, „כל ישראל חברים", טראכט ביי זיך ר' אשר מיט צופריעדענהייט, אידען דארפען נאר זיך צוזאמענקומען אויף איין ארט, אויפרעדען זיך און זיי קענען זיך שוין איינע די אנ־דערע און איינער דער אנדערען זוכט צו העלפען אין א נויטה.

ווען ר' אשר קומט אריין אין בית־המדרש, טרעפט ער אויך ניט קיין פרעהליכערע שטימונג... דא איז נאך דער איינציגער ארט, וואו אידען פיהלען זיך פרייער ווי אין גאס. דער איינציגער אוראדניק פון דעם שטעדטעל, וואס האט זיך ביז איצט געהאלטען פריינדליך מיט די איינוואוינער, איז איצט געווארען פיעל שטרענ־גער. ער לאזט שוין אפטמאל ניט שטעהן אויפ'ן גאס די קופּקע־לער אידען און רעדען, צוטרייבט זיי מיט דער בלויזער שאבלע, וואס דאס איז שוין אליין א ביטערער סימן פאר'ן שטעדטעל פון ניט קיין געוועהנליכער צייט...

אין בית־המדרש אבער פארוועהרט זיי נאך דערוויילע קיינער

ניט צו רעדען, אויסצודריקען אַ מיינונג וועגען די איצטיגע צייט...
און ווען צייטענווייז קומט ר' אשר'ן אויס צו הערען אַ ביטערען
אמת, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ ביטער האַרץ, „אויף גאָט און
אויף זיין געזאַלבטען", ווערט ר' אשר אַ פאַרציטערטער...

— סטייטש ! — רייסט זיך ביי איהם אַרויס מיט וועהטאָג
אין זיין שטימע — ווי פּאַלט אייך דאָס איין אַזוי צו רעדען, און
נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו ?... אידען, איהר זינדיגט... איהר
זינדיגט, אידען...

— אָבער מיר קענען שוין מעהר ניט שווייגען, ר' אשר ! אי־
דיש בלוט גיסט זיך, מען רויבט אידישע הייזער, מען שענדעט אי־
דישע טעכטער, און פאַר וואָס קומט עס אונז, ר' אשר, זאָגט,
איהר זייט דאָך אַ פרומער, געלערנטער איד, אדרבה, זאָגט עפּעס
פאַר וואָס שטראָפט אונז גאָט אַזוי ? פאַר וואָס ענטפערט ער אונז
ניט ווען מיר שרייען צו איהם, פאַר וואָס קומט עס אונז ? —
ענטפערען איהם אָפּ מיט אַמאָל עטליכע שטימען, וועלכע זענען
דורכגעמישט מיט טרערען...

— גאָט ווייסט, וואָס ער טוט, אויף זיינע מעשים טאָר מען
קיין קשיות ניט פרעגען — זיפצט אַרויס דער אַלטער ר' אשר מיט
וועה אין זיין שטימע און קערט זיך אָפּ פון דעם עולם און געהט
צו ערגעץ זוכען אַ ספר, אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט וועלען געפינען די
ריכטיגע תשובה וואָס ער זאָל קענען דעם עולם געבען, ווייל די
פריהערדיגע תשובה, ווי עס ווייזט אויס, שטעלט איהם אַליין אויך
ניט צופריעדען... עפּעס נאָגט אין איהם אַ צווייפעל, צי עס באַ־
דאַרף טאַקע אַזוי זיין... און פון זיך אַליין דערוועקען זיך ביי איהם
פראַגען : „טאַקע צו וואָס ?" און פאַרוואָס ?...

ער דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען... געשווינד
כאַפּט ער אַ ספר, שטעלט זיך אַוועק ביים „סטענדאַר", נעהמט זיך
שאָקלען און לערנען... און דער ניגון צעטראָגט זיך איבער'ן בית־
המדרש אַזוי אומעטיג, אַזוי טרויעריג, אַז טרערען שטעלען זיך
ביי אַלעמען אין די אויגען, עפּעס דערציהלט דער ניגון... עפּעס
פרעגט דער ניגון... עפּעס בעט דער ניגון... עפּעס וויינט דער
ניגון... — — — — — — — — — — — — — — —

חמצ'דיגע מצה

אנגעקומען איז דער היינטיגער פאר פסח אינ'ם קליינעם שטעדטעל ניט אזוי ווי יעדען יאהר — מיט גערויש און געפילדער און מיט א זיסען האפען און ווארטען, אויף דעם שעהנסטען יום טוב פסח.

שטיל און טרויעריג האט זיך געצויגען דער פאר יום־טוב. עס האט זיך ניט געמערקט יענע ערב־פסח'דיגע שטימונג וואס פלעגט אין געוועהנליכע צייטען אויפמונטערען די צר־וועהטאגסטע הערצער און אנפילען יעדע אידישע הויז, אפילו די ארימסטע, מיט פרייד און מיט האפנונג.

דעם מאל זיינען די מענשען ארומגעגאנגען מיט טרויעריג־נעבויגענע קעפ או שטיל פאר זיך געזיפצט... די אויגען זענען ביי זיי געווען ווי אויסגעלאשען... די הענט זענען ווי אהנמעכטיג אראפגעהאנגען אהן חשק און אהן ווילען עפעס צו טאן עפעס צוצו־גרייטען פאר יום טוב.

די בעלי מלאכות זענען מעהר ניט געזעסען גאנצע נעכט איי־לענדיג זיך אבצוענדיגען די ארבייט פאר די נגיד'ישע הייזער: די רייכע זענען איצט געווען פאראימט. ניט געווען זענען מעהר קיין נגידים און קיין יחסנים. אויף אלעמענס פנים'ער איז איצט געלעגען אפגעדרוקט דער שרעק און די פארצווייפלונג וואס די לעצטע שרעקליכע צייט האט אויף זיי ארויפגעלעגט... און יעדער אידישער הארץ האט שטיל געוויינט... און יעדער אידישע הויז איז מיט טרויער אנגעפילט געווען, מיט א טרויער, וואס האט זיך איינ־געגעסען טיעף, טיעף אין געדאנק און שיער ניט משוגע געמאכט...

עפעס א קלייניגקייט אזא אומגליק, אזא גרויסער אומגליק...

עס איז מלחמה־צייט.

באַזאַנדערס טרויעריג איז עס צוגעגאַנגען ביי בערל לייב'ן אין שיוואַלניע, וואו מען האָט שוין זייט יאָהרען מצות געבאַקען און וואו די אַלטע דאָבע איז שוין זייט יאָהרען געווען אַ קנעטעריןֿ.

אין די בעסטע, און אין די פרעהליכסטע יאָהרען איז דאָבע פון שטענדיג אַן געווען אַ קלאָגערען, אַ וויינערען. ניט אומזיסט פלעגט מען אין שטעדטעל זאָגען, אַז ווער עס באַקט מצה דאָרט, וואו דאָבע איז אַ קנעטערין, עסט מען חמצ'דיגע מצה, ווייל די אַלטע באַגיסט זי מיט איהרע טרערען...

די אַלטע דאָבע איז שטענדיג געשטאַנען ביים באַקען טייג ווי אַ פאַרשטיינערטע, מיט פאַרוויינטע אויגען... שטענדיג האָט זי געהאַט אויף עפּעס צו קלאָגען. זי האָט נאָך אַלץ ניט אויפגע־הערט צו באַוויינען איהר מאַן, וואָס איז שוין געווען פון אַ יאָהר צוואַנציג טויט, דאָ איז איהרע אַ טאָכטער קראַנק געווען, דאָ איז איהר'ס אַן איינִיקעל געשטאָרבען... דאָ האָט איהר'ס אַ קינד חתונה געהאַט און ניט געטראָפען... מיט איין וואָרט, זי איז פון שטענדיג אַן מיט איהר מזל ניט געווען צופריעדען. ווער שמועסט נאָך איצט, ווען מען האָט ביי איהר אַוועקגענומען איהרע צוויי זיהן, טאַטעס פון קינדער, אין דער מלחמה, איז שוין פון איהר גאַרניט געווען אויסצוהאַלטען. איהרע טרערען האָבען זיך ממש געגאָסען אויפ'ן טייג, און יעדערער איז כמעט געווען זיכער, אַז דעם יאָהר וועט מען עסען חמצ'דיגע מצה.

דעם מאָל איז אָבער דאָבע ניט געווען די איינציגע וויינערען. כמעט אַלע העלפערינס, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער שיוואַלניע, זענען ניט געווען אין קיין בעסערע שטימונג... כמעט ביי אַלעמען פון די העלפער האָט אימיצער געפעהלט פון דער פאַמיליע — ביי וועמען אַ טאַטען, ביי וועמען אַ זוהן, אַ מאַן, אַ ברודער...

און עס שטעהען די העלפער מיט פאַר'חושך'טע פנים'ער, שטום, טרויעריג און פאַרטראַכט און וואַלגערען די מצה, וועלכע האָט, דאַכט זיך, אויך ניט קיין היימליכען פנים... און דאָס שוויי־גען דערצעהלט אַזוי פיעל טרויעריגע געשיכטעס...

בלויז ווען אַ פּאָר פון דער אַלטער דאָבע'ס איינִיקלעך, ווע־מעס טאַטעס זיינען אַוועק אין דער מלחמה לויפען אריין און שטע־

לען זיך אוועק ביי דער אלטער'ס זייט, דערהערט זיך פון דא און דארט א שטילער פארשטיקטער זיפצען און געוויין, דאס האבען זיך די העלפער, קוקענדיג אויף דער אלטער'ס אייניקלעך ניט גע־קענט מעהר איינהאלטען... די וואונדען זייערע האבען זיך מיט איין מאל אויפגעריסען און זיי האבען ניט געקענט מעהר דערשטי־קען דעם שמערץ אין זיך...

די אלטע דאבע וויינט אויך מיט; אבער דעם מאל דאכט זיך, מיט א נקמה־געפיהל. אין איהרע שמערצפולע, האלב־בלינדע אוי־גען שפיגעלט זיך אפ מעהר פארדרוס, ווי מיטגעפיהל... איהרע בליקען לויפען אומהיימליך ארום פון איינע צו די אנדערע, ווי זיי וואלטען זאגען: וויינט, וויינט, קינדערלעך! איהר פלעגט שטענ־דיג לאכען און חוזק מאכען, ווען איך פלעג וויינען... טא פאר־זוכט זשע איצט אלע דעם טעם פון וויינען, פאר וואס זאל איך עפעס זיין די איינציגע געשטראפטע פון גאט, וועלכע מוז איהר גאנצען לעבען וויינען? וויינט, וויינט, אלע, וויינט!... היינט איז א צייט פון טרערען און געוויין. — — — — — — — — —

און די טרערען קייקלען זיך איבער אלעמענעם פנים'ער און פאלען אראפ אויף די מצה, וועלכע זאפט איין אין זיך די הייס־גליהענדע טרערען.

און אידען וועלען דעם יאהר עסען חמצ'דיגע מצה...

אין דער נײער הײם

שמערל דער לאנגער

שמערל איז א לאנגער בחור מיט א פאר לאנגע אומגעלומפּערטע הענט: א שמאלער אויסגעצויגענער פנים, מיט א פאר רויהע, אבער גוטמוטיגע אויגען, וועלכע קוקען מיט ליעבע און צוטרוי אויף אלע און אויף אלעמען.

ביים טרייד איז שמערל אן אפּרייטאר, דוקא זעהר א גוטער און שנעלער בעל־מלאכה. די מאשין „רעדט ביי איהם ווערטער". גיט שמערל א צעלאז זיינע לאנגע אומגעלומפּערטע הענט, ווערט ביי איהם דאס שטיקעל ארבייט פארברענט. קיין שווערע ארבייט איז ביי איהם גאר ניטא...

„א טייפּעל! א רעגעלער טייפעל!" זאגען אלע אויף איהם אין שאפּ, און דער באס, און דער פארמאן, לעקען ממש פון איהם די פינגער און שטעלען איהם שטענדיג ארויס אלס ביישפּיעל פאר אנדערע...

פארדינט מאקע שמערל גוט. אבער גרויסען גרויסט ער זיך ניט מיט דעם. עס איז ביי איהם גאנץ נאטירליך. ער שטרענגט זיך קיינמאל ניט אן צו ארבייטען שווער און שנעל. די ארבייט געהט ביי איהם פון זיך אליין, ווי פון א מאשין.

שמערל ארבייט קיינמאל ניט קיין איבריגע מינוט מעהר וויפיעל עס איז ערלויבט פון דער יוניאן. איז א געטרייער יוניאן־ברודער, צאלט „דיוס" צו דער צייט, איז שטענדיג א גוט־שטעהענדער מעמ־בער. ער וואלט, דאכט זיך, געלאזט דעם קאפּ אפּשניידען פאר דער יוניאן... כאטש ער נעהמט ניט קיין אנטייל אין דער פּראק־טישער ארבייט פון דער יוניאן.

— איך בין ניט מעהר — טענה'עט ער — ווי א פּראסטער

סאָלדאַט. מען רופט מיך אין קאַמף, גען איך! צוגרייטען די מלחמה זאָלען אַנדערע, גרעסערע און פעהיגערע קעפּ פון מיר...

און שמערעל איז טאַקע שטענדיג דער ערשטער זיך אויפצושטעלען, ווען אַ סטרייק ווערט גערופען. ער שטעהט „שטאַל און אייזען" פאַר די יוניאָן־פּרייזען. — וואָס אונז — טענה'ט ער — קומט, קומט אונז! און דער באָס וועט מן הסתם אויך ניט דערלעגען דער באָבעס ירושה... און מען קען זאָגען, אַז ניט איין סטרייק איז שוין אין שאַפּ, וואו שמערל אַרבייט, „געסעטעלט" געוואָרען נאָר דערפאַר, ווייל דער לאַנגער שמערל אַרבייט דאָרט, ווייל דער באָס ווייסט, אַז ווען שמערל שפּאַרט זיך איין אין אַ פּרייז, איז פאַרפאַלען, וועט שוין גאָר ניט העלפען, און סטרייקען מיט דער יוניאָן מיינט סטרייקען מיט די פאַרלוסטען פון שמערל'ס לאַנגע הענט...

געוואוינט האָט „שמערל דער לאַנגער" ביי זיין לאַנדסמאַן בעני דעם שוסטער, וועלכער האָט שוין יאָהרען לאַנג געהאַלטען אַ בייסמענט צו דער אַרבייט טאַקע אין דער זעלבער הויז, וואו ער האָט געוואוינט.

רענט האָט שמערלען געקאָסט מעהר ווי אַ העלפט, וויפיעל דער אָרימער שוסטער האָט געצאָלט פאַר די „רומס" און פאַר'ן „סטאָר" צוזאַמען.

אַריינגעמופט צום שוסטער האָט שמערל באַלד, ווי ער איז אַריבערגעקומען פון דער היים. דעם שוסטער'ס קינדער, מיט דער אויסנאַמע פון ליזע'ן, די עלטסטע מיידעל, וועלכע איז שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף, זענען נאָך געווען קליין און מיט אַ פּאָר פון זיי פלעגט שמערל שלאָפען צוזאַמען. און כאָטש עס איז איהם געווען ענג און אומבאַקוועם און לויט זיינע פאַרדינסטען האָט ער זיך געקענט פאַרגינען צו וואוינען אין אַ רום פאַר זיך אַליין, וואו עס איז שטיל און רוהיג, אָהן דעם טאַראַראַם און געפּילדער פון קליינע קינדער, איז איהם אָבער דאָך געווען ליעב און אָנגענעם צו וואוינען ביים לאַנדסמאַן אין ענגשאַפט און אין טומעל, שלאָפען מיט די קינדער, שפּיעלען און אַרומשטיפען מיט זיי.

שמערל איז אַזוי צוגעוואוינט געוואָרען צום הויז און צו די

קינדער און די קינדער צו איהם, אז זיי זענען פון איהם ניט אפגע־טראָטען. אזוי שנעל ווי ער פלעגט זיך נאר באווייזען, פלעגען איהם די קליינוואַרג ארומרינגלען, טאנצען ארום איהם און זיך פרעהען מיט די פרעזענטען, וואס ער פלעגט זיי שטענדיג מיטברענגען קור־מענדיג פון דער ארבייט.

איבערהויפט האט זיך שמערל אפגעגעבען מיט ליזא'ן, דעם שוסטער'ס עלטסטע מיידעל, וועלכע איז נאך געגאנגען אין סקוהל און געטאן פארשידענע הויז־ארבייט.

ליזא איז געווען א שעהנע און אנגענעמע קינד, א גרויסע שטיפערקע און איז שטארק צוגעלאָזען געווען צו שמערלען. פלעגט מאכען פארשידענע קונצען מיט זיינע לאנגע הענט. אט פלעגט זי זיי ארומכאפען, ארומוויקלען זיי ארום זיך אין זייער גאנצער לענג, אריבערבויגען זיך מיט'ן פלייצע ווי א קאָמעדיאנט, דערביי ווארפען מיט איהרע דינע, לייכטע פיסלעך, און קלאפען איבער שמערל'ס פלאכען בויך. שמערל פלעגט זיך א ציה געבען צוריק, פלעגט ליזא אומפאלען. פלעגט זי ברוגז ווערען, פארקרימען דאס נעזעל, פלעגט שמערל איהר א כאפ טאן אויף די הענט, איבערבעטען איהר מיט א שעהנעם פרעזענט, א קוש געבענדיג איהר אין די ווייכע בעקלעך.

פון חתונה האבען האט שמערל דערוויילֿ ניט געדענקט, כאטש ער איז שוין אלט געווען א יאהר עטליכע און צוואנציג. ער האט אין דער היים אלטע טאטע־מאמע אויפגעהאלטען, ארימע משפחה געלט געשיקט און פון אלעמען פיעלע דאנקען באקומען.

ווען שמערל וואלט ניט געוואוינט ביי בעני דעם שוסטער אין הויז, וואלט ער זיך געפיהלט זעהר עלענד און אומגליקליך, ווייל ער איז ניט געווען פון די יונגע לייט, וועלכע לויפען ארום, זוכען זיך אוים מיידלעך, מיט וועמען צו פארברענגען. ער האט ליעב געהאט צו זיצען אין הויז. אין הויז האט ער זיך געפיהלט גוט. און אין דער אנוועזענהייט פון דער קליינער ליזא'ן האט ער זיך זאגאר גע־פיהלט פרעהליך און גוט אויפגעלעגט, כאטש ער האט זיך אליין ניט געקענט ערקלערען, פאר וואס עס איז אזוי. אבער טיעף אין זיין הארץ האט געלעבט א פארבאָרגענע קראפט, וואס האט געגעבען ליכט, איינהאלט אין זיין אומעטיגען לעבען. עפעס האט איהם

געדאכט, אז ער האפט, ווארט אויף עפעס, אויף וואס האט ער אליין ניט געוואוסט.

אוועגט, ווען שמערל פלעגט אפעסען סאפער, פלעגט ער איז סעלער צום שוסטער ארונטערגעהן. דארט האט ער שטענדיג גע־טראפען לאנדסלייט, וועלכע פלעגען זיך צוזאמענקלייבען, שיקען נאך ביער, טרינקען און רעדען פון דער היים, פון היימישען לעבען. דערמאנען פארשידענע מענשען און זאכען, וועלכע פלעגען ארויס־רופען טראגישע און קאמישע סצענען.

שמערל האט פון זיין היים, וואו ער האט פארבראכט זיינע קינדער־יאהרען, ניט געהאט קיין גליקליכע עראינערונגען. פאר איהם זענען די עראינערונגען געווען א קייט פון ארימקייט,ליידען און פארשקלאפונג. דאך פלעגט ער ליעב האבען צו זיצען און איינהערען זיך ווי מען רעדט פון דער היים, ווי מען דערמאנט א נאמען פון דעם, וואס ער קען, דערביי מאכען פארשי־דענע גרימאסען, אפטמאל זיך פארקרימען, א הויב טאן מיט די הענט, ווי ער וואלט עמיצען וועלען שלאגען.

אם מייסטען האט שמערל ליעב געהאט, ווען דער עולם פלעגט ווערען בגלופין פון די פיעלע „פיינט" מיט ביער, וואס ער, שמערל אליין, האט געלאזט אריינברענגען און אונטערגעטריבען די לאנדס־לייט צו זופען. אין בייסמענט פלעגט ווערען פרעהליך. דער עולם פלעגט טרינקען, דער שוסטערשער האמער פלעגט לעבעדיג קלאפען און אפהילכען ווי א ווידער־קול פון ערגעץ, פון דער ווייטער היים. אט פלעגט זיך א ציה געבען פון עמיצען א היימיש ניגונ'דעל. פלעגען עס אלע באלד אויפכאפען, און אומעטיגע פארבענקטע ניגונים פון דער אלטער היים פלעגען אפקלינגען און ארייגדרינגען טיעף אין די הערצער, אין וועלכע עס האט נאך געלעבט דאס היימי־שע לעבען, די היימישע בילדער און איינדריקע, די היימישע פאר־גאנגענהייט.

שמערל פלעגט זיצען, ווי א צוגעשמידטער צום ארט, די שפי־ציגע אויגען אנגעשטעלט אויפ'ן עולם. פון צייט צו צייט האבען זיינע פייערדיגע בליקען מיט טרערען א פינקעל געטאן, און זיין

לאנגער קערפּער פלעגט זיך אויסציהען נאך לענגער, ווי ער וואלט מיט'ן שפּיץ קאפּ ווילען דעם ברעג פונ'ם היימישען שטעדטעלע דערגרייכען...

ערשט ווען ליזא פלעגט זיך אין בייסמענט באווייזען און איהר יונג, פריי געלעכטער פלעגט א הילך טאן איבער אלעמענס קעפּ, פלעגט די היימישע שטימונג איבערגעריסען ווערען. א נייעם גייסט, א נייעם אמעריקאנעם געזונדטען לעבען. וואס פלעגט אפּ־הילכען מיט דעם שטאלץ און פרייהייט פון דעם לאנד, אין וועל־כען זי איז געבארען און ערצויגען געווארען, פלעגט ליזא מיט זיך מיטברענגען.

און אין איין מינוט איז אין ליזא'ס געגענווארט די היימישע אטמאספערע פארוואנדעלט געווארען אין אן אמעריקאנישע. ליזא פלעגט אויף איהר דיין זיסער שטימע אנהויבען צו זינגען די ליעדער פון סקוהל און פון גאס, פון דער ברייטער פרייער גאס, וואו אלע קינדער, אהן אונטערשיד, שפּיעלען און שטיפען צוזאמען, ענטוויק־לען זיך פריי און אומגעשטערט.

פלעגען די לאנדסלייט איהר באוואונדערען...

— אט א קינד! ווי שעהן און געלערענט עס וואקסט! וואס זאגסטו, בעני, צו דיין מיידעל? — פלעגט א לאנדסמאן זיך ווענ־דען צו בעני'ן — אין דער היים וואלט זי אויך געקענט אויפוואקסען אזוי שעהן און פריי, ווי א פויגעלע אין וואלד? כאסער!

— וועל... וואס איז שייך? ס'איז דאך אמעריקא! — פלעגט בעני דער שוסטער קוקענדיג אויף זיין מיידעל גאר אנקווע־לען און לעבעדיגער זיך א נעהם טאן צו דער ארבייט — אויף דעם ברודער, ארבייט מען, מאכען קינדער צו לייט. אט וואס זי וועט נאך ביי מיר זיין: א טיטשערין! אזוי וואהר ווי איך לעב! — פלעגט בעני שטאלץ דערענדיגען, א קניפּ געבענדיג דער טאכטער איבער'ן באק.

אזן שמערל, וואס האט שוין איצט אין ליזא'ס אנוועזענהייט גאר געהאט פארגעסען, ווי ער האט געפיהלט מיט עטליכע מינוטען בעפאר, האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. מיט איין שפּרייז איז ער געוועזן לעבען איהר, ארומגעוויקעלט איהר מיט זיינע לאנגע הענט

און הויבענדיג איהר ווילד פון באגייסטערונג אין דער לופטען גע־
שריען: הורראה פאר אונזער טיטשעריז! הורראה!
די לאנדסלייט פלעגען הויך און געשמאק לאכען.

און די צייט איז זיך דערוויילן געלאפען.

פון דער קליינער מיידעל ליזא איז געווארען א גרויסע, א הויכע און א שלאנקע.

חנ'עווודיג און גראציעזן האט זי אויסגעוויזען אין איהר לאנגען קלייד, וואס איז געלעגען ווי אויסגעגאסען אויפ'ן קארסעט. איהרע האר זענען געווען פארקאמט סטייליש, ווי עס פאסט פאר א „יאנג ליידי", וועלכע חבר'ט זיך מיט הייסקוהל מיידלעך און קאלעדזש באיס.

איהר גאנג און איהר האלטונג אין הויז, איז אויך געווען אנ־דערש. ניט מעהר האט שמערל געהאט ביי איהר אזא „שאו". אפילו צוטרעטען נאהנט האט ער שוין מעהר ניט געקענט. פון לאזען זיך פון איהם אנרירען האט שוין גאר קיין רייד ניט געקענט זיין.

— נא מאר מאנקי ביזנעס וויט מי! אלד מען — פלעגט זי אפשפרינגען פון שמערלען, ווען ער פלעגט זיך וועלען צו איהר צו־שארען נעהנטער, ארומנעהמען און א קוש טאן איהר — דערביי פלעגט זי זיך קאקעטיש צעלאכען און לאכענדיג פארשווינדען פון אונטער זיינע אויגען.

פלעגט שמערל שטעהן בלייבען מיט ברייט אויפגעעפענטע אוי־גען. אין הארצען ביי איהם פלעגט זיך עפעס אפרייסען. און דערפיהלט האט ער זיך מיט אמאל אזוי עלענד און אומגליקליך. אז עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיין וועלט איז געענדיגט. דער באדען איז פון אונטער זיינע פיס ארויסגעגליטשט געווארען, און ער האט מעהר קיין פלאץ אויף דער וועלט ניט. ער איז אליין, איינער אליין איצט אהן עמיצען. וואס זאל איהם נאהנט זיין. געבען מוט און פליים צו דער ארבייט, ווי ביז איצט, די קליינע ליזא, וועלכע ער האט געליעבט מעהר ווי זיין לעבען.

איז ער געזעסען אין שאפ ביי דער ארבייט, אבער שוין גאר ניט דער זעלבער שמערל. די ארבייט איז איהם שוין מעהר פון

דער האנט ניט געגאנגען. אלץ און אלעם ארום איהם איז איהם געווארען מיאוס, דער שאפּ אומערטרעגליך, און פאר קיין געלט האט ער שוין מעהר ניט „געקערט".

זענען שמערל'ס „פיידעס" טאקי יעדע וואך געווארען קלענער — און צוזאמען מיט די „פיידעס" איז אויך געזונקען שמערל'ס פּרעסטיזש.

— א נו, שמערל, וואס איז עפּעס געווארען מיט דיר דער מער? עס געהט עפּעס ניט, הא? — האבען חברה זיך מיט איהם גערייצט, ווער פאר קנאה, ווער פאר שנאה און ווער סתם פאר שפּאס.

פלעגט שמערל אויסשטעלען אויף זיי זיינע שפּיציגע אויגען, ווי ער וואלט זיי וועלען דורכשטעכען, און ארויסברומען פארביטערט צווישען די ציינער: כ'לאך פון אייער קאפּ! כ'קען נאך עני טיים זיך פארגלייכען מיט אייך!

און ווי וועלענדיג זיי איבערצייגען, אז שמערל לעבט נאך און איז נאך ניט אויסגעשפּיעלט, פלעגט ער ווי א פארוואונדעטע חיה א לויף טאן מיט'ן מאשין, אז די ווענט פון שאפּ פלעגען אזש א ציטער טאן... זיינע צוויי לאנגע הענט פלעגען ווי צוויי ריזען־פליגעל ארומפאדען איבער דער לענג און ברייט פון דער מאשין. ביז דאס באנדעל ארבייט פלעגט מיט דער גרעסטער שנעלקייט פארשווינדען.

— בראוואָ, שמערל! — פלעגען אפילו זיינע שונאים אויס־דונערען — שמערעל איז נאך אל־רייט! הא! הא! שמערעל קען נאך ארייגרייבען, אז ער וויל!

אויף שמערל'ס געזיכט פלעגט זיך באווייזען א צעקרימטער ביטערער שמייכעל פון טריאומף. באלד אבער, פלעגט זיין מיט יעדען טאג אלץ מעהר איינגעשרומפּענער פּנים בלאסער ווערען. און דער־פיהלט האט ער שוואך און אפּהענדיג. זיינע לאנגע הענט פלעגען זיך מאכטלאז ארונטערלאזען, ווי עמיצער וואלט זיינע לאנגע פלי־געל־הענט איבערגעבראכען.

— — — — — — — — — —

פארוואונדערט און איבערראשט זענען אלע ביי בעני דעם

שוסטער אין הויז געווארען, ווען שמערל האט ערקלערט, אז ער מוז ארויסציהען.

דער שוסטער מיט דער שוסטערקע האבען איינע די אנדערע אנגעקוקט מיט שטוינענדע בליקען און ניט געוואלט גלויבען זייערע אייגענע אויגען. און געמיינט האבען זיי, אז דאס שפאסט שמערל אזוי מיט זיי. אבער, ווען זיי האבען זיך איבערצייגט, אז שמערל מיינט עס ערנסט, זענען זיי צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל זיי ערקלערען די ריכטיגקייט, פאר וואס מופט ער ארויס פון זיי נאכ־דעם, ווי ער האט ביי זיי אפגעוואוינט אזוי פיעל יאהרען און געווען פארדעכענט, ווי אן אייגענער. אדרבא, זאל ער זיי זאגען, וואס איז דא אזוינס, וואס מאכט איהם צו אנטלויפען, אויף איהם האבען זיי זיך אזעלכעס ניט גערעכט. ער ווייס, ווי די קינדער וועלען וויינען און בענקען נאך איהם, ווען ער וועט אוועקגעהן פון זיי, איבערהויפט ליזא, זי איז דאך אזוי צוגעוואוינט צו איהם.

נאר אויב ער האט שוין אפשר א כלה און געהט פאר איהר חתונה האבען, איז שוין עפעס אנדערש, זענען זיי צופרידען. אבער וואס האט ער זיך דא צו באהאלטען? פאר זיי דארף ער דאך זיך ניט שעהמען. זאל ער זיי זאגען, וועלען זיי איהם ווינשען מזל טוב פון גאנצען הארצען, טאנצען אויף זיין חתונה און איהם געבען דעם שעהנסטען פרעזענט.

האט שמערל באקומען אלערליי קאלירען אין פנים, און זיי גע־בעטען, אז זיי זאלען איהם ניט דרעהען דעם קאפ. ער האט ניט קיין כלה און חתונה האבען וועט ער שוין קיינמאל ניט.

פאר וואס ציהט ער ארויס? ער ווייסט ניט פאר וואס... ער האט צו זיי גארניט. אט אזא משוגעת איז איהם איינגעפאלען. ווילען זיי איהם צוליעב טאן און אוועקשענקען איהם אט די פיק־טשעלע ליזא'ס, וואס הענגט אויפ'ן וואנט?

א שאלה אביסעל! וואס הייסט זיי וועלען איהם ניט געבען ליזא'ס א פיקטשעלע? אפילו דריי פון די בעסטע. פון די נייע, פון די, וואס זי האט ערשט לעצטע וואך ארונטערגענומען, טאקע מיט'ן לאנגען קלייד... מיט'ן...

ניין! ער וויל ניט פון די נייע... ער וויל בעסער די אלטע.

וואו זי שטעהט אלס קליינע מיידעלע, אזוי ווי זי האט זיך אויף זיינע הענט געהאדעוועט.

די, זאל זיין די! א דאנה זיי! וואס וועלען זיי דען ניט טאן פאר איהם? אבער זאל ער זיי זאגען, פאר וואס פארט ציהט ער ארוים? — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

איינמאל, ווען ליזא איז אין הויז ניט געווען, האט שמערל אויף גיך איינגעפאקט זיינע זאכען, צווישען וועלכע עס האט זיך אויך געפונען ליזא'ס בילד. געקושט די קינדער, פריינדליך און הארציג געדריקט די הענט פון זיינע בעל־הבתים, וועלכע האבען פארקלעמט און מיט טרערען אין די אויגען צוגעקוקט, ווי שמערל נעהמט דעם קאסטען מיט זאכען און לאזט זיך געהן ערגעץ צו א נייע וואוינונג.

— פאר וואס ווארטסטו ניט אויף ליזא'ן? ווילסטו איהר גאר ניט זעהן פאר'ן אוועקגעהן? — האבען זיי איהם פארגעווארפען.

— אה, ליזא! — האט זיך שמערל א כאפ געטאן, און זיין לאנגער אומגעלומפערטער קערפער האט זיך א טרייסעל געטאן, א בויג געטאן זיך אין דער העלפט, ווי עס וואלט זיך וועלען איבער־ברעכען. — ליזא, — האט ער געשטאמעלט צעטומעלט — אודאי וואלט איך זי וועלען זעהן. וואו איז זי דען? נו, אז אנדערש מאל, גריסט זי... גוד ביי!

מיט שווערע און מיערע טריט האט ער זיך געלאזען ארונטער־געהן פון די שטיגען.

דער קאסטען אין זיין האנט האט געציטערט.

נאָך דער אַרבייט

ווען דזשייק, דער קלאָוקס אפּרייטאָר, קומט אַ היים פון דער אַרבייט, קען ער זיך ניט איינהאַלטען און דערצעהלט דער ווייב אַלעס, וואָס האָט זיך ביי איהם אָנגעזאַמעלט אויפ'ן האַרצען דעם גאַנצען טאָג אין שאָפּ.

ער פיהלט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט איהם אויפ'ן האַרצען געלעגען. די ווערטער, דוכט זיך איהם, שטיקען און ווערגען איהם. ווען ער זאָל זיי פאַר עמיצען ניט אַרויסבּרענגען, וועט די גאַל אין איהם פּלאַצען פאַר וועהטאָג און פאַרדרוס.

און פאַר וועמען דען אַנדערש קען ער אויסגיסען זיין פאַר־וועהטאָגטע האַרץ, דערצעהלען זיינע שווערע ביטערע ליידען, ווען ניט פאַר זיין אייגענע ווייב? ווער איז נאָך אַזוי נאָהענט צו איהם, ווי זי?

קוים עפענט ער נאָר אויף די טיר און דערזעהט זיין ווייב, פאַרענדיג זיך אין קיטשען אַרום סאַפּער, נאָך איידער ער פאַס־פּייעט „גוד איווינינג" צו זאָגען, פּלאַצט ער גלייך אַרויס:

— נו, אַ טאָג היינט געהאַט! ניט אומקערען זאָלען זיך שוין מעהר אַזעלכע טעג, נייע סעמפּעלס אַריינגעקראָגען, אָבער וואָלסטו אָנקוקען צאַצקעס, פאַרדרעהענישען אַלערליי: מען קען, זאָג איך דיר, משוגע ווערען איידער מען דערלעבט אַ שטיקעל טאָלק צו דערגעהן. היינט וואָלסטו זעהן קאָלירען, פון דער גאַנצער וועלט, וואָסערע דו ווילסט נאָר אַליין: רויטע, בלויע, גרינע, געלע, און נאָך, און נאָך אַזעלכע משונה'דיגע קאָלירען.

— און צו וועמעס קאָפּ, מיינסטו, געהט דאָס אַלץ אויס? אַלץ צום קלאָגעדיגען אפּרייטאָר. אַלע מינוט, אַלע רגע, דאַרף מען טשענדזשען און איבערפעדעמען דעם קאָטען פון מאַשין צוליעב אַט די קאָלירען.... איך זאָג דיר, אַז דאָס האַרץ ווערט ניט צע־

שפּרונגגען פון צער און פּארדרוס איז מען שטארקער פון אייזען...

— און רעדט מיט'ן באס, מיט'ן פארמאן, זאגען זיי, אז די ארבייט איז א לייכטע, א שעהנע, א ריינע: די פּרייזען, וואס זיי גיבען, זענען געהויבענע, אז מען קען זיך גאר בעסער ניט ווינשען. דרייסיג סענט א שטיק גיבען זיי, און מען קען, נאך זייער רעכ־נונג, מאכען א זיבען־אכט שטיקלעך א טאג. זאל זיך זיי זעצען א זיבען־אכט מכות. מען קען אפילו קיין זעקס ניט מאכען. מיט די זייטען הארעוועט מען, שוין מיט אווערטיים מאכט מען קוים פינף שטיקלעך א טאג. היינט בארעכען: פינף מאל דרייסיג האבען מיר א קימא־לן א דאלאר און א האלב. דו הערסט? א שעהנעם לעבען קען מען מאכען פון אזעלכע פארדינסטען! אז מאכען זאלען זיי שוין, טאטע זיסער, מיט די זייטען!...

אמאל קומט ער צו געהן מיט אן אנדער פּזמון:

— וואס חברה קענען — טענה'עט ער מיט הארץ־וועהטאג — צוויי באנדלעך מיט ארבייט ווי פון אונטער'ן האנט האט מען ביי מיר אוועקגעשלעפּט — אט הער א געשיכטע: דער פארמאן, ווייסטו דאך, איז מיינער א שטיקעל גוטער ברודער, ספּענד איך אמאל, געהענדיג מיט איהם פון שאפּ, א פּאר סענט אויף א „טריט". פארזיכערט ער מיר דאן, אז ס'וועט שוין זיין „אל־רייט". אויף מארגען גיט ער מיר טאקע א פּאר באנדלעך, אלע פון איין קאליר. פּארדריסט עס דאך מן הסתם די חברה. מיינסטו, וואס טוען זיי מיר אפּ? רוקט זיך צו סעמקע, אונזער לאנדסמאן, קענסט דאך איהם, דעם חברה־מאן, פארפיהרט כלומר'שט א שמועס מיט מיר וועגען דער אלטער היים: „וואס הערט זיך עפּעס, זאגט ער, אין אונזער שטעדטעל, הערסט עפּעס אמאל פון דארט?" „כ'ווייס, זאג איך, וואס זאל זיך הערען? מען לעבט מן הסתם"... „כ'האב געהערט, זאגט ער, א שרפה איז דארטען געוועזען". „זאל ברענען, זאג איך, מ'שטיינס געזאגט, וואס זיי האבען דארט צו פארלירען. אלץ איינס ארימע לייט". מיט אמאל, כ'קוק זיך ארום: ניטא סעמקע, פארפאלען געווארען. איך כאפּ א קוק אין באסקעט — ס'איז מיר פינסטער אין די אויגען: מיינע באנדלעך ארבייט זיינען נעלם געווארען. כ'שפּרינג אויף, ווי א פּאר'סם'טער, געהם

ארומלויפען, זוכען, נאָר זוך הײנט, זוך מאָרגען, אַ נעכטיגער טאָג — די באַנדלעך זענען ווי אין דער ערד אַרײַן... און חברה זיצען זיך פון ווײַטען און שטיקען זיך פון געלעכטער.

אַזעלכע געשיכטען האָט ער איהר כמעט יעדען אָווענט דערצעהלט, און נאָכדעם פלעגט ער פיהלען, ווי אײן שטײן נאָכ'ן אַנדערען וואַלט זיך בײַ איהם פון האַרצען אַרונטערגעקײַקעלט... זי פאַרשטעהט איהם, פיהלט איהם מיט, און עס ווערט איהם לײַכטער, גרינגער...

ווען דזשײַק איז פאַרנאַכט געקומען אַ הײם, האָט ער, ווי זײַן שטײגער, גענומען „אויסגיסען" זײַן האַרץ. זײַן ווײַב, דזשעני, איז געשטאַנען לעבען אויווען מיט אײן קינד אויף דער האַנט, און די צווייטע — לעבען איהר אויף דער ערד, און האָט מיט אַ טרויעריגער מינע זיך צוגעהערט, וואָס איהר מאַן האָט איהר דערצעהלט. זי האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז זי האָט גאָר פאַרגעסען, וואָס אויפ'ן אויווען טוט זיך.

מיט אַמאָל האָט זי דערפיהלט אַ ריח פון עפּעס צוגעברענטעס. אויף גיך האָט זי אַרײַנגעוואָרפען דאָס קינד צום מאַן אין די הענט און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום סאָפּער, וועלכער איז שוין געווען האַלב פאַרברענט: דאָס ביסעל זופּ איז געווען אויסגעזאָדען: דאָס שטיקעל פלײש האָט באַקומען אַ געלען, צוגעברענטען קאָליר... עס האָט איהר אַזש פאַרכאַפּט בײַם האַרצען. בײז און אויפגע־רעגט האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו איהר מאַן:

— אַז דו פאַרדרעהסט מיר אַזוי דעם קאָפּ, אַז איך פאַרגעס גאָר וואו איך בין אין דער וועלט. וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַז אַ מאַן זאָל נאַכט און נאַכט אַזוי פאַרדולען אַ קאָפּ מיט מעשיות פון דער אַרבײט און ניט לאָזען אַפילו סאָפּער אָפּקאָכען?! בײַ לײַטען מענער העלפען נאָך עפּעס צו זײַערע ווײַבער, ווען זײ קומען פון שאָפּ, און דו שטעלסט זיך אַוועק איבער מיר ווי אַ זאַקוציע און לאָזט מיך ניט אָפּ ביז... נאַ, זעה, זעה, וואָס פון סאָפּער איז געוואָרען... וואָס וועסטו איצטער עסען? — האָט זי דערענדיגט מיט טרערען אין די אויגען.

דזשײַק האָט דערפיהלט, ווי אַ באַרג מיט שווערע שטײנער

וואלט זיך איבער א נייעם אויף איהם א שאט געטאן. זיין ווייב׳ס טענות האבען איהם ווי א דונער געטראפען... ערשט מיט א פאר מינוטען בעפאר האט ער געפיהלט אזוי גוט...

און מיט אמאל, נאדיר! דער סאפּער גאר! ווער דארף דען דעם סאפּער? אויף כפרות דארף ער איהם! איין גוט ווארט וואלט ער וועלען הערען פון איהר, פון זיין דזשעני׳ן. און ער איז שוין זאט... און זי, זי גאר...

ער האט דערפיהלט אזא שווערען אומעט, א מין האס צו זיך, צו זיין ווייב און קינדער און צו אלעס... דארט, אין שאפּ, פינסטערע בייזע בליקען פון באס און פון פארמאן און דאס שפּאטישע געלעכטער פון זיינע מיטארבייטער; דא, אין הויז, די בייזע פארווירפע פון זיין ווייב... אפילו א ווארט אויסרעדען טאר ער ניט, א פרעמדער איז ער דא אין הויז... ער פיהלט, ווי דער כעס הויבט איהם אן צושטיקען, אבער ער שווייגט... ער ווייס ניט, פון וואס פריהער אנצוהויבען, און צו וועמען זיין כעס אויס־צולאזען... געהט ער ארום היין און צוריק איבער׳ן שטוב און די ווערטער שטעהען איהם אין האלז. וויל ער נעהמען עפּעס זאגען, פארשטיקט עס איהם פון כעס, און ער בלייבט שטום...

— וועסטו שוין געהן עפּעס עסען: — דערמאנט איהם זיין ווייב — זעה נאר, זעה, דאס קינד איז דאך שוין איינגעשלאפען אויף דיינע הענט.

— און דיר ליגט נאר אין זינען דאס פרעסען! — פּלאצט דזשייק ארוים מיט גאל — זאל מיינע שונאים אזוי באקומען דאס לעבען, ווי מיר באקומט דאס עסען אין „דיין" הויז.

— אין מיין הויז? — האט דזשעני א קוק געטאן פארוואונדערט, אויסשטעלענדיג אויף איהר מאן א פאר אויגען — וואס מיינסטו עפּעס? קענסט אליין זיין אין הויז מיט די קינדער, וואשען, קאכען און זיין דער גאנצער בעל־הבית.

— וואס דען, מיין הויז איז דא? — האט איהר דזשייק אפּ־געענטפערט שוין דרייסטער. — בין איך דא מעהר ווי א פרעמ־דער? נאך ערגער ווי א באָרדער בין איך דא... צום באָרדער׳ס פלוידערייען הערסטו זיך מעהר צו ווי צו מיר...

— דו זאָלסט צו מיר אַזוי ניט רעדען, דו הערסט? — איז דזשעני אויפגעשפּרונגען אַ באַליידיגטע. — פאַר וואָס באַליידיגסטו מיך, פאַר וואָס? דערפאַר וואָס איך מאַטער זיך אַ גאַנצען טאָג מיט די קינדער און אַרבייט שווער און ביטער? בין איך ביי דיר מעהר, ווי אַ דינסט? די גרויסע פאַרגעניגענס וואָס איך האָב ביי דיר, די געוואַלדיגע פּלעזשור, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר! ער האָט נאָך טענות צו מיר, האָט ער נאָך... פאַר וואָס קומט מיר צו באַליידיגען אומזיסט? פרעג איך דיר — האָט זי זיך הויך צעשריען אויפ'ן קול וויינענדיג.

דזשייק איז געבליבען שטעהן אַ פּאָר מינוטען, ווי אַ צעמישטער. זיין ווייב'ס טענות האָבען איהם גערירט. — „און אין אמת'ען, האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, וואָס האָט ער צו איהר? אַרבייט זי דען וועניג פאַר'ן שטיקעל ברויט. וואָס זי האָט ביי איהם? ער פאַרשאַפט איהר דען פאַרגעניגען מיט זיינע טרויעריגע צוועהטאָגטע שאָפּ „געשיכטעס"? — פון היינט מאָל אָן האָט ער ביי זיך פעסט באַשלאָסען, וועל איך איהר מעהר גאָר ניט, גאָר ניט דערצעהלען, אפילו ווען דאָס האַרץ זאָל צעלאַפּנעט ווערען אין שטיקער".

שווייגענדיג האָט ער זיך אויף דער אַלט-צעבראַכענער ראָקינג-טשער אוועקגעזעצט מיט דעם קינד אויף די הענט, דעם קינד'ס קעפּעל אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסעל. מיעד און צעבראָכען איז ער באַלד אַליין אויך איינגעשלאָפען, אין זיינע רעיונות האָט זיך געפּלאָנטערט די נאַר וואָס אָפּגעשפּיעלטע סצענע.

לעבען דאָס צווייטע קינד, וועלכע איז איינגעשלאָפען, איז די מוטער געשטאַנען אַ פאַרוויינטע און עס אויסגעטאָן שלאָפען צו לעגען.

טונקעל האָט געברענט די געז און שוואַך באַלויכטען דעם קליינעם ענגען צימער — דאָס קליינע טישעל, אויף וועלכען עס איז נאָך געבליבען דער „סאַפּער": אַ שטיקעל ברויט און דאָס פאַרברענטע שטיקעל פלייש, וועלכע האָט יעצט נאָך שוואַרצער און פינסטערער אויסגעזעהן.

עטוואָס צוגעברענטעס האָט זיך נאָך געפיהלט אין הויז.

ניט ווי אַלע טעג

די ערשטע פּסח־טעג איז אין שאָפּ געווען שיטערלעך. די עלטערע, די פרומערע, זענען אין שאָפּ ניט געקומען. געקומען זענען בלויז די אינגערע, די פרייערע, די וועלכע זענען מעהר אויסען די קניידלעך ווי די הגדה... אָבער אפילו זיי האָבען זיך ניט גע־פיהלט איבריגס גוט אויפגעלעגט. עפּעס האָבען זיי דעם גאַנצען פריה־מאָרגען געפיהלט גאָר ניט ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. אַ געדריקטע שטימונג האָט געהערשט אין יעדען ווינקעלע פון׳ם שאָפּ, און אַ פאַרבאָרגענער אומעט האָט פון ערגעץ, אַליין ניט וויסענדיג פון וואַנען, געוועהט אויף אַלץ און אויף אַלעמען.

און געפיהלט האָט יעדער איינער פון די אַרבייטער, אַז היינטיגער פריה־מאָרגען איז ניט קיין געוועהנליכער, אַז די יום־טוב שטימונג, וועלכע מען האָט איינגעזאַפּט אין זיך נאָך אין די קינדער־יאָהרען, האָט זיך פאַרקליבען אָט דאָ אין שאָפּ. באַהאַל־טענערהייט נאָגט זי זייערע הערצער, שטומערהייט צופּט זי זייערע נשמות און וואַרפט זיי פאַר די גרויסע זינד, וואָס זיי באַגעהען, צעשטערענדיג די שעהנע יום־טוב׳דיגע שטימונג אויף אַזאַ וואָכענ־דיגע און שטענדיג לאַנגווייליגע אַרבייט.

די מאַשינען, מעהר ווי אַלע טאָג, האָבען דערוויילעגעקלאַפּט, ווי זיי וואָלטען געזוכט צו פאַרטויבען אָט די „יום־טוב׳דיגע גע־פיהלען", וועלכע פּאַסען זיך ניט אין זייער אַטמאָספערע.

האָט אָבער ווי אויף צו להכעיס אַ ברום געטאָן עמיצער ביים מאַשין אַ יום־טוב׳דיג ניגונ׳דעל, האָט דאָס ניגונ׳דעל באַלד אַלעמען פאַרכאַפּט.

פון איין מאַשין צו דער אַנדערער האָט זיך דער ניגון צעגאַ־

סען און עס האט זיך געדאכט, אז אויך די מאשינען האט דער ניגון פארכאפט. העלפען די מאשינען מיטזינגען דעם ניגון...

האבען די עטליכע איטאליענערקעס פינישערינס דערהערט, אז מען זינגט, האבען זיי, ניט לאנג טראכטענדיג, זייער אייגענעם געזאנג, אויף זייער אייגענעם שטייגער גענומען אויסגיסען. האט די אידישע ארבייטער פארדראסען פאר וואס מען שלאגט זיי איבער דאס געזאנג, האט סעם דער אפרייטאר א בראזג געטאן מיט'ן מאשין, אז די מאשין האט אזש א ציטער געגעבען, און זיך פלוצלינג א שטעל געגעבען און א געשריי געטאן הויך אויפ'ן קול:

— העי ספאקעטא! נא סינג, מי נא לייק יא סאנגס אין די האלעדיי! מי סינג אין די האלעדיי!

— נעווערמיין! נעווערמיין! — האבען די איטאליענערקעס, זיך געפינענדיג באליידיגט, מיט איין מאל ארויסגעפלאצט — מי נא קער פאר יאר האלעדיי, נא לאיק, נא היר, מי סינג!

און אלע מיט אמאל האבען זיך צעזונגען אזוי הויך אויפ'ן קול, אז אפילו דאס שטארקע רוישען פון די מאשינען האט זייערע שטימען ניט געקענט פארטויבען.

דינער־טיים האבען די ארבייטער צעלייגט זייערע פסח'דיגע פעקלעך מיט עסען. וואס זיי האבען מיטגעבראכט פון דער היים, ווער געקאכטע אייער, ווער מצה־פרענזלעך און ווער א שטיקעל פלייש אדער טשיקען. דער טיש, אויף וועלכען מען האט אויס־געשפרייט שטיקער ווייסע פאפיר, איז פול געווארען מיט מצה און פארשידענע פסח'דיגע מאכלים. כמעט יעדער איינער האט אין א קליין פלעשעל מיטגענומען אביסעל פסח'דיגע בראנפען. מען האט געמאכט לחיים און גענומען זיך פראווען די סעודה.

סעם דער אפרייטאר האט דא געפונען א געלעגענהייט צו זאגען א פאר וויצען, וואס ער האט פון שטענדיג אן געליעבט.

— גיב מיר א שטיקעל פון דיין פלייש, וועל איך דיר געבען א שטיקעל פון מיין פאלקע! — האט ער א זאג געטאן צו קעצען, א צווייטען אפרייטאר, און אלע האבען זיך צעלאכט.

— א שעהנעם טעם קען מיר האבען דיין פאלקע — האט

קעץ פון איהם חוזק געמאכט — אז קיין שטיקעל פלייש איז דאך אויף דעם ניטא, א ביין איז דאס, ניט קיין פאלקע.

— באדארף מען ניט! טא עס דיר דיין אייגען פלייש! — האט סעם איהם ארייגעזאגט.

— און דו גריזשע דיין אייגענעם ביין! — האט קעץ איהם א שטאך געטאן...

די מצה אונטער די ציין האט געקנאקט... די קניידלעך האבען געהאט אלע טעמ'ען.. און א ריח פון אנגעווארעמטע פרענזלעך מיט מצה־קניידלעך האט זיך געטראגען איבער'ן שאפ און דער־גרייכט אזש צו די איטאליענערשע פרויען־נעזער.

זענען זיי געזעסען און פון ווייטען געווארפען קנאה'דיגע בליקען אויף די יום־טוב'דיגע אידישע מאכלים, וואס האט זיי פון ווייטען אזוי גוט געשמעקט.

האט סעם דאס געזעהן, האט ער זיי צוגעטראגען עטליכע שטיקלעך מצה, קעץ האט זיי דערלאנגט עטליכע פרענזלעך. אפילו א פאר מצה־קניידלעך האבען זיי געקראגען.

זיי האבען געגעסען מיט אפעטיט, און, ווי עס ווייזט אויס, שטארק הנאה געהאט פון די אידישע מאכלים.

— מי נא סינג נא מאר! — האבען זיי עסענדיג פארשפרא־בען, וועלענדיג א פנים פארגיטיגען די אידישע ארבייטער.

אלע האבען געפיהלט גוט פון דעם פסח'דיגען דינער.

דער איינציגער, וואס האט אפשר ניט געפיהלט אזוי גוט עסענדיג זיין דינער, איז געווען דייוו, נאך א סינגעלמאן, וועמעס מיסעס, וואו ער איז געווען אנגעדונגען אויף גאנץ פסח און בא־צאלט א גאנצען „צוועלפערעל”, האט איהם איין א גרויסע שטיק פאפיר איינגעוויקעלט קדחת מיט כשר'ע פאדים...

— אט! — האט ער זיך באקלאגט פאר די איבריגע ארביי־טער, איהר זעהט! — האט ער זיי באוויזען זיין פעקעל: צוויי שטיקלעך מצה מיט צעהאקטע ציבעלע מיט גארנישט.

— ביזט ניט קראנק חתונה צו האבען!—האבען זיך די חברה מיט איהם גערייצט, וואלסטו שוין געהאט אלץ צוזאמען, אפילו מרור מיט חריין...

פון דעסטוועגן האבען זיך חברה „צוינויפגעלעגט“ און איהם ארויסגעהאלפען, ווער מיט א שטיקעל איי, ווער מיט א פרענזעל און ווער מיט א קניידעל.

און אז דאס עסען האט זיך געענדיגט און מען האט זיך באַדארפט נעהמען צוריק צו דער מלאכה, האט זיך ביי די מעהרסטע פון זיי די הענט ניט געהויבען.

— עט! מען באדארף גאר געהן א היים! — האט זיך איינער ארויסגערעדט, עס איז דאך פארט עפעס יום־טוב!

— גערעכט! — ווי איך בין א איד! — האט א צווייטער מסכים געווען — מיר פון מויל ארויסגעכאפט! ווארום לאמיר טאקע גוט איבערשמועסען די זאך: וואס זענען מיר גאר ארייַנגעקומען אין שאפ ארייַן? קיין קאפיטאליסטען וועלען מיר שוין סיי ווי סיי ניט ווערען. אהן די פאר טעג, מיט די פאר טעג.

— אז איך זאג אייך אז דאס הארץ דערלאזט ניט — האט א דריטער געפונען פארנויטיג זיך פון הארץ אראפצורעדען — מען זיצט דאכט זיך, און מען ארבייט, מען באדארף האבען די פאר טאלער, אבער עס הויבט פון בענקעל. מען דערמאנט זיך עפעס, כ׳ווייס... אט ווי זאגט מען דארט...

— אייך איז גוט, איהר האט וואו און צו וועמען צו געהן, אבער איך? צו וועמען זאל איך געהן? — האט דייוו מיט זיי ניט איינגעשטימט און געבליבען זיצען.

— געה ניט! ליג אין געהאקטע צרות אין שאפ אז דו ווילסט זיין א „ציגעל מאן“. — האבען חברה שוין אנציהענדיג די רעקלעך פון איהם אפגע׳חוזק׳ט...

— — — — — — — — — — — — — —

חברה זיינען אוועק. אין שאפ איז געווארען שטיל... בלויז דא און דארטען האט זיך פון צייט צו צייט געהערט דאס דומפפע קלאפען פון אפאר מאשינען, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי שטומע באשעפענישען וואלטען טיעף אין זיך עפעס געברומט, געברומט פון וועה און באליידיגונג.

דער יום־טוב־געפיהל האט געזיעגט.

אָן אַ זייט

אין שאפּ, וואו בנימין דער דיכטער האט געארבייט, האט ער זיך גערופען „בעני". און קיינער האט איהם גאר אונטער קיין אנדער נאָמען ניט געקענט. כאָטש די ארבייטער פונ'ם שאפּ פלעגען ניט איין מאָל אונטערטראָגען „בעני'ן" זיינע אן אייגענע ליעד, אדער א סקיצע, וואס עס פלעגט זיי געפעלען, ער זאָל עס אויך איבערלעזען.

— דו זעהסט, — פלעגט איהם אמאָל „דינער־טיים" א רוף טאָן סעם דער אפּרייטאָר, וועלכער האט זיך געהאַלטען פאר איינעם, וואס פארשטעהט א ביסעל די קליינע פינטעלעך, — דו זעהסט אָט דאס שטיקעל — דאס שטיקעל איז מיר געפעלען. ס'איז, זאג איך דיר, א שעהן געשיכטעלע. ער באשרייבט דארטען דער... ווי הייסט ער דארטען דער שרייבער? א נו, גיב נאר א קוק, דאכט זיך בנימין. ניט קיין שלעכטער שרייבער. כ'האב שוין געלעזען א סך פון זיינע שטיקלעך.

— אָט — איז סעם אריין אין התפעלות — האב איך ניט לאנג געלעזען פון איהם א שטיקעל, וואס ער האט באשריבען, חי, חי... וועסט, זאג איך דיר, ניט טרעפען, מען קען זאגען, אונזערע א שאפּ־מיידעל, מיט די ביינער האט ער זי באשריבען. איך זאָל אזוי לעבען! אבער טאקע ווי זי, גלייך ווי ער וואלט דערביי געווען. אוי א קאפּ מוז ער דאס האבען, אָט דער שרייבער, אז אויסגערעדט זאָל זי איהם נאר ווערען!...

— ער שרייבט, דאכט זיך, סאנגס אויך דער זעלבער... ווי הייסט ער דארטען? — מישט זיך אריין מאקס דער פינישער, א באָי, וואס ברענגט מיט זיך יעדע וואך דעם פּייפּער, וואס זיין

„יוניע" גיט ארויס. — ער שרייבט אמאל ניט קיין שלעכטע „סאנגס". עס פעהלט נאר א מעלאדיע...

— א מעלאדיע! — פאלט אריין בעקי די פעלער־האנט — ווייסטו טאקע! אזא „סאנג" זינגט מען ניט, אזא „סאנג" דעקלא־מירט מען! אט האט איך ניט לאנג צוריק דעקלאמירט אויף א „פארי" ביי מיינע א פריינדין...

— „רעקלאמירט! רעקלאמירט גאר!" — לאזט איהר מאקס א באליידיגטער ניט דערענדיגען — מיין רעקלאמירערקע!... זעה נאר בעסער אז די „לייזינג" זאל זיין גוט „באפעלט", מיין רעק־לאמירערקע!

— דו... דו ביזט א גראבער יונג! א מיאוסער פינישער! ווערט בעקי אן אנגעצונדענע, כאפט וואס עס קומט איהר אונטער'ן האנט און וויל ווארפען מאקס'ען אין קאפ.

— אבער שוין! זאל שוין זיין גענוג! מישט זיך שוין אריין בעני, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען ערנסט און פארטראכט און זיך צוגעהערט צום טרויעריגען ארומקריעגען זיך צוליעב בנימינ'ס שאפונגען...

— שא! — וואס זאגסטו וואס? וואס דו ווייסט שוין גאר ניט! — גיט סעם בעני'ן די „נידעל"...

— איך... איך... וואס האב איך צו זאגען... איך ווייס ווירק־ליך ניט, וואס איך זאל זאגען... פאר מיר איז גלייכער...

בעני וויל וואס פארענדיגען, פארכאפט זיך אבער גלייך און בלייבט שטיל ער קען זיך נאך אמאל צופיעל ארויסגעבען. חברה קענען נאך אמאל אנהויבען איבערצוטראכטען און דאס וועט ניט טויגען... ער, בנימין דער דיכטער, מוז פאר זיינע ברידער מיט־ארבייטער שטענדיג פארבלייבען בעני דער אפרייטאר... אויב ניט, וועט ער זיין אויף צרות. ער קען נאך ווידער אמאל פארלירען דעם „דזשאב", ווי עס האט שוין פיעל מאל געטראפען, ווען די ארבייטער האבען זיך דערוואוסט און דורך זיי דער באס. עפעס א קלייניגקייט אזעלכער — האט דער באס זיך דערשראקען — ער קען איהם נאך דעם גאנצען שאפ איבערפיהרען.

אויסער דעם, אין אזא פאל פארלירט ער אויך די ווערטה

און דאס פארגניגען צו הערען ווי מען רעדט איבער איהם, ווי מען דערמאנט איהם און ווי מען צעקריעגט זיך שיער ניט איבער איהם — איבער זיינע שריפטען הייסט עס.

און בנימין שטעלט זיך פאר, וואס פאר א פנים ער וואלט געהאט, ווען זיי, די חברה, וואלטען פלוצלינג געוואר געווארען. אז דער „העלד", צוליעב וועמען זיי האבען זיך אט מיט א פאר מינוטען בעפאר שיער ניט צעפאטשט, איז גאר ער, בעני דער אפרייטאר...

אין אזא מינוט געפינט בעני פאר נויטיג זיך אפצורוקען אן א זייט, פארקלייבט זיך ערגעץ אין א ווינקעל און זיצט ביז די ארבייט פאנגט ווידער אן.

שטיל, ערנסט און פארטראכט ארבייט בעני דעם לאנגען און שווערען טאג. אויטאמאטיש באוועגען זיך זיינע הענט, לויפען ארום איבער דער ארבייט און דער קאפ ארבייט וואס אנדערש. דער מוח דענקט, אין הארצען נאגט, די אויגען לויפען ארום אזוי נערוועז און צעטראגען, און אזא שטילער פארבארגענער פייער גליהט אין זיי. און א צער, א שטומער פארביסענער צער, איז אויף זיין געזיכט אפגעפרעסט.

נאר דאמאלסט, ווען דער פארמאן אדער דער באס שטעלט זיך אנטקעגען איהם אוועק מיט זיין גראב־בייכיגען און קיילעכדיגען קערפער און נעהמט א לאנגע צייט ניט ארונטער זיינע קעלבערנע און וואסערדיגע אויגען פון איהם, דאמאלסט וואלט זיך בנימין שטארק וועלען צעלאכען, געבען עפעס אזא הילכיגען געלעכטער איהם אין פנים אריין, אז דער גאנצער שאפ זאל אויפגעטרייסעלט ווערען... דער געלעכטער שטיקט איהם, שטעהט איהם אין האלז צוזאמען מיט די טרערען אין די אויגען, וואס דער פארשטיקטער געלעכטער פרעסט פון איהם ארויס...

פארנאכט, ווען די ארבייט איז געענדיגט, געהט בעני צוגלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער ארונטער פון דער ארבייט. אייניגע גאסען געהט ער מיט זיי צוזאמען און שמועסט מיט זיי מכח פארשידענע זאכען וואס האבען א שייכות צום שאפ. אפטמאל קומט איהם אוים צוהערען א „וויץ" שוין גאר ביים ענדע פון

צוגעהן זיך. וואס לאזט איבער אויף בעני'ן זעהר א שווערען איינדרוק.

אזוי שנעל אבער ווי בעני בלייבט אליין מיט זיך, ווערט בעני א גאנץ אנדערער. ער גלייכט זיך אוים, טרייסעלט אפ פון זיך דעם ארבייטס־שטויב. זיין טראט ווערט שטאלץ און פלינק: א נייע לעבען נעהמט איהם ארום, א לעבען, וואס וואכט אויף מיט דער גאנצער קראפט און ענערגיע פון זיין שעהנערען, בעסערען און פרייען „איך"...

די גאס איז פריי, ברייט און גרויס און שטראמען מענשען פליסען פון אלע זייטען, צווישען וועלכע ער באגעגענט פיעלע באקאנטע, וועלכע באגריסען איהם פריינדליך און דריקען איהם ווארים די האנט: העללאו, בנימין!

„בנימין!" און מיט א פאר מינוטען בעפאר האט ער געהייסען „בעני דער אפרייטאר".

בנימין צעשמייכעלט זיך טיעף און ביטער...

אין נאַיט סקוהל

אַנטקעגנען לייזער'ן שטעהט דער טיטשער, א הויכער, שלאַנקער יונג מיט אַן אמת־יענקישען אויסזעהן, און וועמעס הענט מען האָט עם לייזער'ן איבערגעגעבען מיט איהם צו קנעלען.

קוקט לייזער מיט אָנגעשטרענגטע בליקען אויף'ן טיטשער, ווי ער שטעהט, האַלטענדיג אַ ווייסע שטיק קרייט אין האַנט און שרייבט אויף דער שוואַרצער טאַבליצע און רעדט און ערקלערט די כללים ווי צו שרייבען און לעזען.

הערט לייזער צו מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און טראַכט: אַט אמעריקאַ: שטעלט מען אַוועק אַזאַ שעהנעם, יונגען, געבילדעטען ערל, (ביי לייזער'ן איז אָנגענומען, אַז אַלע טיטשערס זענען ערלים) ער זאָל לערנען מיט איהם, לייזער חיה דוואַשעס, אהן אַ גראָשען געלט. און נאָך וואו לערנען — טאַקע אין אַן אמת'ער שקאָלע, אַזאַ הויכע און אַ ריינע און מיט אַזוי פיעל עלעקטרישע ליכט... ניט ווי אין דער היים, ביי משה'קע סענדער'ס...

און לייזער'ן שווימט פלוצלינג ארויף אויפ'ן זינען דער אַלטער היימישער חדר, די ענגקייט, די פאַרשטיקטקייט, די גראָהע פייכטע ווענט, דער באַלקען, וואָס איז שטענדיג געווען שוואַרץ און פאַררויכערט און געהאָנגען איבער'ן קאָפּ, ווי אַ שוואַרצע כמארע... דער אַלטער רבי מיט דעם שטענדיג פאַרקרימטען צעוועהטאָגטען פּנים, מיט די טיעפע, פאַר'דאגה'טע אויגען.... די פאַרשמאַלצענע יאַרמאַלקע מיט דעם שוין לאַנג צעריסענעם אַלפּאַקענעם כאַלאַט, וועלכען ער האָט סיי זומער, סיי ווינטער, פון זיין דאַרען, איינגעפאַלענעם גוף ניט אַראָפּגעלאָזט...

און אַט דער משה'קע סענדער'ס איז דאָס זיין רבי געווען... ביי איהם אין חדר זיינע בעסטע יאָהרען פאַרבראַכט.

און לייזער'ן ווערט מיט אַמאָל אַזוי שווער אויפ'ן האַרצען,

דערמאָנענדיג זיך אָן זיינע טרויעריגע אומגליקליכע קינדער־יאָהרען אָן זיין אָרימע היים, אָן דעם ביטערען עלענד, אַז עס ווילט זיך איהם אַזש וויינען.

דער טיטשער, אויסגעצויגען אין זיין גאַנצער לענג, שטעהט נאָר אַליין אַנטקעגען און רעדט, און ערקלערט, צייגט אָן אויף דעם אָדער אויף יענעם וואָרט, הייסט נאָכזאָגען אַמאָל אַלעמען צוזאַמען אַמאָל יעדען באַזונדער...

ביי לייזער'ן באַוועגען זיך די ליפּען ווי פון זיך אַליין... ער פיהרט כלומרשט מיט'ן פענסיל איבער'ן פּאַפּיר און עס ווערט פאַרצויגען דאָס ווייסע, ריינע פּאַפּיר מיט משונה'דיגע אומגעלומ־פערטע פּאַסקעלעד, פון וועלכע לייזער האָט די מינוס. דעם מינדעסטען באַגריף ניט.

לייזער ווייסט איבערהויפּט ניט וואָס ער טוט. זיין מוח איז איצט גאָר פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש... ווי אויף צו־להכעיס קומען איהם איצט אַרויף אויפ'ן זינען פאַרשידענע געדאַנקען און עראינערונגען, וועגען זיין אָרימען היימישען לעבען און טרויעריגע ערציהונג.

אַט זעהט ער זיך אַ דערוואַקסענעם אינגעל. אַן אָרימען, אַן אָפּגעריסענעם, מען גיט איהם אַוועק פאַר אַ בעל־מלאכה. ער ווערט אויסגעריסען פון די בעל־הבתים, כאַפּט צרות אויפ'ן פּוד, קריגט קלעפּ און הונגערט אָפט...

און אָט באַדאַרף ער שוין שטעהן צום פּריזיוו. ער ווערט צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, מען שיקט איהם אַוועק ערגעץ ווייט, אַהן אַ גראָשען געלט, ער ליידעט די ערשטע צייט געברענטע ליידען. אין גיכען אָבער ווערט מען געוואָר, אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה, נעהמט מען איהם אַריין אין שיוואַלניע. דאָרט געהט איהם שוין בעסער, פאַרדינט אַ קערבעל, האָט פאַר זיך, און שיקט נאָך אַ היים אַ פּאָר רובעל.

אין יענער צייט באַקאַנט ער זיך דאָס טאָקע מיט נעכע'ן... אַ שעהן מיידעל געוועזען אָט די נעכע, אַ הויכע, אַ פאַרנעהם... וועז ער האָט דאָרט, נאָך דער סלוזשבע, מיט איהר חתונה געהאַט און איהר צו זיך אין שטעדטעל אַראָפּגעבראַכט, איז מען איהר געלאָפען

אנקוקען, ווי א בייז וואונדער... און איהם מקנא געווען דאס גליק...

אוי, א נעבע איז דאס געווען. — טראכט לייזער און צעשמיי־כעלט זיך אזש — א שעהן שטיקעל צייט האט ער דאס מיט איהר דורכגעמאכט און דורכגעלעבט... לעבען זאל זי איהם נאר און גע־זונד זיין מיט די קינדער, מיט זיינע שעהנע און ליעבע קינדערלעך.

דערמאָנענדיג זיך אן די קינדער, איז לייזער'ן מיט אמאל בא־פאלען א שטארקע בענקשאפט. דאס הארץ האט ביי איהם אנגע־הויבען האסטינער צו קלאפען און זיין גאנצער קערפער האט אנגע־הויבען רענען און זיך בויגען אן א זייט און זיינע אומעטיגע בליקען האבען אנגעהויבען ערגעץ וואו ארומצובלאנדזשען, ווי ער וואלט עפעס געזוכט, ווי ער וואלט עפעס געוואלט צו זיך צוציהען...

דער טיטשער האט זיין אומרוהיגקייט באמערקט... און עס איז איהם שטארק ניט געפעלען אט דעם „שילער'ס" אויפפיהרונג, זיין צעטראגענקייט, ביי איהם איז אויסגעקומען, אז דאס קומט פון ניט געדולדיג זיין, פון פויל זיין און ניט וועלען לערנען... און ווי פאר־געסענדיג זיך אן אלע איבריגע שילער, האט ער זיך מיט אמאל א נעהם געטאן צו לייזער'ן, איהם אנגעהויבען צו מאטערען מיט פאר־שידענע פראגען, איהם געהייסען זיך אויפשטעלען און לעזען און איבערזאגען עטליכע מאל די ווערטער: „איי אפענד די דאר!" און נאך אמאל און ווידער אמאל דאס זעלבע.

לייזער איז געשטאנען א צעשראקענער, א פארלארענער, ווי מען וואלט איהם פלוצלינג פון א שווערען שלאף אויפגעריסען... צעטומעלט האט ער געווארפען די בליקען דא אויף'ן טיטשער, דא אויף'ן פאפיר, געזוכט דעם פענסיל, וואס איז איהם ערגעץ פאר־פאלען געווארען... און זיינע ליפען האבען עפעס שטיל און פאר־שעהמט געמורמעלט פאר איהם אליין ניט פארשטענדליכעס און ניט באגרייפענדעס... זיין פנים האט זיך געגרויטעלט... און די אויגען האבען געקוקט אויף'ן טיטשער אזוי רחמנות'דיג און אומבאהאלפען ווי א נעבעט....

דער טיטשער האט א שמייכעל געטאן און איהם אפגעלאזען...

ווען דער גלעקעל האט געקלונגען א היים צו געהן, האט לייזער פרייער אפגעאטעמט.

דער ווייסער סוט

דזשייקאבסאן, א איד שוין אין די פופציגער, וואלט קיינמאל ניט נעגלויבט, אז אזא קליינע פאסירונג וועט אנמאכען אזא רעש ביי איהם אין מוח, אנפילען זיינע געדאנקען מיט נייע, יונגע פאנטאזיעס, וואס פאסען זיך פאר א יונגען מאן, אבער ניט פאר א מענש אין זיינע יאהרען, וואס איז שוין א זיידע.

און פאסירט האט דאס אויף א זאנדערבארען אופן:

געהענדיג איינמאל אין סטריט, איז איהם צופעליג אריינגעפאלען א „בארגיין" אין די הענט אריין — א ווייסער זומער־סוט צו קויפען פאר א שפאט־ביליגען פרייז.

אנפאנגס האט זיך דזשייקאבסאן אויסגעלאכט פון זיין אייגענעם געדאנק. וואס איהם קען איינפאלען! א ווייסער סוט גאר! נאך דאס פעהלט איהם איצט, אויף דער עלטער... א שעהן פנים וועט דאס האבען, ווען ער וועט זיך באווייזען אין הויז און פאר זיינע באקאנטע מיט א ווייסען סוט...

נאר פון דעסטוועגען, אז עס מאכט זיך אזא „בארגיין", קען מען עס פון האנט ניט ארויסלאזען. עפעס דערלאזט ניט דאס הארץ..

און ווידער גלוסט זיך נאך אמאל זיך זעהן אנגעטאן ווי אמאל, אין די גוטע אלטע צייטען, ווען מען איז נאך געווען יונג, פול מיט לעבען און ענערגיע. ער דערמאנט זיך, אז דאמאלסט איז ער געווען א שטיקעל „ספארט", פלעגט ליעב האבען צו טראגען שעהנע זאכען און ווי ווייט מעגליך נאכ'ן „סטייל".

היינט, פארשטעהט זיך, איז שוין נאך דער צייט... ער איז שוין א היבש ביסעל אריינגעפאהרען אין לעבען... עס ליגט שוין מעהר ניט אין זינען אזעלכע זאכען ווי קליידונג. אבער ניצליך איז עס דאך יעדענפאלס. א ווייסער סוט, ווי ער האט געהערט, איז פאר זומער געזונד.

און ער האט דעם סוט געקויפט.

אנטוענדיג דאס ערשטע מאל דעם ווייסען סוט און א קוק טוענדיג אויף זיך אין שפּיגעל, איז דזשייקאבסאן געבליבען שטעהן איבערראשט. ער האט זיך שיער אליין ניט דערקענט — אזוי פיעל אינגער און שעהנער האט ער אויסגעזעהן. און ניט נאר האט ער זיך דערזעהן אינגער און שעהנער, נאר ער האט מיט אמאל זיך דער־פיהלט אינגער אין כח און אין מוט... א שטראם פון נייע געדאנקען האבען זיך פלוצלינג א גאס געטאן אין זיין מוח. און די געדאנקען האבען איהם אוועקגעטראגען ערגעץ ווייט, צו דער צייט, ווען ער איז נאך געווען יונג, פריי און גליקליך, פול מיט האפנונגען און גלויבען אין זיך און אין זיינע כחות, וועלכע האלטען שוין איצט טאג־טעגליך איז פארשווינדען.

אוי, די עלטער, ווי זי יאגט אן אלץ נעהנטער!... ווי א שווארצע כמארע קומט זי צו לויפען און אין נאכט און אין פינס־טערניש ווערט איינגעהילט דאס לעבען, און אזוי וועט זיך שוין די כמארע ציהען ביז צום ברעג, ביז צו דער ביטערער ענדע — האט ער שווער אפגעזיפצט.

דאס איינציגע, וואס איז איהם יעצט ניט געווען געפעלען, איז דאס וואס ער האט אויסגעפונען, אז זיין העמד און די טאי און די שיך, זענען עפּעס גאר ניט חנ'עוודיג. די העמד א ווייכע, א צע־קנייטשטע, די טאי צודרעהט און אפגעקראכען, און די שיך עפּעס אזעלכע ברייטע מיט אומגעלומפּערטע שפּיצען, און ער האט באשלא־סען, אז קויפען א נייע שטרוי־העט איז נאך מעהר ווי נויטיג, און עפּעס אזוי א שעהנע טאי און א פּאר ווייסע שיך, וואלטען זיך זעהר שעהן געפּאסט צום ווייסען סוט. און ווען ער זאל נאך דערצו נעהמען א שטיקעל „טרים" אויפ'ן בארד, וואלט ער איצט געהאט א שטיקעל פּנים...

ווען די מיסעס דזשייקאבסאן האט אין א שעהנעם פריה־מאר־גען דערזעהן איהר מאן דעם ערשטען מאל אין זיין נייעם פארפוצטען גאנג, איז זי א ווייל געבליבען שטעהן ווי צעטומעלט און דערשרא־קען. געוואונדערט האט איהר, וואס איהר „אלטער" איז פון העלער הויט גאר א נייער מענש געווארען, אז זי האט איהם שוין כמעט

ניט דערקענט: און דערשראָקען האָט זי זיך, צי איז ער אפשר ניט נאָר פלוצלינג משוגע געוואָרען. ווייל ווי געהמט אַ קלאָרער מענש און ניט זיך דאָס מיט אַמאָל אַט אַזוי אַ פוץ אויס, ווי אַ יונג באַיטשיקעל, דערצו נאָך מיט אַ ווייסען סוט!...

— טפו, צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען! — האָט די פרוי אויסגעבטל'ט איהרע בייזע חלומות צו איהר מאַנ'ס קאָפּ — זעה נאָר, זעה, ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעפוצט אויף דער עלטער. עמיצער וואָלט מיינען, אַז ער געהט איצט אַ כלה זעהן!

— און דו, אַלטע, ווייזט אויס, ביזט טאַקע שטאַרק „דזשעלעס"

— האָט ער איהר פאַרדריסליך און פאַרשעהמט אָפּגעענטפערט, אַרונטערלאָזענדיג די אויגען.

— פּ־ש־ש־אַ! שור, ווי דען! ס'איז טאַקע דאָ אויף וועמען „דזשעלעס" צו זיין. כ'האָב טאַקע מורא מען זאָל דיך ביי מיר ניט אויסכאַפּען, — האָט זי איהם אָפּגעענטפערט מיט אַ שטאָך־וואָרט — כ'מיין גלאַט אַזוי, וואָס איז עס דיר מיט אַמאָל צוגעשטאַנען אַ ווייסער סוט צום קאָפּ.

— אַז ס'געפעלט דיר ניט מאַך זיך בעסער! — האָט ער איהר מיט רוגזה אָפּגעענטפערט. און ווי אַז אונטערגעשאָסענער אַנטלאָפען פון הויז אין גאַס אַריין.

אין גאַס האָט ער געטראָפען אייניגע באַקאַנטע. ער האָט זיי געזוכט אויסצומיידען, אָבער ער האָט עס ניט געקענט. אויף זייער פריינדליכען „העללאָו, ספּאָרט! זעה נאָר, ווי ער זעהט אויס!" האָט ער געענטפערט מיט אַ שטומען שאָקעל מיט'ן קאָפּ... די אויגען האָט ער געהאַלטען אַרונטערגעלאָזען, שעהמענדיג זיך דעם קאָפּ גלייך צו האַלטען, ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שטאַרק שולדיג אין עפּעס...

ביסלעכווייז האָט ער זיך צו זיין נייעם גאַנג אַזוי צוגעוואוינט. אַז ניט נאָר האָט ער זיך שוין מעהר ניט געפיהלט שלעכט, נאָר ער האָט זיך גאָר אָנגעהויבען פיהלען שטאָלץ, מונטער און פרעהליך.

באַגעגענדיג אַ גוטען באַקאַנטען, פלעגט ער איהם מעשה יונ־גער מאַנטשיק אַ קלאַפּ טאָן איבער'ן פּלייצע און אויסשטרעקענדיג צו איהם די האַנט, איהם באַגריסען מיט אַ ברייטען „העללאָו".

הויפטזעכליך האט דזשייקאבסאן געמאכט א געוואלדיגען „היט" ביי זיינע באקאנטע פרויען, וועלכע האבען איהם כסדר ניט אויפגעהערט צו מאכען קאמפלימענטען, אז ער זעהט גאר אויס, ווי א בחור'ל פון א יאהר עטליכע און צוואנציג, און מען קען זיך נאך, אהן צווייפעל, אין איהם פארליבען, ווען ער וואלט נאר געווען א סינגעל מאן...

דזשייקאבסאן האט גאר אנגעקוואלען פון די קאמפלימענטען. אויס דאנקבארקייט זיי אפגעענטפערט מיט א קאמפלימענט, געבענדיג דערווייל מיט זיי א לייכטען שטיף... און געפיהלט האט ער דאן, ווי ער וואלט איבערגעלעבט א צווייטע יוגענד.

נאר אט איז אנגעקומען דער הערבסט. אין דרויסען איז געווארען רעגענדיג און קאלט. דער עולם האט פלוצלינג אראפגעווארפען פון זיך די שטרוי-העטס מיט די לייכטע זומער-קליידער און זיך גרייט געמאכט צו באגעגענען דעם ווינטער.

דזשייקאבסאן האט זיך געכאפט, אז זיין „גליק" איז שוין צו ענד.

ער איז פון אלע זיינע הימלען מיט אמאל אראפגעפאלען.

און שטעהענדיג ביים שפיגעל, אויסטוענדיג צום לעצטען מאל דעם ווייסען זומערדיגען סוט מיט די איבריגע זאכען, האט ער געטראכט וועגען דעם, ווי די צייט פליהט און מען קען זי שוין ניט צוריקכאפען...

אט ערשט ניט לאנג, דאכט זיך, איז ער נאך געווען גאר א יונגער מאן, און אט איז ער שוין א איד א פופציגער, מיט א ווייב, וועלכע מען רופט טשארנע, און וועלכע פארקירצט איהם די יאהרען מיט איהר שלעכטסקייט און אייפערזוכט, כאטש זיי האבען שוין אויסגעגעבענע קינדער און אייניקלעך...

און דעם ווייסען סוט קען ער שוין אויך מעהר ניט טראגען. ער מוז צוריק ארויפשלעפען אויף זיך די עלטער מיט אלע לאסטען...

ער האט שטיל און שווער אפגעזיפצט.

ווען די מיסעס דזשייקאבסאן האט דערזעהן איהר אלטען אין זיינע אלטע בגדים, האט זי נקמה'דיג געשמייכעלט איהם אין פנים...

א חלום

פינטשע, א גרינער בחור'ל, ערשט ניט לאנג אין לאנד, האט שפאצירט אין א הייסען זומער־אווענט איבער די ניו יארקער גאסען. געזוכט האט ער א גארטען אדער א פארק, ווי זיי רופען עס אויף היגען לשון. ווענינגסטענס כאטש א פאר בוימער, לעבען וועלכע עס זאל שטעהן א באנק, וואו ער זאל זיך קענען אװעקזעצען אויף א פאר שעה זיך אפרוהען, אפכאפען דעם אטעם נאך אזא לאנגען טאג שווערע ארבייט אין שאפ — אן ארבייט, צו וועלכער ער איז גאר ניט צוגעוואוינט געווען. ער האט קוים כח געהאט די פיס צו שלעפען. ער איז אבער דאך געגאנגען, ווייל אין הויז, וואו ער וואוינט איז אוממעגליך געווען איינצוזיצען. עס איז אזוי היים און שטיקענד דארט אין די קליינע ענגע קאמערלעך, אז ער האט געפיהלט ווי מען וואלט איהם אין א קאלך־אויווען אריינגעווארפען. ער האט זיך קוים ארויסגעכאפט אויפ'ן גאס א לעבעדיגער.

שפרייזענדיג איבער די גאסען, האט דאס גרינע בחור'ל אויך ניט פיעל בעסער געפיהלט. אומעטום, וואו ער איז נאר געגאנגען, האט ער געזעהן, ווי דער עולם שטיקט זיך פון היץ און פון ענגשאפט... די גאסען זענען געווען באלאגערט מיט מענשען, וועלכע האבען זיך ארויסגעלאזען כאפען א ביסעל פרישע לופט נאך דעם הייסען ברענענדען טאג אין די ענגע פארשטיקטע שעפער... ביי די זייטען פון די גאסען זענען געזעסען אויסגעזועצט ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט. די קינדער האבען עקשנות'דיג געוויינט און זיך געריסען צו די מוטערס ברוסט, ווי זיי וואלטען געזוכט זיך דארט צו באשיצען פון דער שווערער, אומערטרעגליכער היץ... די מוטערס האבען זיך געסטארעט די וויינענדע קינדער איינצושטילען מיט פארשידענע ליעדלעך, וועלכע זיי האבען פאר זיי געזונגען... און די שטימען האבען געקלונגען מאנכע אומעטיג־זים און מאנכע

טרויעריג־בייז, ווי די פרויען וואלטען שוין קיין כח און קיין גע־דולד ניט געהאט מעהר אויסצוהאלטען פון די ארימע קליינווארג, וועלכע האבען זיי שוין באלד איינגעמאטערט... און גדאכט האט זיך, ווי די שטימען זייערע גוסס'ען, ראנגלען זיך און גוסס'דיגע קלאנגען...

פינטשע האט דאס אלץ געזעהן און געהערט. און עפעס אזא רחמנות'דיג געפיהל האט איהם ארומגעכאפט... און דאס הארץ האט איהם אזוי טרויעריג שמערצליך געקלעמט, צוקוקענדיג זיך צו די סצענעס אויפ'ן גאס... איז דאס אמעריקא ? דאס גאלדענע גליקליכע לאנד, פון וועלכער ער האט אין דער היים אזוי פיעל גע'חלום'ט ? האט ער אין גדאנק זיך געפרעגט. אויב אזוי, איז דאך שוין אין דער היים פיעל בעסער. אין דער היים, אינ'ם שטעדטעל, פון וועלכען ער קומט, באגעגענט מען ניט אזא גיהנום־דיגע אומרוה, אזא מענשען־פייניגונג... זומער פארנאכט הויבט זיך איצט אין דער היים אן דאס לעבען. מען עסט אפ וועטשערע פאר די טירען פון די הייזער. א מתיה'דיג ווינטעל יאגט פון אלע זייטען איבער'ן שטעדטעל, קיהלט אפ די הייסע מילכיגע לאקשען... און ס'עסט זיך עפעס אזוי געמיטליך געשמאק, אז ס'פיהלט זיך כל־ערליי טעמים... נאכדעם געהט מען צום ברונען, מען טרינקט זיך אן מיט קאלטע וואסער... און מען לאזט זיך אוועק. ווער הינטער'ן שטאדט אויפ'ן וועג, וואס פיהרט צו ווייטע, ברייטע פעלדער, אנגעפיקעוועט מיט קארענע און ווייצענע זאנגען. אנדערע געהען ערגעץ טיעף, טיעף אין וואלד אריין...

א האסטיגער שטוים פוןביידע זייטען האט פינטשע'ן א טריי־סעל געטאן פון זיינע גדאנקען. דער גרינער האט זיך צעשראקען א כאפ געטאן. ער איז געשטאנען צווישען צוויי בייבי־קערידזשעס, וועלכע האבען איהם פארבאריקאדירט פון ביידע זייטען. ער האט זיך קוים פון זיי ארויסגעפלאנטערט. ער האט זיך גענומען ארומ־קוקען וואו ער געפינט זיך. עס איז נאך ניט געווען צו זעהן קיין שפור פון א גארטען, אדער א פארק.

ער האט זיך גענומען פיהלען זעהר מיעד און דורשטיג... ער איז צוגעגאנגען צו א סטענד, זיך געהייסען געבען א גלאז וואסער,

באַצאָלט אַ פּעני און געפרעגט דעם אידען פון׳ם סטענד, צי איז נאָך ווייט צו אַ גאַרטען, אַ פּאַרק הייסט עס דאָ...

דער איד האָט זיך איהם געהייסען פאַרקירעווען און נאָך געהן אַ פּאָר בלאָק ווייטער, וועט ער קומען צו דזשעקסאָן פּאַרק.

פינטשע האָט זיך געלאָזען געהן מיט׳ן וועג, וואָס דער איד האָט איהם אָנגעוויזען.

צוקומענדיג צום פּאַרק, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף דער ערשטער באַנק, וואָס ער האָט געפונען באַלד ביים אַריינגאַנג. אויף דער באַנק זענען געזעסען אַ פּאָר עלטערע אידען, אויף וועמענס פּנים׳ער עס איז געלעגען אויסגעגאָסען אַ מיעדע שוועך־קייט און אַ מרה־שחורה... זיי האָבען שוואַך צווישען זיך גערעדט, דערצעהלט זיך זאַכען פון לאַנגע פאַרגאַנגענע צייטען און זיך באַקלאָגט אויף דאָס איצטיגע... אויף זייערע קינדער, וועלכע באַהאַנדלען זיי זעהר שלעכט. און אין מושב־זקנים קענען זיי נאָך דערווייל ניט אָנקומען...

נאָהנט פון איהם זענען געזעסען אַ פּאָר עלטערע ווייבער מיט קינדער אויף די הענט, קענטיג אייניקלעך, וועמענס מאַמעס זענען אַוועק אין מאָווינג פּיקטשורס.

אין אַלגעמיין האָט די באַנק געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ זאָרג־באַנק, אויף וועמענס האַרטע אויסגעזעסענע ברעט געפינען רוה אַלטע און עלענדע און ניט ווייניג אינגערע, וועלכע האָבען שוין מעהר ניט קיין אינטערעס ווייטער צו געהן זוכען דעם לעבען ערגעץ אין די ווייטערע שטילע, טונקעלע ווינקעלעך, און מיעד, בלייבען זיי זיצען האָפענונגסלאָז ביי אַריינגאַנג אויף דער זאָרג־באַנק...

פינטשע האָט זיך ברייט אָנגעשפּאַרט אַן דער פאַרענצע פון באַנק, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיראָסעל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, פאַררויכערט און זיך פאַרקוקט אויף די וואָלקענדלעך רויך, וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם געשלענגעלט פאַר זיינע אויגען.

שוין באַלד דאָס לעצטע היימיש פּאַפּיראָסעל, איז איהם דורכ־געפלויגען אַן אומעטיגער געדאַנק, און אויפ׳ן האַרצען איז איהם אַזוי שווער געוואָרען... אינסטינקטיוו האָט ער אַריינגעשטעקט

די האַנט אין קעשענע, אַרויסגעצויגען דאָס פּושקעלע, זיך אין דעם גוט איינגעקוקט און עטליכע מאָל איבערגעלייענט פאַר זיך: „פּאַפּיראָסי טאַבאַטשנאַיאַ פאַבריקאַ שערעשעווסקאַוואַ“, און דערפיהלט האָט ער מיט אמאָל אזא ליעבע און בענקשאַפט צום נאָמען: שערעשעפסקי. דאַכט זיך, וואָס האָט ער צו טאָן מיט'ן נאָמען שערעשעפסקי, מיט'ן פּאַפּיראָסען־פאַבריקאַנט שערעשעפסקי, דעם רייכען בורזשוי, דעם קאַפּיטאַליסט, וועמען ער האָט נאָך אין דער היים געהאַסט און געגען וועמען ער האָט געקעמפפט?... און דאָך האָט ער ניט געקענט די אויגען אַפּרייסען פון'ם דאָזיגען שערעשעפסקי. נאָך אמאָל און נאָך אמאָל האָט ער איבערגעלייענט דעם נאָמען שערעשעפסקי, שערעשעפסקי...

ער האָט אויפגעעפענט דאָס פּושקעלע, איבערגעצעהלט די פּאַפּיראָסען. עס איז שוין אין גאַנצען געבליבען פיער... פיער שטיק שערעשעפסקי... עס האָט איהם אַ ריס געטאָן אין האַרצען... שוין באַלד ניטאָ די גוטע היימישע פּאַפּיראָסען שערעשעפסקי... מען מוז זעהן אביסעל איינשפּאָרען. האָט ער באַשלאָסען מיט האַרץ־וועהטאָג... אַריינלייגענדיג צוריק דאָס פּושקעלע אין קעשענע, האָט ער געטראַכט, אַז ווען אפילו עס וועט איהם שוין ניט איבערבלייבען קיין איין פּאַפּיראָס, וועט ער דאָס פּושקעלע דאָך באַהאַלטען אַ לייִדיגע...

און ווידער אמאָל האָט ער פאַררויכערט דאָס שטיקעל פּאַפּיראָס, וואָס איז דערווייל אויסגעגאַנגען... לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט ער געצויגען דעם רויך, ווי ער וואָלט איהם געזשאַלעוועט אַרויסצולאָזען פון מויל... און רויכערענדיג האָט ער געפיהלט ווי עפּעס אזא מיעדער זיסער דרעמעל באַפאַלט איהם... און ווי דורך אַ נעבעל האָבען זיך אָנגעהויבען צו ציהען פאַר זיין געדאַנק היימישע בילדער און ערינערונגען.

און צווישען אַלע בילדער זעהט ער איצט ווי לעבעדיג אַרויסשווימען איין בילד, וועלכע פאַרטונקעלט אַלע אַנדערע. דאָס בילד פון רחל'ען, דער שכנ'טעס מיידעל, מיט די לאַנגע בלאָנדע צוויי צעפּ האָר, מיט די טונקעל־בלויע, טיעפע אויגען, וועלכע בליקען אזוי ווייך־לאַשצענדיג צו איהם, אַז ס'געהט איהם דורך אַ זיסקייט

איבער אלע גלידער... אט זעהט ער זיך זיצען מיט איהר פרייטאג־צו־נאכטס נאכ׳ן עסען אין דער מאלצעווער גאס ערגעץ אויף א באנק ביי א גוי׳אישע הייזעל... עס איז אזוי שטיל. אלץ ארום איז פארזונקען אין א טיעפען שלאף... א שטיל, ווייך־צארט ווינטעל, בלאזט פון ערגעץ און ברענגט מיט זיך די ריחות פון בלומען פון פעלדער, וועלדער און פון די נאהנטע שייערען, וועלכע זענען שוין פול מיט היי און תבואה. זיי זיצעןביידע ווי פאר־שיכור׳ט פון דעם זיסען ריח, וואס דרינגט אריין אין זיי און גיסט זיך צוזאמען מיט זייערע געפיהלען... פלוצלינג פאנגט אן א הונט צו בילען... רחל׳ע דערשרעקט זיך... רוקט זיך צו צו איהם נעהנטער, טוליעט צו איהר קאפ צו זיין ברוסט אזוי שטארק... ער כאפט זי ארום און דריקט זי צו זיך מיט האסט און מיט פייער און באדעקט איהר מיט קושען...

פינטשע האט מיט אמאל דערפיהלט, ווי א שווערע אומגעלומ־פערטע האנט לאזט זיך אראפ אויף איהם... ער איז אויפגעשטא־נען און מיט שרעק זיך ארומגעקוקט.

א באיאהרענטע פרוי, וועלכע איז לעבען איהם געזעסען, האט עפעס אויף איהם געשריען, זיך געבייזערט, און איהם געסטראשעט מיט ארעסט, פאר האבען די חוצפה איהר צו וועלען ארומנעהמען.

פינטשע איז געשטאנען א צעטומעלטער א באגראבענער צווי־שען דעם רעדעל, וואס האט זיך גלייך ארום איהם ארומגעקליבען... ער האט זיך פרובירט, פארענטפערען מיט דעם, אז ער איז געשלאפען און ווייסט ניט פון וואס צו זאגען... עפעס האט ער דערצעהלט פון א חלום, וואס האט זיך איהם גע׳חלום׳ט, אזא ליעבער, זיסער חלום וועגען איהר, וועגען זיין רחל׳ען... דער עולם האט זיך צו־געהערט מיט א שמייכעל... „א גרינער" האבען זיי איינע צו די אנדערע א זאג געטאן, און געבעטען די ווייבעל, זי זאל איהם צורוה לאזען.

ווי א פייל פון בויגען האט ער זיך געלאזט לויפען א היים און לויפענדיג, האט ער געשאלטען אמעריקא, וואו מען לאזט ניט א מינוט לעבען און פרייער אפאטעמען, וואו די שעהנסטע און זיסטע חלומות ווערען צעשטערט...

אין איינזאמקייט

קיין איין טאג אין דער וואך, פיהלט זיך לייבוש דער שוסטער ניט אזוי עלענד און פרעמד דא, אין דעם ווייטען לאנד אמעריקא, ווי אין דעם טאג שבת, ווען ער האלט זיין סטארקע געשלאסען.

א גאנצע וואך איז ער פארהאוועט, פארטאן אין דער ארבייט, אז ער האט אפילו ניט קיין צייט א טראכט צו געבען וועגען דער היים. עפעס א קלייניגקייט, די לעצטע 50 דאלאר אפגעצאלט זיין לאנדסמאן פאר דער סטארקע ווען יענער איז אהיים געפאהרען, און ער מוז זעהן ארויסצונעהמען רענט, געז, אליין א לעבען מאכען, אהיים שיקען דער ווייב און די קינדער אויף חיונה, און נאך אפ־שפארען עטליכע דאלאר אויף אהיים צו פאהרען, ווייל דא פארבלייבען קומט איהם אפילו אויף'ן זינען ניט ארויף.

אויסער דעם, פארדרעהען איהם די סקוהל־קינדער אזוי דעם קאפ, אז ער ווייסט ניט אויף וועלכער וועלט ער איז. ביינאכט ברענגען זיי איהם אריין זייערע שיכלעך צו פארריכטען און אויף מארגען פריה פאר'ן סקוהל מוז ער זיי שוין פארטיג האבען, ווען ניט צעטראגען זיי איהם די סטארקע... עפעס א קלייניגקייט אמעריקא־נער חברה קליינווארג, שדים זענען זיי, ניט קיין קינדער... אפגעהיט זאל מען ווערען אין זייערע הענט אריינצופאלען... איין האר אין בארד איז ניט זיכער עס זאל בלייבען... אט די שקצים, א רוח זאל אין זייער... נאר וואס איז שייך... עס איז אמעריקא.

שבת אבער האט ער צייט, שבת ארבייט ער ניט, קיין נחת פון דעם טאג ארומגעהן האט ער ניט. גיטא זיך וואו אהין צו טאן, וואו אריינצוגעהן ערגעץ אין א היימיש ארט ער זאל זיך אוועקזעצען אדורכשמועסען זיך מכח דער היים, וועגען שטעדטעל, וועגען שוס־טערשען בית־המדרש, וואו ער איז א לאנגע צייט געווען גבאי...

וואו ער זאל ניט אריינקומען, צו וועלכע לאנדסמאן אדער באקאנ־טען, פיהלט ער זיך ניט גוט, ניט היימיש, עפּעס דוכט זיך איהם אפּ, ווי אלעס קוקט אויף איהם פרעמד... ווי אויף אן איבריגען... און יעדעס מאל שבת, ווען ער פארלאזט זייער הויז, איז איהם נאך אומעטיגער אויפ׳ן הארצען ווי איידער ער איז אריינגעגאנגען אהין. און א פארצווייפעלטער קערט ער זיך אום צוריק אין זיין כּטארקע, וועלכע איז אויך זיין היים, ווארפט זיך אוועק אויף דער אלטער אפּגעריבענער זאפע און בלייבט ליגען א פארטראכטער, פארזונ־קען אין טרויעריגע געדאנקען...

דורך דעם שמאלען פענסטערעל, וואס געהט ארויס צום גאס זעהט ער די זון ארייננדרינגען... אין דרויסען איז אזוי ליכטיג און פריי, עס הערט זיך דאס שפּיעלען און שטיפען פון די קינדער, ער זעהט זיי פארביילויפען הין און צוריק מיט א פרעהליך־הילכיגען געלעכטער, קערען איבער א וועלט מיט זייערע שטיפערייען.

„גליקליכע קינדער" טראכט ער זיך, „אלע געזונד, פריש, הארעוועז זיך לעבען זייערע טאטע־מאמע, זיי האבען א היים".

און זיינע קינדער? קומט איהם ארויף אויפ׳ן זינען, וואס טוען זיי איצט? שפּיעלען זיי זיך, שטיפען זיי אויך? זיצען אודאי דארט לעבען זייער דירה ביי משה דעם טשעסלער אויפ׳ן באנק, שטילע, פארבענקטע אזוי ווי יתומים׳לעך, און די מאמע זיצט לעבען זיי א פארוויינטע און ווישט זיך מיט דעם פארטוך די אויגען.

רוהיגע, שטילע קינדער זענען זיינע, שוואכענקע, קראנקע, איינגעהויקערטע און איינגעדארטע, קוים וואס די נשמה האלט זיך אין זיי... ניט אזוי ווי די היגע וואבשעס, געזונד, שטארק, ווי די גויים, אז אלע אברים ארבייטען אין זיי. ווען איינער לאזט איהם אמאל אראפּ א קלאפּ אט אזוי אויף א געלעכטער איבער׳ן קארג, ברעכט ער איהם שיעור איבער... און זיין משה׳לע נעבער, דער עלטערער אינגעל, קרענקט אלע מאל... און האצקעלע דער מיטעל־סטער געהט קוים אויף די פיסלעך ארום... און שמערעלע, גאר דער אינגסטער, קריכט ארום אט אזוי ביי די ווענט און פאלט יעדען מאל אום... און זיין טעכטערעל איטקעלע, זיין בת יחידה׳קע, הוסט נעבעך...

און ער דערמאנט זיך: אין לעצטען בריעף, וואס ער האט געקראגען פון דער היים, שרייבט זיין שרה־ביילע, אז זי איז געווען מיט איטקעלען ביים דאקטאר, האט ער געזאגט, אז זי דארף גרויסע וויגאדע האבען, זי מוז טרינקען יעדען טאג מילך. עסען שיטערע אייער, „און פון וואנען נעהמט מען דאס?" דערענדיגט זי, „אז דו שיקסט אזוי ווייניג.

דערפאר אבער האט ער גרוים רחבה פון דעם וואס זי שרייבט איהם, אז זי האט זעהר א גוט קעפעל. לערענט ביי מענדעל דעם מלמד שרייבען און דאווענען פאר וועלכעס זי צאלט איהם 20 גראשען א וואך און זי נעהמט זעהר גוט איבער. אין לעצטען בריעף האט זי שוין אנגעשריבען א גרוס מיט איהר אייגענער האנט.

ער גיט זיך א כאפ און נעהמט זוכען דעם בריעף, וואו עס איז אונטערגעשריבען דער גרוס מיט זיין איטקעלע'ס אייגענער האנט, אין איינעם פון די וועסט־קעשענעס געפינט ער איהם א צעקנייטש־טען, ער וויקעלט איהם שנעל פונאנדער, לויפט דורך מיט די אויגען אומגעדולדיג דעם גאנצען בריעף, קוקט זיך גוט צו צו די שווארצע פארדרעהטע ווערטער, וועלכע האבען, דוכט זיך, אלע איינעם און דעם זעלבען אויסזעהן... און זוכענדיג זיין טאכטערקעס האנט־שריפט קלערט ער וועגען דעם, וואס ער קאן אפילו ניט שרייבען און לייענען, און ער ווייסט ניט צו אונטערשיידען פון אייןווארט צום אנדערען, פון איין אות צום צווייטען... דער גאנצער כתב קומט ביי איהם אוים משונה'דיג פרעמד... און עס טוט איהם בשעת־מעשה אזוי וועה דאס הארץ, וואס ער קאן אליין ניט לייענען און ניט שרייבען, און יעדען מאל, ווען ער דארף לייענען אדער שריי־בען א בריעף, מוז ער אנקומען צו א צווייטען... און עס קומט איהם שטענדיג אן אזוי שווער, אזוי שווער, איידער ער קריגט ווער עס זאל פאר איהם איבערלייענען אדער אנשרייבען א בריעף. און ווען עמיצער שרייבט איהם שוין יא אן דעם בריעף, איז ער קיינמאל ניט צופרידען. עס בלייבט איהם שטענדיג אין הארצען פיעל מעהר איידער ער האט ארויסגעגעבען... א, ווען ער וואלט אליין געקענט שרייבען, וויפיעל וואלט ער דאס געהאט ארויסצושרייבען. דעם גאנצען יועהטאג, דעם גאנצען עלענד וואלט ער זיי באשריבען... טאג

און נאכט, דאכט זיך, וואלט ער געזעסען און געשריבען. ער וואלט געשריבען יעדען קינד א גרוס באזונדער... אנגערופען זיי ביי די נעמען... געקושט זיי פון ווייטענס. וויפיעל זיין הארץ וואלט נאר געגלוסט... און שרייבענדיג וואלט ער זיך געפיהלט אזוי גוט... אזוי וואויל... א סך שווערע שטיינער וואלטען איהם פון הארצען אראפגעפאלען... און זי, זיין שרה־ביילע, וואלט דארט געהאט וואס צו לייענען, און די קינדער וואס זיך איינצוהערען... און אזוי מ'שטיינס געזאגט, אז א פרעמדער שרייבט פאר איהם, מאכט ער עס אלץ קורץ און שארף... די גרוסען צו די קינדער מאמאליעט ער אפ אלע אין איין מאל... און איבערלייענען דעם בריעף לייענט ער פאר איהם עפעס אונטער'ן נאז... קוים וואס ער הערט... גלייך ווי ער וואלט איהם גיט באצאלט... אבי אפגעשריבען און צוגעכאפט די עטליכע סענט, איז ער שוין ניטא... אט די אמערי־קאנער שרייבערס, א רוח זאל אין זייער... נאר וואס איז שייך... עס איז אמעריקא.

אבער מעהר פון אלץ קרענקט איהם, וואס ער קען איצט ניט אויסגעפינען איהר... זיין איטקעלע'ס גרוס... ווי נעהמט מען א פאר בריליען, דורך וועלכע ער זאל קענען דערזעהן זיין קליינע טעב־טערעל'ס האנט־שריפט, ווי זי שרייבט צו איהם אונטער איהר נאמען מיט איהר אייגענער האנט, מיט איהר שעהנער דינער ציטערדיג הענטעלע... אוי, האט ער זי ליעב, אזוי ליעב...

נאר אט ער דערזעהן ביים סוף פונ'ם בריעף, לאנגע, ברייטע צוזאמענגעדרעהטע פאסען אין וועלכע ער שטויסט זיך אז אז דאס מוז געווים זיין איהר, איטקעלע'ס האנטשריפט. איהר נאמען מיט איהר אייגענער האנט... ער קוקט זיך גוט צו. יא, דאס מוז אויף זיכער זיין „זי“, דאס שרייבט זי עס צו איהם אזוי שעהן. אויף גיך כאפט ער דעם בריעף, טראגט איהם צו צו די ליפען, קושט עס שטארק, הייס... אין די אויגען באווייזען זיך איהם טרערען... קוקט נאך אמאל אויף דעם, קושט עס ווידער. זיפצט אפ שווער און פארטראכט זיך...

פאר זיינע אויגען שוועבט פארביי דאס שטעדטעל, דאס שטי־בעל, וואו ער וואוינט, ביי משה דעם טשעסלער אויפ'ן בוידעם,

אין באָד־גאַס, אַ קליינע, ענגע שטיבעל, די ווענט אָפּגעקאַלכט מיט האַלב־רויטע, האַלב־ווייסע קאַלך. ערטערווייז אָפּגעריבען פון דעם גאַס וואַסער, וואָס גיסט אַריין פון דעם רעגען, מחמת דער אַלטער שינדעל־דאַך איז פול מיט לעכער... און ער, דער בעל־הבית פון דער דירה, וויל זיך קיינמאָל ניט לאָזען קאָסטען אויף צו פאַר־ריכטען דעם דאַך... אָט דער משה... איי, איז דאָס אַ שלעכטער, אַ קאַרגער אידעל... אַבי געלט ווייסט ער צו נעהמען, גאַנצע 20 רובעל אַ יאָהר שלעפּט ער ביי איהם אַרויס... אַ רוח זאָל אין זיין... נאָר וואָס איז שייך... אַ בעל־הבית בלייבט אַ בעל־הבית, מעג ער זיין אפילו אַ הונט...

דערפאַר אָבער זעהט ער דורך דעם פענסטער דאָס וואַסער, פון וועלכען ער האָט יעדען פרייטאָג וואַסער אויף טיי געבראַכט, אויפ'ן אויוועון אויפצושטעלען פאַר שבת... איי דער הײמישער טיי, ער האָט גאָר אַן אַנדער טעם... ממש אַ חיות אין מויל אַ זופּ צו טאָן... ווער שמועסט נאָך דער שבת'דיגער טיי, וואָס ער אַליין האָט גע־בראַכט דאָס וואַסער עקסטראַ פון טייך, ניט אַזוי ווי זיין אידענע טוט, פון ברונעם... ווייל עס איז איהר שווער, זאָגט זי, אַ גאַנצע וואָך אַראָפּצוגעהן און אַרויפצוגעהן אויפ'ן גרויסען באַרג, און אין מיטען וואָך וויל זי זיך מיט איהם ניט שאַפען...

פרייטאָג אָבער פלעגט זי איהם שוין אַ זאָג טאָן גאַנץ שמיאַלע: „לייביש, געה נעהם די עמערס און ברענג אַרויף וואַסער פון טייך פאַר טיי אויפצושטעלען אויף שבת". און ער פלעגט זיך לאַנג ניט לאָזען בעטען און אַ כאַפּ טאָן די עמערס, און מאַרש באַרג אַראָפּ צום טייך און אַריינוואַרפען ביידע עמערס, אַ פּלאַסקע טאָן און אַרויסשלעפּען צוויי פולע עמערס מיט וואַסער און אַרויפקאַטאַיען מיט זיי באַרג אַרויף, און אַריינקומען אין הויז מיט ביידע עמערס אויף זיך און מיט אַ שטאָלץ זיי געבען אַ שטעל אַוועק לעבען טיר און אַ זאָג טאָן צו זיין שרה־ביילע'ן: „נאַ, אָט האָסטו וואַסער אויף טיי"...

דערפאַר פלעגט זי איהם דערלאַנגען אַ ביסעל פון דעם פאַר־נאַכטיגען מערען־צימעס, אַז ס'פלעגט צוגעהן אין יעדען אָבר... ווען ער פלעגט דאָס אָפּעסען, פלעגט ער זיך צוריק אַוועקזעצען לעבען

וואַרשטאַט ביי דער אַרבייט, און נאָר מיט מעהר חשק זיך נעהמען אָפּענדינגען די פּאָר, וואָס ער האָט נאָך באַדאַרפט פאַרטיג מאַכען אויף שבת... חברה קליינוואַרג פלעגען בשעת־מעשה אַרומקריכען אַרום וואַרשטאַט, פּלאָנטערען זיך אַרום די פיס און שפּיעלען זיך מיט די אַראָפּגעוואָרפענע טשוועקלעך אויף דער ערד. ער פלעגט אפילו בייז ווערען און אַנשרייען אויף זיי, פּאָר וואָס זיי שטערען איהם אין דער אַרבייט, אָבער זיין כעס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, אַזוי גיך ווי זיין טאָכטערל איטקעלע פלעגט נאָר צוגעהן צו איהם און אַרויפלעגען איהר קליין הענטעלע אויף זיין פּלייצע און איהם בעטען אַ קאָפּיקע אויף קערלעך, פלעגט ער גאָר אָז אַנדער מענש ווערען. ער פלעגט עס איהר מיט פאַרגעניגען געבען און אָנקוועלען פאַר נחת, ווען זי פלעגט איהם אַרומנעהמען מיט ביידע הענטלעך אַרום האַלז און קושען איהם... אַז ער פלעגט איהר מיט גוואַלד מוזען אָפּשטויסען, ווייל ער פלעגט זיך איילען פאַרטיג צו מאַכען די אַרבייט אויף שבת.

נאָר אָט, האָט זיך אונטערגערוקט שרה־ביילע, זיין אידענע, און איהם דערמאָנט, אַז ס'איז ערב שבת, אַז מ'דאַרף געהן אין מאַרק אַריין... און איהם אויפגעפאָדערט אַריינצולעגען די האַנט אין קע־שענע, אַרויסנעהמען פון דאָרט עטליכע גולדען אויף שבת... און ער פלעגט שוין ווי עס איז צונויפקראַצען און איהר דערלאַנגען עטליכע גולדען און דערביי אַ זאָג טאָן: „נאַ, אָט האָסטו דיר אויף שבת!“ זי פלעגט דאָס אַ כאַפּ טאָן די עטליכע גולדען מיט ביידע הענט. מיט אַזאַ רחבה, אַז די אויגען פלעגען אַזש ביי איהר אויפגלאַנצען פאַר נחת... און אַ פאָהר טאָן אין מאַרק אַריין און איינקויפען אויף שבת אַזוי אַ גוט ביסעל שנאַפּס... אַ שטאָרקס... אַז דער רוח זאָל עס... נאָר וואָס איז שייך... זי פלעגט טאַקע אויסגעבען די עטליכע גולדען, עס איז אָבער ווערטה געווען.. דערפאַר פרייטאָג צו נאַכטס, ווען ער פלעגט אַריינקומען אין שטוב פון דאַוונען. איז עפּעס געווען אויף וואָס אַ קוק צו טאָן. ריין און שעהן איז געווען אויפגעראַמט אין שטוב. דער וואַרשטאַט פאַרדעקט מיט אַ ווייס טישטוכעל, דער גרויסער פיער־עקעדיגער טיש איבערגעדעקט מיט אַזאַ רויטען טישטוך, אויסגענעהט מיט שפּיצען... די לייכטער

אפגעשייערט, אז ס'האט געלויכטען... און ליכטיג איז עס געווען פון די שבת־ליכט אין אלע ווינקעלעך... און די קליינע בעבקעס זענען זיך עס געזעסען אלע ארום טיש ארומגעזעצט און געווארפען אויגעלעך צו די צוגעדעקטע חלות...

און זי, זיין שרה־ביילע, פלעגט זיך דאס ווי איהם אויף צע־פיקעניש, פארסטרויעז אין א ווייסען יאקעל מיט א קאלירטען פאר־טוך און דערלאנגענדיג איהם דעם וויין, זיך א רוק טאן נעהנטער צו איהם און מיט א שמייכעל א זאג טאן: „נא, מאך קידוש". און בשעת מעשה איהם א קוק טאן אין די אויגען אריין... און ער פלעגט דאס איהר א גלעט טאן איבער'ן באק און א קנאק טאן א קידוש, אז דער רוח זאל עס... נאר וואס איז שייך... פרעהליכע פרייטאג־צו־נאכטס'ען געווען אמאל...

און אויף צו־מארגענס אין דער פריה, אין שטעדטעל איז נאך האלב פינסטער, דער עולם שלאפט נאך, שטעהט ער אויף אין דער פריה צום ערשטען דאוונען און לאזט זיך דאס אוועק אין דעם שום־טערשען בית־המדרש, וואו ער איז דארטען גבאי... און מען גיט עס א דאווען אפ איינס, צוויי, דריי, און נאכדעם דער סקארבאווער דערלאנגט עס א פלאש שפירטעס מיט לעקעך, און מען מאכט עס א לחיים און מען פארבייסט... און עס ווערט פרעהליך אויפ'ן הארצען... און לעבעדיג אין מוח... משה טאפ צעלאזט זיך דאס מיט זיינע מעשה'לעך, איי איז דאס א ליגנער, א רוח זאל אין זיין... נאר וואס איז שייך... זאל זיין ליגען, דערווייל הערט מען זיך צו, און עס איז דא פון וואס צו לאכען, און עס איז היימליך. וואס דען, ווייניגען קומט מען עפעס צום ערשטען מנין?...

און דערנאך, ווען יעדער האט שוין אויסדערצעהלט זיינע מעשה'לעך, אפגעזאגט די גלייכווערטלעך, צוגעהט מען זיך, בלייבט ער נאר איבער מיט חאצקעל קאפושניק, געהט ער זיך מיט איהם א ביסעל איבער דער גאס און מען שמועסט זיך דורך א ביסעל: דערצעהלט ער איהם, אז זיין ווייב דארף די צייטען געלעגען ווערען, וועט מען דאס מאכען א „לחיים": טראכט ער ביי זיך, זאל זי געלעגען ווערען מיט א קאץ, אט די „שטיק שלאק" זיינע, אוי האט ער זי פיינט, א רוח זאל אין איהר... נאר וואס איז שייך... ער

אבער, חאַצקעל קאַפּושניק אַליין, איז אַ גוטער ברודער. ער פאַר־שטעהט אַ געשעפט, מען קאַן מיט איהם רעדען. געהט מען און מען רעדט וועגען דער פּרנסה, וועגען לעדער, וואָס איז טייערער געוואָרען, און די קונדען ווילען ניט אַנדערש נאָר גוטען לעדער און וועניג באַצאָלען... ביז מען קומט אַרויף אויפ'ן שוסטערשען בית־המדרש, וואו ער איז דאָרטען גבאי... וועגען דעם וואָס דער עולם צופאַהרט זיך אַזוי, אַז ס'איז שוין באַלד נישט געבליבען, ווער עס זאָל איהם אויסהאַלטען... מכח דעם, וואָס ער, חאַצקעל, האָט גע־הערט, אַז ער, לייבוש, פאָהרט שוין אויך אַוועק קיין אַמעריקא, וועט שוין אין גאַנצען פון בית־המדרש ווערען אַ תל... דערביי פאַרגעסט ער איהם ניט צו בעטען, אַז ווען ער וועט שוין דאָרטען זיין אין אַמעריקא, הייסט דאָס, זאָל ער איהם אויך אין זינען האָבען, אַמאָל אַרויסצוהעלפען מיט אַ שיפס־קאַרטע, ווען ער וועט איהם בעטען, וועט ער איהם די טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אַזוי רעדענדיג קומען זיי צו ביז לייבוש'עס הויז. דאָרטען צושיידען זיי זיך, חאַצקעל לאָזט זיך געהן אַ היים, צו די צרה'דיגע ווייב, די „שטיק שלאַק", און ער גנב'עט זיך אַריין שטיל אין הויז אַריין, זעהט ער ווי די קליינוואַרג שלאָפען נאָך, און זי, זיין שרה־ביילע, האַלט זיך איצט אין אַנטאָן, גרייט זיך צו אין שוהל אַוועק־צוגעהן. כאַפּט ער איהר אַרום פון הינטען, דערשרעקט זי זיך און גיט אַ דרעה אויס דעם קאָפּ צו איהם, און גיט אַ שמעל אויס אַ פּאָאר אויגען אויף איהם... „האָסטו ניט אַ שטיקעל פיש?" פרעגט ער איהר ווי תמ'עוואַטע. איהר נאָך אַלץ האַלטענדיג אַרומגענומען — אָבער לאָז מיר שוין אָפּ, נו, זעה נאָר ווי ער פיהרט עס אָפּ!" שרייט זי צו איהם און רייסט זיך פון זיינע הענט, און ער מאַכט זיך נישט וויסענדיג און שרייט כלומר'שט ווייטער ווי בייזלעך: „אַ שטיקעל פיש!" „אַ שטיקעל פיש זאָג איך דיר, זאָלסטו מיר גע־בען!" און קיצעלט איהר בשעת מעשה אונטער די זייטען, ביז זי צעלאַכט זיך, אַז דער רוח נעהמט ... נאָר וואָס איז שייך... פרעה־ליכע שבתים געווען אַמאָל...

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

פאַר איהם גאַנץ אומבאַמערקט איז אין חדר'ל געוואָרען טונ־קעל, א לעצטער שטראהל ראַנגעלט זיך אַ פאַר'חלומ'טער אויף דעם קליינעם פענסטערעל... און לייבוש קוקט מיט אַ פאַרגליווער־ען בליק אויף דעם שטראהל, און עס קוועטשט איהם ביים הארצען.

נאָך נידריגער זינקט די זון. דער לעצטער שטראהל פאַר־שווינד פון דעם מאַטען פענסטערעל.

געדיכטע שאָטענס שפּרייטען זיך אויס איבער איהם, קלע־טערען אויף די ווענט, און ווינקען, דאַכט זיך, צו איהם, מאַכען משונה'דיגע העוויות, שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ... די נאַכט פאַלט צו מיט אַמאָל. אויף לייבוש'ען פאַלט אָן אַ פּחד.

— שרה־ביילע, וואָס צינדסטו ניט אָן... — ניט לייבוש אַ מורמעל און האַקט זיך אליין איבער.

— שרה־ביילע... — ער שפּייט אויס, און לאָזט זיך אין דער פינסטער טאַפּען און זוכען אַ שוועבעלע אָנצוצינדען אַ ליכט.

היים-וועה

צו אברהם בער אין הויז וואו ער האט געוואוינט מיט זיינע קינדער, איז ווירקליך אמאל געווען א פארגעניגען אריינצוקומען.

די היימישע אטמאספערע האט זיך דארט געלאזט פיהלען זעהר שטארק. זיצענדיג דארט אין הויז האט מען אפט מאל פארגעסען, אז מען געפינט זיך פאר טויזענדער מיילען פון דער היים. מען האט דארט באגעגענט די זעלבע גוטמוטיגע און פריינדליכע, מען קען זאגען, רוהיגע פנים'ער, ווי אין דער היים: די זעלבע פריינדליכע, אויפריכטיגע אויפנאמע, ווי אין דער היים: די זעלבע אריין-און-ארויס-באגלייטענדע ווארימע בליקען, וועלכע פלעגען אנפילען דאס הארץ מיט ווארימקייט און פארגניגען. אפילו די טיי, וואס מען האט געטרונקען קומענדיג צו גאסט, האט געשמעקט היימיש, געמאכט טאקי אין היימישען „סאמאוואר". וועלכען דער אלטער אברהם מיט זיין ווייב גיטע האבען מיטגעבראכט.

אן אמת'ער נחת-רוח אריינצוקומען צו אברהם בער'ן אין הויז אריין איז געווען פרייטאג צונאכטס. אלעס איז געווען איינגעארדענט ווי אין דער היים: דער ווייסער טישטוך, די גרויסע געפלאכטענע חלות אויפ'ן טיש, צוגעדעקט מיט א „קלארע „סערוועטקע". די פיער מעשענע לייכטער מיט די אנגעצונדענע בענש-ליכט, אלעס, אלעס האט געלויכטען מיט חן, מיט היימישען חן און עונג-שבת.

און אברהם בער אליין פלעגט ארומגעהן איבער'ן הויז אין זיינע שבת'דיגע קליידער, מיט פרייד און מיט שטאלץ אויף זיין געזיכט און זאגען, שלום-עליכם. זיינע פרומע אויגען פלעגען בשעת-

מעשה זיין פארקלערט... זיין מינע האט אויסגעדריקט בענקשאפט און אין דער זעלבער צייט צופרידענהייט מיט זיך אליין, מיט זיין ווייב גיטע, און מעהר פון אלץ מיט זיינע קינדער, צוויי טעכטער און דריי זיהן וועלכע שאנעווען איהם, ווי מען דארף שאנעווען א טאטען. שטערען איהם ניט צו האלטען שבת ווי עס באדארף צו זיין, פיהרען זיך, ווי ער האט זיך געפיהרט אין דער היים און ווי ער וועט זיך שוין פיהרען ביז'ן טויט.

געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, וואס ער האט איהם באשערט מיט אזעלכע גוטע קינדער — פלעגט אפטמאל אברהם־בער צופרי־דען זיך בארימען פאר זיינע לאנדסלייט — ניט נאר שטערען זיי איהם ניט צו זיין פרום און זיך פיהרען, ווי גאט האט געבאטען. נאר זיי זעהען מיט אלע מעגליכקייטען איהם נאכצוטאן און וועלענ־דיג איהם צופרידענשטעלען קומט כמעט שטענדיג אויס אזוי, ווי ער וויל. און וואס וויל ער דען? ער צווינגט זיי חו"ש ניט צו זיין ווי ער איז פרום און גאטספארכטיג, דאס ווייס ער. קענען אלע אין אמעריקא ניט אויספיהרען. ער זאגט זיי ניט קיין דעה ווי זיך צו פיהרען, אזא פאנאטיקער איז ער ניט. אבער די „היימישע לופט" האבען זיי ניט ווייניגער ליעב פון איהם... אמת, זיי האבען זיך שוין פון דעם פאר דער צייט, וואס זיי זענען אין אמעריקא, „ארויסגעטאן", ער אבער האט זיי איצט דערמאנט. און אין שטוב פיהלט זיך שוין ווידער דאס היימישע שטעדטעלע די היים, די היימישע לופט.

און אברהם בער האט געלעבט אין נעאטעמט מיט די היימישע לופט... ביי יעדער געלעגענהייט האט ער ניט אויפגעהערט צו רעדען און צו דערצעהלען עפעס פון דער היים. נעפרופט ארויס־רופען אין אלעמענס זכרון היימישע בילדער, געשעהעניסען און פאסירונגען, וואס זענען געווען פארבונדען מיט דעם היימישען לעבען, זינגען די אלטע נגונים פון דעם שטאדטישען חזן, איבער־זאגען שטיקלעך פון די מגיד'ישע דרשות, וועלכע ער האט כמעט אלע געדענקט אויפ'ן קאפ.

און די צוהערער, איבערהויפט לאנדסלייט, האבען גאר אנגע־קוואלען הערענדיג אפשר שוין צום הונדערטען מאל אלץ דאס זעל־

בע... עס פלעגט זיי גאר ניט מיאוס ווערן הערענדיג... און אפט מאל פלעגט זיך זיי דאכטען, אז אט זיצען זיי די מינוט ביי דעם אלטען אברהם בער דארט ערגעץ אין שטעדטעלע אין הויז און מען רעדט און מען שמועסט זיך דורך וועגען די צרות און נחת. וואס מען האט, מעהר צרות ווי נחת...

זייט אבער דער אלטער אברהם בער האט זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אז זיין שטעדטעלע איז חרוב געווארען. די הייזער, די שוהל און די בתי־מדרשים פארברענט... און עס זענען בלויז פארבליבען פוסטע רואינען... איז ער גאר אן אנדער מענש געווא־רען. דער רוהיגער און צופרידענער שמייכעל, וואס האט שטענדיג ארומגעשוועבט אויף זיין געזיכט, איז מיט אמאל פארשווינדען...

שטום, ערנסט און פארטראכט איז ער געווארען... זיין קער־פער האט זיך עפעס ווי איינגעקארטשעט, און זיינע אויגען האבען אויסגעדריקט שמערץ און טרויער... ער האט אויפגעהערט איז גאנצען צו דערמאנען די היים. דערצעהלען היימישע מעשה'לער. זינגען די היימישע חזנ'ישע נגונים, נאכזאגען די מגיד'ישע דרשות... אפילו דעם „שלום־עליכם" פרייטאג־צו־נאכטס, פלעגט ער א טרוי־עריגען ברום טאן פאר זיך. איהם האט שוין איבערהויפט ניט גע־ארט ווי אין שטוב פיהרט זיך. עס האט אויסגעוויזען, אז איהם איז שוין אלץ איינס, מעג זיך אפילו די גאנצע שטוב איבערקערען.

שטיל, מיט אן אומעטיגען, פארזארגטען פנים פלעגט ער מעהר זיך שלעפען ווי ארומגעהן איבער'ן הויז, און פון צייט צו צייט פלעגט א שטילער זיפץ זיך ארויסרייסען פון זיין ברוסט, פון וועלכען זיין געטרייע ווייב, די אלטע גיטע, פלעגט זיך דערשרעקען און אנהויבען מיט איהם איינצו'טענה'ען:

— וואס איז דיר, אברהם בער? וואס איז מיט דיר געווארען? עס איז דאך שוין פון דיר געווארען א העלפט!

פלעגט דער אלטער אברהם בער א טרויעריגען שאקעל טאן מיט'ן קאפ, א מאך טאן פארצווייפעלט מיט'ן האנט און מיט א שטימע, וואס זי האט נאך פון איהם כמעט קיינמאל ניט געהערט, פלעגט ער ארויסקרעכצען:

— אידענע, וואס דו ביזט, באדארפסט נאך פרעגען? מיר

זענען דאך עפּעס אין אמעריקא! אין א גוי'אישע לאנד, אין א פרעמדע לאנד, גאט! וואס פון אונז איז געווארען! — פּלענט דער אלטער קרעכצען און ווישען די אויגען.

פלענט גיטע בלייבען שטעהן א צעטומעלטע, א פארוואונדער־טע, און קוקען אויף איהם מיט חשד. עס האט איהר אויסגעוויזען, אז ער רעדט עפּעס ניט צו דער זאך.

— איך פארשטעה דיר ניט — פּלענט זי צו איהם ווידער טענה'ן — וואס איז דיר עפּעס מיט אמאל איינגעפאלען אזעלכע געדאנקען? האסט זיך איצט דערמאנט, אז דו ביזט אין אמעריקא!

— אודאי בין איך ניט געווען אין אמעריקא. איך בין געווען אין דער היים! — האט דער אלטער אברהם־בער איהר צו פאר־שטעהן געגעבען — מיינע פיס האבען בלויז אויף אמעריקאנער ערד געטראטען. מיין נשמה אבער, האט זיך שטענדיג געפונען אין דער היים, אין דעם היימישען בית־המדרש, אין היימישען שטיבעלע, דארט אויפ'ן בארג, ניט ווייט פונ'ם שוהל... און פלעג איך אריינ־קומען אין הויז א פרייטאג־צו־נאכטס, האבען מיר היימישע מלאכים באגלייט... אויף מיין „שלום־עליכם" — „עליכם־שלום" געענט־פערט. איך פלעג זיי פיהלען ארום זיך, דאס איז געווען די הייליג־קייט, וואס מיר האבען פון דער היים מיטגעבראכט און וואס האט געלעבט אין אונז און ארום אונז אזוי לאנג, ווי אונזער שטעדטעל האט געלעבט און עקזיסטירט... אבער איצט? וואס האבען מיר איצט? אונזער שטעדטעלע איז חרוב, אונזער היים איז פאר־ברענט, א חורבה איז געווארען פונ'ם שטעדטעל. וואו האבען מיר איצט א היים?...

דער אלטער אברהם־בער איז אנשוויגען געווארען. ער איז געבליבען זיצען מיט א טיעף־אראפּגעזונקענעם קאפּ צו דער ערד, ווי ער פלעגט טאן אום תשעה־באב ביינאכט אין דער היים, ווען ער פלעגט קינות זאגען. זיינע שטילע פון צער־אויסגע־וויינטע אויגען האבען אומרוהיג און באנג ארומגעבלאנדזשעט...

מאַן און פרוי

מאַן און פרוי.

דער מאַן, איז אַ שטילער, אַ פאַרטרוימטער, אַ צוריק־געהאַלטענער, מיט אַ פּאָר טיפע, פאַר׳חלום׳טע אויגען. די פרוי, איז אַ רעדעוודיגע, אַ צוגעלאָזענע, פול מיט לעבענס־לוסט, מיט אַ פּאָר אויגען וואָס גליהען.

אין הויז זענען זיי כמעט אימער אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. אין די פרייע צייט זיצט דער מאַן, אַם מייסטען ביים טיש, אָדער ער שפּאַרט זיך צו אויף דער זאָפע מיט אַ צייטונג, אָדער אַ בוך אין דער האַנט און קוקט פאַרטיעפט אין דעם אַריין... זיין אינגעלע, אַ קינד פון אַ יאָהר פיער, געראָטען אין טאַטען, סיי אין אויסזעהן, סיי אין נאַטור, שטעהט אימער ביי זיין זייט, אָנגעשפּאַרט די הענטלעך אָן טאַטען׳ס קניע און קוקט אַרויף צו איהם מיט אַ קינדיש־ערנסטער מינע אויפ׳ן געזיכט, ווי ער וואָלט געהאָלפען דעם טאַטען קלערען איבער עפּעס אַ זעהר וויכ־טיגען ענין...

זעלטען ווען דער פאָטער כאַפּט זיך, אַז דאָס קינד שטעהט לעבען איהם. ווען ער כאַפּט זיך שוין יאָ, לאָזט ער אַראָפּ צו איהם די אויגען, גיט איהם אַ צערטליכען גלעט איבער׳ן פּנים׳ל, אַ פיהר אַ דורך די האַנט איבער די ווייכע, בלאָנדע, געקרייזעלטע הערעלעך. דאָס קינד גיט אַ צופרידענעם שמייכעל מיט אַ שטי־לען אויסרוף: „פּאַפּאַ!“ און בלייבט ווידער שטיל.

דערפאַר הערט זיך פון אַ צווייטען צימער דאָס פרעהליכע לאַכען און דאָס לוסטיגע אַרומשטיפען פון דער מאַמען מיט דעם טעכטערעל, אַ קינד פון אַ יאָהר זעקס, געראָטען אין אויסזעהן

און נאַטור אין דער מוטער.ביידע, די מאַמע מיט דער טעכטערל, לויפן אַרום איבער'ן צימער, שלאָגן זיך אָן איינע אין די אַנ־דערע, וואַרפן זיך אום. די מוטער פאַלט אויפ'ן בעט, שלעפּט מיט דאָס קינד, וויל זיך דאָס קינד אַרויסרייסן, לאָזט עס די מוטער ניט. צעשרייט זיך עס, ווערט אַ קוויטשעריי, פּאַטשט עס מיט די הענטלעך, צעלאַכט זיך עס אויפ'ן קול און די מאַמע נאָך. ווערט אַ טומל, ווי ביידע וואָלטן זיך אָפּגערעדט אָפּצורע־כענען זיך מיט'ן טאַטן און מיט'ן זוהנדעלע, וואָס זיי זיצן דאָרטן ביידע אַזוי שטיל און שווייגן גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען..

טרעפט אַמאָל, אַז עס קומט געזעלשאַפט, ווערט די פרוי „ביזי“, זי נעהמט אויף די געסט, פאַדעט אַרום זיי אַרום, זאָגט יעדן אַ גוט וואָרט, געפינט פאַר יעדן אַ וויץ... עס בילדעט זיך באַלד אַ „קראַוד“ אַרום איהר. זי ווערט דער מיטעל־פּונקט... יעדערער זוכט צו איהר צו רעדן. זי ענטפערט יעדן פריינדליך, שמייכעלט און מאַכט חנ'דלעך. מאַכט מען איהר קאָמפּלימענטן, צעלאַכט זי זיך... ווערט היימליך... נאָכדעם שטויסט זי אַלעמען צו צום טיש, דערלאַנגט גוטע זאַכן... נעהמט דער עולם אין מויל אַריין... זאָגט מען אַז ס'איז אויסגעצייכנט... צעלאַכט זי זיך ווידער און דערלאַנגט נאָך. ווערט מען פרעהליך, צערעדט מען זיך, דערבאַטירט מען, און באַלד צעזינגט מען זיך... קען די פרוי שעהן זינגען, זינגט זי מיט מיט אַלעמען. בלייבן אַלע שטיל וויל מען הערען ווי זי אַליין זינגט... פאַרשעהמט זי זיך כלומר'שט און הערט אויף... פאַנגען איהר אָן אַלע בעטן זי זאָל נאָך עפּעס זינגען און טאַקע אַליין... לאָזט זי זיך לאַנג ניט בעטן און צעזינגט זיך אַזוי האַרציג־שעהן ווי אַ פויגעלע... און איהר געזיכט ווערט אַלץ העלער — און איהרע אויגן גליהען און פאַרשפּרייטן אַ וואַרימע ליכט איבער'ן הויז... איהרע בליקן נעהמען יעדן איינציגען דורך... איהר קערפּער בויגט זיך און באַ־וועגט זיך און מאַכט פאַרשידענע חנ'עווידיגע מאַניערן אַזוי, אַז יעדער איינציגער בלייבט זיצן ווי באַרוישט פון רויטען וויין...

ווען זי ענדיגט, געדויערט אַ פּאָר מינוטן איידער די גע־

זעלשאפט קומט צו זיך און פארהילכט די הויז מיט בראוואָ און ביס־געשרייען און אפּלאָדיסמענטען.

און דאָס קינד, דאָס שעהנע טעכטערל, פּלאָנטערט זיך די גאַנ־צע צייט לעבען די געסט, טרעט ניט אָפּ פון דער מוטער, דרעהט זיך און מאכט נאָך אלע באוועגונגען פון דער מוטער, העלפט מיט־זינגען און מיט — פּאַטשען בראוואָ. און אלע לאכען, כאפּען איהר אויף די הענט און גלעטען איהר און קושען איהר און הויבען איהר אין דער לופטען.

און דער פאָטער, ווי זיין שטייגער, זיצט דאמאָלסט ביים טיש מיט זיין שטילער פארטרוימטער מינע... מיט א טיעפען צוריקגעהאלטענעם בליק קוקט ער אריין דעם מאָל, אין א בוך פּאָעזיע. און נאָר צייטענווייז ווערט ער מיטגעריסען פונ׳ם טומעל און ליארעם ארום איהם.

און ווען ער הויבט א מינוט אויף די אויגען, וועלכע ער לאָזט גלייך צוריק ארונטער, באגעגענט ער זיך מיט די שטילע בליקען פון זיין אינגעלע, וועלכער שטעהט דאמאָלסט, ווי אימער, ביי זיין זייט און קוקט אויף איהם אזוי שטום... און ס׳דאכט זיך, ווי די בליקען זיינע וואָלטען פרעגען: פארוואָס, פּאפּא, ביזטו אין גאנצען אנדערש פון אלע פּאפּעס? און פארוואָס בין איך ניט אזוי ווי מאמא און די שוועסטערל? פארוואָס?...

אונזערע מענשען

ארײנגעקוקט האָט מאָרים כלומר'טש אין בוך, אָבער די געדאנקען זענען איהם געװען פארנומען מיט עפּעס אנדערש. עך, צום טײפעל זאָל עס געהן! — האָט ער געטראכט — װי אנדערש עס איז אלץ געװאָרען דורך דער צײט, װאָס ער ארבײט ניט. עפּעס די גאנצע אטמאָספערע איז איבערגעאנדערש געװאָרען, צום בײזען, צום ערגערען, גלײך װי א בײזער גײסט װאָלט ארומגעשװעבט איבער'ן הויז, צעשטערט און חרוב געמאכט אלץ, װאָס איז ביז איצט געװען אזוי שעהן, רוהיג און אײנגעאָרדענט.

זי, זײן העלען, דאכט זיך איהם אויס, איז אויך אנדערש געװאָרען... עפּעס איז זי ניט דאָס װאָס געװען. זי װיל, דאכט זיך, זײן צו איהם פרײנדליך, גוט, געהט אָפּט צו איהם צו, לעגט ארויף איהר האנט אויף איהם, גיט איהם א צופּ בײם נאָז, װארפט ארונטער זײנע ברילען.

אָבער פּלוצלינג װערט זי ערנסט, פארטראכט זיך.

און מאָדנע איז איהר דאמאָלסט אנצוקוקען װען זי פארטראכט זיך. איהר געזיכט װערט אזוי בלײך, — איהר אויסזעהן אזוי קרענקליך. — עס דאכט זיך איהם אויס, אז עס איז גאָר ניט די זעלבע העלען — ער איז איהר שטענדיג געװואוינט צו זעהן א שטיפערקע, א לאכערקע, און לאכט זי, באקומט זי קאָלירען.. זעהט זי דאמאָלסט אויס לעבעדיגער און אינטערעסאנטער... איהר ברוסט באװעגט זיך האסטיג, און איהרע אויגען גליהען מיט אזא רײץ און חן, װי אין דעם ערשטען טאָג נאָך זײער חתונה... — —

א קלאַפּ אין טיר האָט איהם פון זײנע געדאנקען אויפגערײסען. העלען איז ארײנגעקומען פון גאס מיטברענגענדיג מיט זיך

פאַרשידענע זאַכען, וואָס איז נויטיג געווען אין הויז. איהר שוין לאַנג אָפּגעטראָגענער מאַנטעל איז געווען נאָס פון דעם רעגען, וואָס עס איז געגאַנגען אין דרויסען, און אויף איהרע טונקעל־ברוינע האָר זענען געהאַנגען טראָפּענס, וועלכע זענען דורך דעם האַלב־צעריסענעם אמברעלאַ דורכגעפאַלען.

מאָרים האָט אויף איהר אַ בליק געוואָרפען און זיך שיער, שיער ניט צעלאַכט — ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ פאַל, ווי מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, איידער זיי האָבען נאָך חתונה געהאַט, זייענדיג גוט אויפגעלעגט, האָבען זיי אין אַ רעגען־טאָג גענומען ביידע די אמברעלאַס און זענען אַוועק אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק אריין.

שפּאַצירענדיג אַ לענגערע צייט, האָבען זיי ביידע זיך אַוועקגעזעצט מיעדע אויף אַ באַנק, האַלטענדיג די אָפענע אמברעלאַס איבער די קעפּ, — זיך גוט צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע, און דער רעגען האָט איבער זיי געגאָסען און זיי ביידען נאָס געמאַכט. — אָבער ווער האָט דען דאַמאָלסט די נאַסקייט געפיהלט? עס איז געווען גוט צו זיצען אַזוי אונטער'ן רעגען און זיך ליעבען און קושען...

שטונדען לאַנג זענען זיי דאַמאָלסט אַזוי אָפּגעזעסען.

און פונקט איצטער קומט עס איהם ארויף אויפ'ן זינען — און ער האָט זיך גאָר פּלוצלינג שיער ניט אַזוי משונה'דיג ווילד צעלאַכט, — איצט, ווען זי וואָלט זיך פון זיין געלעכטער געפיהלט אַזוי געקרענקט און באַליידיגט.

ער האָט שטייף פאַרביסען זיינע ליפּען.

„עך, ווי מאָדנע איך בין, — האָט ער זיך אַליין גענומען זידלען אין געדאַנק. — ליגט אַ גרויסער מענש אויף דער זאָפע אָהן ארבייט, האַלט אַ בוך אין האַנט און לעזט ניט — דאַרף געהן זוכען ארבייט און זוכט ניט, — נאָר טראַכט און טראַכט פאַרשידענע נאַרישקייטען. אָט, למשל, ווי דאָס ווייב זעהט אויס, ווען זי לאַכט, און פון ווינט, און פון רעגען, און ווייסט נאָך דער שוואַרץ יאָהר פון וואָס. — און יעדע זאַך מאַכט אויף איהם אַן איינדרוק, — קריצט זיך איין טיעף אין זיין מוח, ווירקט אויף אַלע זיינע נערוועןאון צעטרייסעלט איהם. — מאַכט איהם מאַנכעס מאָל שיער ניט

ווילד און משוגע, וואָס פאַרט וועט זיין דער סוף? פאַר וואָס איז ער ניט ווי אַן אַנדערער?

העלען איז צו איהם צוגעגאַנגען און זיך לעבען איהם אוועקגעזעצט. זי איז געווען ערנסט, שטיל און פאַרטראַכט.

ער האָט אַוועקגעלעגט דעם בוך און שטום איהר אָנגעקוקט...

אַ לענגערע צייט האָבען זיי ביידע איינע די אַנדערע געקוקט אין די אויגען אַריין, ווי זיי וואָלטען עפּעס געזוכט איינע ביי די אַנדערע אויסצוגעפינען.

אין שטוב איז שטיל געווען און דריקענד. — פון קיך האָט זיך געהערט דאָס סיקען פונ׳ם וואַסער, וואָס זי האָט צוגעשטעלט טיי אָנצוואַרימען. דער רעגען האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט און געקלאַפּט אין די שויבען.

— דו ווייסט וואָס מיר פאַלט איין? — האָט ער ענדליך, נאָך אַ לענגערען שווייגען און פאַרקלערט זיין אַרויסגערעדט.

— וואָס אַ שטייגער, לאָמיר הערען! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן נייגעריג.

— מיר פאַלט איין, אַז מיר זאָלען זיך גאָר אין גאַנצען צושיידען.

— אָה, וואָס פאַר אַ ווילדער איינפאַל! — האָט זיך העלען צעלאַכט. — קיין בעסערען שפּאַס האָסטו שוין ניט געקענט אויסטראַכטען?

— לאָך ניט! עס איז ניט קיין שפּאַס! עס איז מיין באַשלוס —איז ער ערנסט געוואָרען — טאַקע, נו, איך פרעג דיר, צו וואָס באַדאַרפסטו מיר? וואָס פאַר אַ גוטעס טו איך דיר? וואָס פאַר אַ גליק ברענג איך דיר? עס איז אַ פּיינליך און שווער געמוטשעט לעבען. אונזערע מענשען... עך!... מיר טויגען זיך ניט באַזונדער — און צוזאַמען טויגען מיר זיך נאָך מעהר ניט.

העלענ׳ס געלעכטער איז פּלוצלינג איבערגעריסען געוואָרען, אַ ווייל האָט זי איהם אָנגעקוקט עפּעס מאָדנע און מיט שרעק... און פּלוצלינג זיך הויך און היסטעריש צעוויינט.

מאָריס איז אַ צעטומעלטער געוואָרען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער איהר געהערט אַזוי וויינען.

— נו, שאַ! שאַ! — איז ער צו איהר צוגעלאָפּען און מיט קושען און גלעטען זי געזוכט איינצושטילען — וואָס פאַר אַ מאָדנע דו ביזט! מיר זענעןביידע מאָדנע. מיר זענען ניט גלייך צו אַלע אַנדערע מענשען און דערפאַר באַהאַנדעלט אונז דאָס לעבען אויך ניט גלייך מיט אַלעמען.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער זזשען פון וואַסער, וואָס האָט געזידט און שיער די כלי ניט צעזעצט פון היץ און פּאַרע.

— און דו האָסט גאָר פאַרגעסען דערוויילע דאָס טיי אַרונטער־צונעהמען — האָט ער איהר דערמאָנט.

אין אַ פּאָאַר מינוטען אַרום זענען זיי שוין ביידע געזעסען ביים טיש און מיט לייכטענדע פּנים'ער געגעסען און געטרונקען הייסע טיי מיט ברויט, געלאַכט און זיך געוויצעלט ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט.

— מאַך עס שנעלער! — האָט ער איהר אונטערגעיאָגט — מיר באַדאַרפען נאָך היינט געהן אין לייברערי נעהמען אַ פּאָאַר ביכער.

— און וואו האָלטסטו מיט דיין בוך?

— מיט מיין בוך בין איך שוין באַלד צו ענדע! — האָט זי שפּאַסענדיג מיט איהם, זיך צעלאַכט מיט איהר געוועהנליכען גע־לעכטער.

— וואָס דען? וואָס... וואָס... אונזערע מענשען... ביכער לעזען מיר... פון וואַנען וואָלטען די לייברעריס געמאַכט אַ לעבען ווען ניט מיר?... אונזערע מענשען...

„אונזערע מענשען!"... האָט זי איהם שטיפעריש נאָכגעקרימט.

און ביידע האָבען זיך גענומען אָנטאָן אויף אַ שפּאַציר אַרויסצוגעהן.

— פאַרגעס ניט דעם אמברעלא — האָט ער איהר דערמאָנט.

— מיר געהען אין פּאַרק, געדענקסט ווי דאַמאָלסט...

אַ געלעכטער האָט זיי ביידען פון הויז אַרויסבאַגלייט.

אין דעם נאָמען פונ'ם קינד...

זונטאג נאָך מיטאָג איז בוימאַן, אַן אויסגעפּוצטער מיט'ן שטעקען אין האנט, מיט א פּאַרדרעהטען שלייף אונטער'ן ווייכען, ניט שטארק ריינעם קאָלנער, געקומען צו זיין ווייב, מיט וועלכע ער איז שוין א לענגערע צייט געווען צושיידט, כלומר'שט געוואָר ווערען צום קינד.

געוואוינט האָט די פרוי ביי איהרע א באַקאַנטע פאַמיליע, וועלכע פלעגט, פאַרשטעהט זיך, פאַר גוט געצאָלט אויפּפּאַסען אויפ'ן קינד אין דער אבוועזענהייט פון דער מוטער, וועלכע פלעגט געהן ארבייטען.

ווען בוימאַן איז אריינגעקומען האָט ער די פרוי מיט'ן קינד ניט געטראָפען, זיי זענען געווען ערגעץ אוועקגעגאַנגען אויף א שפּאַציר. האָט זיך בוימאַן אוועקגעזעצט, גענומען איינ'טענה'ען מיט דער פאַמיליע, וועלכע האָבען איהם גוט געקענט און ער זיי אויך דאָס זעלבע.

— וואָס מאַכט עפּעס דאָס קינד? — האָט ער ביי זיי א פרעג געטאָן, און דאָס וואָרט „קינד" א קוועטש געטאָן אזוי, אז עס זאָל הייסען, אז ער פרעגט טאַקע נאָר דורכאויס אויפ'ן קינד, ניט חס ושלום אויף זיין פרוי. וועגען זיין פרוי קימערט ער זיך ווייניג.

— ס'קינד? וואָס זאָל עס מאַכען? עס איז א שעהן קינד, און קלוג איז עס טאַקע נאָר ווי... — האָט די מיסעס האַלפּער, די בעל־הבית'טע פונ'ם הויז, געענטפערט און ניט געקענט אויף דער מינוט געפינען קיין פאַרגלייך ווי קלוג עס איז דאָס קינד.

— און פאַר וואָס האָט איהר זיך אזוי לאַנג ניט געוויזען?

— האָט די מיסעס האַלפּער איהם געפּרעגט און זייטיג אויף איהם א קוק געטאָן.

— אָט, קיין צייט ניט געהאט... איהר ווייסט דאָך אונזערע מענשען, שטענדיג פאַרדרעהט... אָט איז א לעקטשור, א קאָנ־צערט, אַן אונטערנעמונג. מען לעבט דאָך עפּעס אין א געזעלשאַפט.

די מיסעס האַלפּער האָט איהם מעהר גאָר ניט געפרעגט און מעהר גאָר ניט געענטפערט. געווים ווייסט זי אָט וועגען די אַלע זאכען. זי האָט שוין גענוג ערפאַרונגען געהאט אָט אין דעם קרייז. זי איז שוין אפילו ניט איינמאָל צושיידט געוואָרען מיט איהר מאַן און זיך געפונען אָט אין דער זעלבער לאַגע, ווי זיין פרוי געפינט זיך איצט, מיט א קינד ביי א באַקאַנטע פאַמיליע. איז געגאַנגען ארבייטען און ענדליך זיך צוריק צוזאַמענגעקומען אינ׳ם נאָמען פונ׳ם קינד... ווי קען עס דען אַנדערש זיין, ווען מען לעבט אָט צווישען די קרייזען.

זי ווייס אפילו די אורזאכע פון זיין איצטיגען באַזוך. זי קען זיי שוין...

דער בעל־הבית פון דעם הויז, מיסטער האַלפּער, האָט זיך ווייניג וואָס אָפּגעגעבען מיט׳ן „גאַסט". זיין מיינונג וועגען אָט די דאָזיגע „אונזערע מענשען" האָט זיך, נאָך פיעל ביטערער ערפאַהרונג און ענטוישונג, לאַנג געענדערט. איהם האָט זיך שוין געוואָלט לעבען רוהיג אין זיין היים מיט זיין פרוי און קינדער, דערווייטערט אָט פון די מאָדערנע מענשען, וועמענס אַנשויאונגען האָבען איהם גענוג טייער געקאָסט.

— און איהר, מיסטער האַלפּער, איהר שווייגט עפּעס גאָר.

— האָט בוימאַן ניט געקענט פאַרטראָגען זיין שווייגען — אָט ווי א מענש האָט זיך געביטען! אַמאָל, אז מען פלעגט אייך באַגעגענען, האָט איהר געהאט עפּעס וואָס צו זאָגען. און היינט? וואָס איז געוואָרען מיט אייך, מיסטער האַלפּער? — האָט בוימאַן דערענדיגט פאַררויכערענדיג א סיגאַרעט און דערלאַנגענדיג איינעם מיסטער האַלפּער׳ן.

— הם... איך דאַנק! איך רויכער ניט מעהר — האָט האַל־פּער א ברום געטאָן פאַרטיעפענדיג זיך אין א צייטונג.

— וואָס־זשע, רויכערען רויכערט איהר שוין אויך ניט?

— דאָס רויכערען איז מיר מעהר ניט נויטיג.

בוימאַן האָט גענומען פיהלען אומבאקוועם.

„אַן אידיאָט! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — אָט וואָס עס איז געוואָרען פון איהם!"

בוימאַן'ס פרוי מיט'ן קינד זענען דערווייל אריינגעקומען.

די פרוי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ טונקעל־בלוי קלייד, וואָס זי האָט אַליין אויפגענעהט און וואָס האָט זעהר שעהן געפּאַסט צו איהר שוואַרץ־חנ'עוודיגען פּנים. איהרע האָר זענען געווען האַלב־אָפּגעשאָרען, וואָס האָט איהר געגעבען דאָס אויסזעהן פון אַ דערוואַקסען פאַרקלערט קינד, וואָס הויבט שוין אָן צו פאַרשטעהן און צופיהלען די ליידען פון דער וועלט.

דאָס דריי־יאָהריגע קינד, וואָס האָט אויסגעזעהן שטאַרק ענליך צו דער מוטער, האָט ניט באַוויזען קיין צייכען פון קינ־דערשער פרייד. דערזעהענדיג דעם פאָטער, וועלכען ער האָט אַזוי ווענינ געקענט, איז עס געבליבען שטעהן שטיל און רוהיג לעבען דער מאַמען צופּענדיג מיט'ן קליינעם פינגערעל דער מוטער'ס קלייד.

מאַן און פרוי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט די בליקען...

„ווייזט אויס ניט שלעכט! — איז איהם דורכגעפלויגען אַ געדאַנק — האַלט זיך גאַנץ גוט".

ער האָט דערפיהלט די מינוט ווי צו צוגעהן צו איהר, אַרומ־נעהמען איהר רונדען האַלז, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהן פון אונ־טער די געשוירענע האָר. ער האָט אָבער גערעכענט, אַז עס איז גלייכער דערווייל זיך צו האַלטען פון דער וויטען.

— און וואָס מאַכסטו עפּעס, סיאָמע? — האָט ער זיך אויפהויבענדיג פון אָרט געווענדעט צום קינד, אָנגענומען עס פאַר'ן הענטעל און געגלעט.

און מערקווירדיג. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געגלעט דאָס קינד, האָט ער גאָר אין זינען געהאַט די מוטער... געזוכט אַ וועג ווי אַזוי נאָר מיט „זיין פרוי" צו בלייבען אַליין, אָהן דער אַנוועזענהייט פון די הויזיגע.

און ווי די פרוי וואָלט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען, האָט זי אַרויסגערעדט:

— דאָס קינד איז מיעד. מען באַדאַרף עס לעגען שלאָפען.

זי האָט דאָס קינד אַריינגעפיהרט אין איהר צימער. ער איז איהר שטיל נאָכגעגאַנגען, פאַרמאַכענדיג הינטער זיך די טיר.

בוימאַן האָט דאָס קינד גענומען אויפ'ן האַנט און עס גע־קושט. און בשעת מעשה געטראַכט, ווי מאָדנע עס איז צו קושען אַ קינד, ווען מען פיהלט זיך פון דעם אַזוי פרעמד און דערווייטערט.

דאָס קינד, זיך צוריקציהענדיג, האָט איהם אָנגעקוקט מיט האַלבע אויגלעך פרעמד און קינדעריש צעשראָקען.

די מוטער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט. זי האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער'ן צימער, געטאָן עפּעס אַן אַרבייט, וואָס זי איז אַליין ניט זיכער געווען צי מען דאַרף עס טאָן.

— דאָס קינד, דאַכט זיך, זעהט אויס זעהר שלעכט? — האָט בוימאַן אַרויסגערעדט סתם עפּעס צו זאָגען.

— ווי דען האָסטו געוואָלט, זאָל עס אויסזעהן, אַז דאָס קינד האָט ניט קיין היים? — האָט די פרוי זיך אָנגעכאַפּט.

— איך בין אין דעם ניט שולדיג! — האָט ער אַרויסגע־רעדט ווי זיך צו פאַרענטפערען.

— ווער דען איז שולדיג אין דעם? — דו ביזט דאָך אַ טאַטע! — האָט זי מיט האַלבען פאָרוואורף געענטפערט.

— פון מיינט וועגען האָבען מיר געמעגט וואוינען צוזאַמען און דאָס קינד האָט געקענט האָבען אַ היים, ניט זיך וואַלגערען ביי פרעמדע.

— איצט זאָגסטו אַזוי. אָבער דאַמאָלסט וואָס האָסטו גע־זאָגט? אַז דו קענסט ניט און דו האָסט ניט קיין געדולד די הויז אויפצוהאַלטען. אַז די הויז איז געבויט פאַר בעל הבית'ישע מענשען, ניט פאַר פרייע מענשען, וועלכע האָבען אַ ברייטערען בליק אויפ'ן לעבען. עפּעס אַ קלייניגקייט פרייהייט, וועלט־אַנשוי־אונגען!...

— יאָ, אָבער איצט איז עפּעס אַנדערש... מיר האָבען פליכ־טען. פליכטען צום קינד, וואָס איז דאָך אין גאַנצען אומשולדיג...

די פרוי האָט געשווינגען. עס האָט זיך איהר געגלוסט צו לאַכען, הערענדיג ווי ער, בוימאַן, רעדט וועגען קינד און פליכטען.

ער, וועמען זי האָט ווירקליך אַזוי שטאַרק געליעבט, מיט וועמען זי האָט זיך פריי פאַרבונדען דורכאויס צוליעב איהר ליעבע צו איהם, און פאַר וועמען זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט געאַרבייט, אַבי די היים אויפצוהאַלטען, און ער ?... נאָכדעם ווי ער האָט איהר אַזוי לאַנג אויסגענוצט, האָט ער איהר מיט'ן קינד, וואָס זי האָט פון איהם געבוירען, איבערגעלאָזען מיט'ן געוועהנליכען תירוץ, אַז זיין ליעבע צו איהר איז אָפּגעקיהלט געוואָרען און ער געפינט זיך באַרעכטיגט אוועקצוגעהן.

אוועקגעגאַנגען און זעלטען ווען אפילו דאָס קינד געקומען זעהן. שוין ניט רעדענדיג פון מאַטעריעלע הילפע פאַר'ן קינד.

און איצט, צו וואָס איז ער געקומען ? זי וויס... פאַרבענקט נאָכ'ן קינד האָט ער זיך אודאי ניט. ער וויל איהר ווידער האָבען, ווידער באַזיצען.

און נאָכדעם ? — נאָכדעם מן הסתם וועט ווידער זיין ליעבע צו איהר אָפּגעקיהלט ווערען. קיין געפיהל פון אַ מאַן און אַ פּאָטער, ווייס זי, האָט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט.

און דאָך... און דאָך וועט זי איהם לאָזען איהר ווידער אָפּ־נאַרען... זי וועט זיך מאַכען, אַז זי פאַרשטעהט איהם ניט, ווייל... ווייל זי קען זיך אַנדערש ניט העלפען. עס איז איהר שוין מיאוס געוואָרען וואוינען ביי איהרע פריינדע אין הויז...

דאָס קינד איז דערווייל איינגעשלאָפען ביים פּאָטער אויף די הענט. און ווען די מוטער איז צו איהם צוגעגאַנגען דאָס קינד פון זיינע הענט אַרונטערצונעהמען, עס שלאָפען צו לעגען, האָט ער זי, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, אַ כאַפּ געטאָן, אַ ציה געטאָן זי נעהנטער צו זיך, געדריקט און געקושט אָהן אַן אויפהער.

זי האָט זיך ניט געוועהרט.

דאָס קינד איז רוהיג און שטיל געשלאָפען אינ'ם קינדערשען בעטעל איינגעוויגט אין אַ ריינעם קינדערשען חלום.

צוגאַסט ביי זיין ווייב

שטיל, ניט זיכער האָט מאַקס קליין, אַ שוואַך אויסגעדאַרט מענשעל, אָנגערונגען דאָס גלעקעל און איז אָהן כח געבליבען שטעהן וואַרטען הינטער'ן טיר.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפענט.

פאַר איהם איז געשטאַנען זיין פרוי מיט וועלכער ער איז שוין אַ לאַנגע צייט געווען צושיידט, אַ פולע, אַ רונדע מיט אַ קלאָר ווייסען, ליכטיגען פנים און לעבעדיגע ברענענדע ליידענשאַפטליכע אויגען..

אויף זיין „האַו דו יו דו!" האָט די פרוי איהם קורץ און גלייכגילטיג אין אַ קוים הערבאַרע שטימע אַ זאָג געטאָן, „אָל־רייט!" און ניט קוקענדיג אפילו צו זיין זייט, האָט זי זיך גע־לאָזט געהן אין פאָראויס... ער — הינטער איהר...

— זענען די קינדער דאָ אין הויז? — האָט ער איהר נאָכ־פאָלגענדיג אַ פרעג געטאָן — און די ווערטער „זענען די קינדער" שטאַרק באַטאָנט כדי איהר צו געבען צו פיהלען, אַז זיין קומען איז אייגענטליך ניט צוליעב איהר, נאָר דורכאויס צוליעב די קינ־דער, וועלכע ער איז דאָך וועניגסטענס באַרעכטיגט צו זעהן.

— די קינדער זענען אין „יאַרד", זיי שפּיעלען זיך דאָרט! האָט די פרוי אָפּגעענטפערט — און אַריבערבויגענדיג זיך איבער'ן פענסטער צום „יאַרד" אַרויס, האָט זי אַראָפּגעשריען: קינדער, קומט אַרויף! „ער" איז געקומען!

דאָס וואָרט „ער" האָט איהם אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען, און שטעכען פלעגט עס איהם שטענדיג, ווען ער פלעגט פון איהר אָט דעם קורצען אויסדרוק וועגען איהם, „ער", דערהערען.

„וואָס־זשע, איז ער שוין גאָר קיין טאַטע ניט? — פלעגט איהם אַן עגבער געבען אין געדאַנק — האָט ער מיט איהר ניט

אָפּגעלעבט מעהר ווי צעהן יאָהר צוזאַמען, געאַרבייט ווי אַ פערד, אויסגעהאַלטען אַ הויז און געטאָן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט, זיין פרוי און קינדער צו באַזאָרגען. אי, זי איז נאָכדעם משוגע געוואָרען, עס האָט זיך איהר פאַרגלוסט יונגערס, פרישערס און שעהנערס, טאַ וואָס איז ער שולדיג?...

די קינדער, דריי אין צאָל — צוויי אינגלעך מיט אַ מיידעלע פון פיער ביז ניין יאָהר אַלט, — אַלע געראָטען אין דער מאַמען, זענען מיט ליארם און געפילדער געקומען ארויפצולויפען פון יארד, אויסגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע האָבען זיי זיך ארומגעשטעלט ארום פאָטער, וואָס איז געזעסען אויף'ן ראַקינג טשער אַ מיעדער, אַ קינדערש־הילפלאָזער און זיך טרויעריג געוויגט.

די קינדער, מיט גלאַנציגע אויגעלעך, האָבען געוואָרפען פאַר־גנב'עטע בליקען אויפ'ן טאַטענס קעשענעס, פון וועלכע עס האָבען ארויסגעשטאַרצט קינדערשע שפּיעלצייג און „באַקסעס“ קענדי, און איינע מיט די אנדערע זיך כיטרע איבערגעוואונקען...

דער פאָטער האָט די קינדער געקושט, און זיי איינע נאָך די אנדערע צוגעדריקט צו זיך... זיי געגלעט און געצערטעלט מיט ליעבליכקייט און ווארימקייט, און ניט אויפגעהערט צו מורמלען: „מיינע אָרימע קינדערלעך!“

און וואָס מעהר ער האָט די קינדער געגלעט און געצערטעלט, אַלץ עלענדער און הילפלאָזער האָט ער זיך געפיהלט, אַלץ שוואַכער און קלענער האָט ער אָנגעהויבען אויסצוזעהן אין זיינע אייגענע אויגען...

און געטראַכט האָט ער מיט וועה: אַט אַ טאַטע! אַן אומ־גליקליכער און פאַרשטויסענער פון זיין אייגענער היים, פון זיין אייגענע פרוי און קינדער, פאַר וועלכע ער וואָלט גרייט געווען יעדע מינוט זיין לעבען מקריב צו זיין.

די קינדער זענען געוואָרען אומגעדולדיג... דאָס אינגסטע קינד, דאָס מיידעלע, האָט אָנגעהויבען מאַכען מיט די הענט, בעטען און שרייען: „פּאַפּאַ דאַל!“ די אינגלעך האָבען זיך אַ שאַר געטאָן נעהנטער צום פאָטער'ס קעשענעס, קלינגענדיג הויך אויף זייערע קינדערשע שטימעלעך: „פּאַפּאַ, קענדי!“

— אָה, איך האָב זיך גאָר פאַרגעסען! — האָט זיך דער פּאָטער אַ כאַפּ געטאָן און גענומען אויסליידיגען זיינע קעשענעס...

אין הויז איז געוואָרען אַ טומעל און אַ שמחה... איינס האָט געכאַפּט פון די אנדערע וויפיעל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די מוטער האָט זיי ניט געשטערט... זי איז געזעסען אריינגעבויגען מיט די אויגען אין בוך און זיי געלאָזט שרייען און פּילדערען און זיך פרעהען מיט׳ן טאַטען וויפיעל זייער הארץ געלוסט...

אָבער לאַנג האָט די שמחה ניט אָנגעהאַלטען... אזוי שנעל ווי זיי האָבען פון פּאָטער ארויסגעקראָגען אַלע גוטע זאַכען, זיך ווי עס איז צוטיילט און גוטע פריינד געוואָרען, זענען זיי אַלע מיט אַמאָל פאַרשווינדען פיעל שנעלער ווי זיי זענען געקומען.

דער פּאָטער איז געבליבען אין אַ פאַרלעגענהייט, ניט וויסענדיג וואָס ער זאָל אָנהויבען צו טאָן: געהן אָדער נאָך בלייבען אַ ווײלע.

עס איז איהם אזוי שווער געווען זיך צו צושיידען מיט דעם הויז, מיט דעם הויז, וואו ער האָט געלעבט אריבער צעהן יאָהר, געווען אַ פּאָטער פון שעהנע, ליעבע קינדער, אַ מאַן פון אַ שטילע, געטריע און געהאָרכזאַמע פרוי, מיט וועלכע ער האָט אזוי פיעל ליעבע און גוטע מינוטען פאַרבראַכט, און מיט וועלכע ער האָט געדענקט, אַז ער וועט שוין די יאָהרען אויסלעבען, צוזאַמען די קינדער ערציהען, חתונה מאַכען און האָבען נחת פון זיי.

און מיט אַמאָל אַזאַ אומגליק!

איהר פּלוצלינגע באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם פרייגעזאָגענעם פריידקינען, וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג צו זיי אין הויז אריינגעריסען, האָט איהר דעם קאָפּ איבערגעקערט, איהם פאָלשטענדיג פאַרניכטעט, זיין לעבען צעשטערט און זיין היים צעבראָכען.

און איצט קומט ער אהער אַלס גאַסט, אַלס אַ פרעמדער, אַלס אַן איינגעבעטענער, זיינע אייגענע קינדער זעהן... און אזוי שנעל ווי ער ווערט מיט זיי פאַרטיג, מוז ער צוריקקערען אהיים... „אהיים“? וואו האָט ער דען איצט אהיים? אַליין זיצט ער דאָרטען ערגעץ אין זיין קליינעם חושך׳דיגען ווינקעל, אַן עלענדער, אַ פאַרגעסענער...

און זי דאָ, לעבט אַ גוטען טאָג מיט איהם, מיט זיין אומגליק־ברענגער, מיט זיין היים־צעשטערער.

ניט ווילענדיג פאַלט זיין בליק אויף איהר, איהר פּנים איז דאַכט זיך, נאָך קלאָרער געוואָרען, איהר קערפּער פולער, רונדער און בלוטרייכער... אויסגעפּוצט אין אַ דורכזיכטיגע ראָזע־קאָליר ווייסטעל, די האָר שעהן פאַרקאַמט, זיצט זי און קוקט נאָך אַלץ בלומר׳שט אריין אין בוך און וואַרט מן הסתם אויף איהר געליעבטען.

עס איז איהם מיט אַמאָל שווער און ענג געוואָרען. זיין קראַנקע האַרץ האָט גענומען רעגען און ציטערען... אין האַלז דריקען און שטיקען, ווי עמיצער וואָלט איהם ביים האַלז אָנגע־כאַפּט.

ער האָט מעהר ניט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט. עס האָט איהם געדאַכט, ווי עפּעס ברענט און בראָט איהם און וואַקלענדיג זיך ווי אַ שיכור, האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך זיך פון אָרט אויפצוהויבען.

— ווענסטו אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי ? — האָט ער פּלוצלינג דערהערט איהר שטימע, וועלכע האָט איצט אַזוי קאַלט און פרעמד איהם געקלונגען אין די אויערען.

— אַ דאַנק, צו וואָס זאָלסטו... זאָלט איהר... זיך באַמיהען ?

— האָט ער שוואַך און שטיל אַרויסגערעדט צוריקפאַלענדיג אויפ׳ן טשער.

זיינע בליקען האָבען זיך באַגעגענט מיט איהרע, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז זי האָט אויף איהם געוואָרפען אַ בליק פול מיט רחמנות און מיטלייד, ווי זי וואָלט זאָגען: „נו, וואָס פון איהם איז דאָס געוואָרען !“

ער האָט זיך פאַרשעהמט פאַר זיך אַליין, פאַר זיין שוואַכקייט, פאַר זיין אומבאהאָלפענקייט, און געמאַכט זיך אַליין פאָרווירפע פאַר וואָס ער קען אין איהר אַנוועזענהייט זיך ניט צייגען דרייס־טער, שטאַרקער און מענערשער... זי זאָל אויף איהם ניט קוקען מיט אַזעלכע רחמנות׳דיגע בליקען.

אין דער זעלבער צייט האָבען איהם אָבער איהרע רחמנות־בליקען שטאַרק געלאַשצעט, אַרויסגערופען די ווייכקייט, די צערט־

ליבקייט, וואָס האָט איהם דערמאָנט אָן די צייט, ווען זי איז נאָך געווען זיין געטרייע פרוי, וועלכע פלעגט אזוי זאָרגפעלטיג ארומ־געהן ארום איהם, ווען ער איז נאָר אמאָל עפּעס ניט געזונד געווען...

טרערען האָבען זיך איהם אין די אויגען געשטעלט. ער האָט קיין כח ניט געהאט צו באהאַלטען אין זיך דעם טרויער און דעם וועהטאָג, וואָס האָט זיך ביי איהם אָנגעזאמעלט אין פארלויף פון זייער צושיידונג, און שיער־שיער ניט אויסגעפּלאַצט אין א געוויין.

די פרוי האָט עס באמערקט, און אין איהר הארץ האָט עפּעס א טרייסעל געטאָן — „ווי שוואך און צעבראָכען ער איז!" — האָט זי א טראַכט געטאָן, און געפיהלט האָט זי די מינוט, ווי צוצוגעהן צו איהם, ארומנעהמען זיין קראַנקען קאָפּ און איהם א הייסען קוש טאָן.

זי איז אָבער שטעהן געבליבען אויף אָן אָרט, מיט דער זעלבער רוהיגקייט און קאַלטקייט. „כ'טאָר עס ניט טאָן" — איז איהר בליץ־שנעל דורכגעלאָפען א געדאַנק — „ער וועט נאָכדעם נאָך פיעל מעהר ליידען און — ער מוז זיך דאָך אמאָל אָפּגעוואוינען, דער אומגליקליכער!...

„איבריגענס איז דאָס זיין שולד, זיין אייגענע שולד, וואָס עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזען. און איצט קען שוין אַנדערש ניט זיין!"

נאָר ווען זי האָט דערהערט ווי א שטאַרקער הוסט האָט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען, און באמערקט ווי ער קוקט בלייך און צעשראָקען אויף דאָס אויסגעשפּיגענע, איז זי צוגעגאַנגען צו איהם נעהנטער און איהם געפרעגט וואָס איהם איז.

— דורך דיר! — האָט ער ארויסגעכריפּעט, צייגענדיג דעם רויטען פלעק, וואָס ער האָט ארויסגעשפּיגען אויפ'ן האַנט.

זי האָט פארציטערט זיך א קער געטאָן פון איהם.

— דורך מיר?

— דורך וועמען דען? — האָט ער דורך טרערען ארויסגע־שלוכצט — באדאַרפסט עס נאָך פרעגען?

די פרוי איז אַנטשוויגען געוואָרען... אָפּקערענדיג דעם פּנים אָן א זייט האָט זי באהאַלטען געווישט מיט א טיכעל די אויגען.

דער מאַן איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָפּגעזונקען און מעהר ניט גערעדט... געטראַכט האָט ער: אַז איהם איז שוין אַלץ איינס ווער עס איז שולדיג — ער איז שוין סיי ווי סיי אַ פאַר־לאָרענער, אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער מענש, וואָס וועט שוין שטענדיג פאַרבלייבען אַליין אַן עלענדער און אַ הילפלאָזער.

— אַך! — האָט ער שטיל און פאַרצווייפעלט אָפּגעזיפצט.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלונג...

„ער געהט!"... האָט עפּעס אין איהם אַ ציטער געטאָן, און צוזאַמענגעהמענדיג אַלע זיינע קרעפטען, האָט ער זיך שנעל אַ הויב געטאָן פונ'ם אָרט און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

לויפענדיג אויף די שטיגען האָט ער דערהערט אַ גליקליכען אויסרוף: העללאָ, דאַרלינג! באַגלייט מיט אַ געזונדטען געלעכ־טער...

דער מאַן האָט שטאַרק איינגעדריקט די פויסטען און אַן איינ־געקאָרטשעטער פאַר ווייטיק זיך געלאָזט לויפען מיט שנעלע טריט...

די לעצטע נאַכט

עס איז ביי זיי געווען אָפּגעמאַכט, אַז מען זאָל דאָס קינד, וואָס זיי האָבען, אוועקגעגעבען ערגעץ צו אַ פרוי, וועלכע ער זאָל צאָלען דערפאַר וואָכענטליך, און דאַן זאָלען זיי זיך צוגעהן.

דער פּלאַן פון זיך צוגעהן, איז שוין ביי זיי אויסגעאַרבייט געוואָרען זייט אַ לענגערע צייט, נאָכדעם ווי זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז ווייטער לעבען צוזאַמען איז פאַר זיי אוממעגליך. ביידע צוגלייך קענען זיי שוין מעהר ניט דולדען דעם פּלאָנטער פון פאַמיליען־לעבען, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר איינגע־געסען אין זייערע לייבער און זיי נערוועז קראַנק געמאַכט.

עס האָט זיך זיי זעהר שטאַרק ניט געוואָלט איבעררייסען דעם באַנד פון פאַמיליען־לעבען, וואָס האָט זיי עטליכע יאָהר געהאַלטען צוזאַמען אין די נאָהנטסטע, אינטימסטע פאַרהעלטניסע. אַ קינד, אַ יונג, שעהן אומשולדיג נפש׳ל איז דאָך פון אָט דער צייטענווייז גליקליכער צייט און פריידיגע מאָמענטען, אויף דער וועלט געקומען. זיי ליעבען ביידע דאָס קינד, און טרוימען פון דעם שטענדיג, און דאָך...

און דאָך מוזען זיי זיך ביידע מיט דעם צושיידען, אוועקגעבען עס ערגעץ אין דער פרעמד און נאָר פון צייט צו צייט עס זעהן. ווייל... זיי ווייסען אליין ניט פאַר וואָס, קיין קלאָרען ענטפער קענען זיי ביידע ניט געבען.

אַמאָל דאַכט זיך זיי אויס, אַז די, אָדער יענע זאַך, איז די אור־זאַכע פון זייער צושיידונג. נעהמט מען זיך אויפוואַרפען איינע די אַנדערע די אורזאַכען, — האָט מען טענות איינע צו די אַנדערע. זענען אָבער די טענות ניט קיין גאַנצע, ניט קיין פאַרבונדענע — נאָר עפּעס שטיקלעך אָפּגעריסענע, ווי פון אַ בוך אַרויסגעריסענע

ווערטער, אָהן אַ צוזאַמענהאַנג פון אַ גלייכע ליניע. — ציהט ער אַרויף, ציהט זי אַראָפּ, און אַמאָל פאַרקערט. קומען צו אַ שלום, אויסגלייכען די סכסוכים קענען זיי ביידע ניט מעהר...

פון צייט צו צייט האָבען נאָך אפילו ביי זיי געטראָפען מאָמענטען, ווען עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זייער צוזאַמענלעבען קען נאָך ווי עס איז אויפגעהאַלטען ווערען, און מיט דער צייט קען אַלץ אויסגעגלייכט ווערען. — דאָס האָט זיך אָבער נאָר געטראָפען אין אַזעלכע מאָמענטען, ווען ביידע האָבען דערפיהלט שטאַרק די עלענדקייט פונ׳ם לעבען, — און אַ באַגעהר נאָך דאָס, וואָס קען זיי די מינוט זיין אָם־נאָהנטסטען, האָט אין זייערע הערצער אויפגעוואַכט. דאַמאָלסט פלעגען זיי ווידער ווערען איינס... עס פלעגט זיך זיי דאַכטען, אַז דאָס לעבען נעהמט זיך איינאָרדנען, ווי אין די ערשטע צייט נאָך זייער הייראַט. די געפיהלען, ווי אַמאָל, וועלען ווערען ליעב און פריינדליך איינע צו די אנדערע, און דאָס גלויבען און צוטרויען וועט זיך צו זיי צוריק אומקערען.

און ווידער וועלען זיי ווי צוויי חברים, איינע מיט די אנדערע פאַרברענגען אויפ׳ן פיינסטען און גייסטרייכסטען אופן. מען וועט זיך דערצעהלען איינע פאַר די אַנדערע פון די טיעפענישען פונ׳ם האַרצען. און ניט מעהר וועט די בייזע געהיימניספולע קראַפט, וואָס וויל זיי צושיידען, האָבען איבער זיי אַ שליטה.

אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט מען אָנהויבען איינע מיט די אַנדערע האַרציג צו רעדען. זיי פלעגען זיך דערמאָנען אָן פאַרשידענע זאַכען, אין וועלכע זיי האָבען אַמאָל ביידע געהאַט אַזאַ חבר׳שען אינטערעס. מען פלעגט אָנהויבען צו רעדען פון לעקטשורס, ליטעראַטור, דראַמאַ און פּאָעזי, פון וואָס זיי זענען ביידע געוועזען שטאַרקע ליעבהאָבער.

ביידע צוזאַמען פלעגען זיי אויפס־ניי אָנהויבען צו באַזוכען אָט די אַלע פלעצער, וואו מען האָט אַלעס געקענט זעהן און הערען. דאָס קינד פלעגט מען איבערלאָזען ערגעץ ביי אַ שכנה, אָדער סתם אַ גוטע באַקאַנטע, און אַרויסגעהן פון הויז פלעגט מען פרייע, אָפּטמאָל גליקליכע, אויפסניי אויפגעלעבטע מענשען, ביי וועמען דער לעבענס־פּולס שלאָגט נאָך שטאַרק און זיכער.

צוריקקערען אהיים פלעגען זיי זיך שוין אָבער ניט די זעלבע. עפּעס בייזעס, אומצופרידענעס איז געווען אָפּגעדריקט אויף זייערע געזיכטער... זייערע בליקען האָבען איינע אויף די אַנדערע גע־קוקט ענטוישט, ווי זיי וואָלטען אָנגעדייטעט: „עפּעס ניט דאָס“... ניט דאָס האָבען זיי געמיינט!...

נאָכדעם פלעגען נאָכפאָלגען אַ רייהע קאָנפליקטען, אויסרע־דענישען און קריגערייען... אַ שרפה פלעגט זיך צעפלאַקערען ניט וויסענדיג פון וואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבען און אוואו עס וועט זיך ענדיגען.

נאָך אַזעלכע פיעלע „שרפות“ האָבען ביידע געזוכט, ווי זיך צו ראַטעווען און קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך צושיידען האָבען זיי ניט געפונען.

עס איז געווען אַן אָווענט פאַר זייער צוגעהן זיך.

אַ פרוי פון מיטעלען געוואוקס, אַ דיקליכע, מיט זומער־שפּרינקלעך אויפ׳ן פּנים, איז געזעסען ביי זיי אין הויז און זיי אויסגעפרעגט וועגען זייער קינד.

— וויפיעל, זאָגט איהר, איז שוין אַלט אייער מיידעלע, זאָל געזונד און שטאַרק זיין?

— שוין 5 יאָהר! — האָט די מוטער ארויסגעזיפצט — שוין 5 יאָהר... אָט ווי די צייט פליהט... איהר פאַרשטעהט. מיר מוזען דאָס קינד אַוועקגעבען ניט פאַר קיין אַנדער אורזאַכע ווי...

דאָ איז די פרוי שטיל געבליבען. ניט קענענדיג געפינען די ריכטיגע ווערטער, ווי אַזוי פאַר דער איינפאַכער פרוי צו ערקלערען דאָס, וואָס איז אפשר פאַר איהר אַליין געווען אומבאַגרייפליך.

— און אַ קינד איז עס, ווי איהר זעהט, אַ שעהנעס און אַ גוטעס — האָט די מוטער פאַרדרעהט אויף אַן אַנדער זייט דעם געשפּרעך — איהר ווייסט, האָף איך, פון איהר קיין טראָבעל ניט האָבען — האָט זי דערענדיגט און דאָס קינד שטאַרק צו זיך צו־געדריקט און געקושט און געטוליעט.

— אָה, ווער זאָגט דען! — האָט די פרעמדע פרוי, אַ דריק טוענדיג מיט די אַקסלען, זיך אויפגעשטעלט, ארויפגעלעגט איהר

שווער אויסגעאַרבייטע האַנט אויפ׳ן קינד׳ס געקרויזטע זיידען־הערעלעך און גלעטענדיג גע׳טענה׳ט: אָה, זי וועט, זאָג איך אייך, ביי מיר האָבען אַ גוטע היים, ווי אַן אייגען קינד וועל איך זי האַלטען!

דאָס קליינע מיידעלע האָט דערשראָקען אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגעלעך אויף די פרעמדע אומבאַקאַנטע פרוי. און באַלד זענען איהרע קליינע בליקען געפאַלען, ווי צוויי אומשולדיגע פראַגע־צייכענס אויף דער מאַמען, און אויפ׳ן טאַטען, וואָס האָט, ווי וועלענדיג באַהאַלטען זיך, אַרומגעשפּרייזט שטילערהייט ערגעץ אין אַ זייטיגען ווינקעל פונ׳ם הויז, אָפּשטעלענדיג זיך אַלע ווײַלע לעבען אַ פענסטער, קוקענדיג פאַרטראַכט צום דרויסען, און געבענ־דיג אַלע ווײַלע אַ שטאַרקען ציה פונ׳ם סיגאַרעט, וואָס האָט זיך נערוועז געטרייסעלט אין זיינע הענט.

— בלייבט עס, הייסט עס, אַזוי. ברענגט איהר דאָס קינד צו מיר מאָרגען — האָט די פרוי שאַרענדיג זיך צום טיר באַשטימט — און פאַרגעסט ניט מיטצוברענגען איהרע זאַכען, אַז זי זאָל עס געזונד און שטאַרק טראָגען... גוט נאַיט!

— גוט נאַיט! — האָט איהר די מוטער אָפּגעענטפערט און איהר קאָפּ איז שווער אַוועקגעפאַלען אויפ׳ן טיש.

דאָס קינד האָט מיט שאַרפע ניט טרויענדע בליקעלעך נאָכ־געקוקט דער פרעמדער אַוועקגעהענדער פרוי, און מיט אַמאָל איינ־גראָבענדיג דעם קאָפּ אין דער מוטערס שויס, האָט זי זיך צעוויינט.

דער פאָטער האָט פון אַ זייט אַ וואָרף געטאָן אויף זיי אַ פּאָר בליקען און — פאַררויכערט אַ נייעם סיגאַרעט...

דעם אָוועגט האָבען מאַן און ווייב איינע צו די אַנדערע ניט גערעדט.

שטומערהייט האָט זי דאָס קינד שלאָפען געלעגט, עס גוט אָנגעקושט און זיך אין בעט געלעגט.

איינשלאָפען אָבער האָט זי ניט געקענט, זי האָט געטראַכט פונ׳ם מאָרגענדיגען טאָג, פון דער איבערקערעניש, וואָס געהט ווערען אין איהר לעבען.

מאָרגען — האָט זי געטראַכט — וועט אַלץ זיין צו ענדע, איהר היים און איהר רוה... — און — ווער ווייס, וואָס דאָס מזל האָט פאַר איהר באַשטימט אינ'ם פאַרלויף פון איהר ווייטערען, אפשר שוין שטענדיג איינזאַמען לעבען?

פון מאָרגען אָן, וועט זי באַדאַרפען אָנהויבען ווידער אַליין צו זאָרגען פאַר זיך, אָנפיהרען אַליין דעם קאַמפּף פאַר איהר עקזיס־טענץ... און ער... איהר מאַן... נו יאַ... מאָרגען...

און איבערמאָרגען וועלען זיי שוין ביידע וואוינען באַזונדער.

טראַכטענדיג וועגען איהר מאַן, האָט זי קיין שלעכטען גע־פיהל פאַר איהם ניט געהאַט. פאַרקערט, זי האָט געפיהלט, אַז די פעדים, וועלכע פאַרבינדען איהר מיט איהם, זענען נאָך אין גאַנצען ניט איבערגעריסען... וואו ניט וואו הענגט אָן אָפּגעריסענע פאָדים און עפּעס וואָס, איז אין זייער לעבען פאַרפּלאָנטערט גע־וואָרען. און פרופענדיג דעם פּלאָנטער אויפּפּלאָנטערען, זענען אַ פּאָר פעדים איבערגעריסען געוואָרען. אין אַלגעמיין זענען זיי נאָך צוגעבונדען איינע צו די אַנדערע. עס קאָן נאָך אפילו מעגליך זיין, אַז זיי וועלען זיך נאָך ווען עס איז, ווידער אמאָל צוזאמענ־קומען. דערוויילּ אָבער מוזען זיי זיך צוגעהן, ווייל... אַזוי וויל דאָס לעבען און די אומגעבונג פון דער צייט און — זאָל געשעהן וואָס עס באַדאַרף און מוז געשעהן!...

זי האָט נערוועז זיך אַ פּאָר מאָל אַ וואָרף געגעבען איבער די ברייט פונ'ם בעט, פאַרוואָרפען ביידע הענט איבער'ן קאָפּ אַזוי, אַז איהרע בריסט האָבען זיך שווער אַ טרייסעל געטאָן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און פּרובירט איינשלאָפען...

פון ווייטען האָבען זיך געהערט די שטילע און נערוועזע טריט פונ'ם מאַן, וואָס האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק איבער'ן הויז און גערויכערט סיגאַרעטס... און זיך געשלאָגען מיט דער פראַגע: „אַוואו זאָל ער די נאַכט שלאָפען?"...

„אייגענטליך — האָט ער געטראַכט — איז ער דאָך שוין דאָ מעהר ניט אָם פּלאַץ. ער פיהלט שוין די פרעמדקייט, וואָס ס'וועט דאָ וועהען אַרום איהם מאָרגען... עך, מאָרגען רייסט זיך דאָך

שוין אַלץ איבער... ער וואָלט וועלען, אַז עס זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען, וואָלט ער פרייער אויפגעאַטעמט.

יאַ... אָבער וואו שלאָפט מען דאָך איבער די נאַכט?...

אַ שוואַכער שיין פון די גאַז, וואָס האָט אין שלאָף־צימער געברענט, האָט זיך ציטערנדיג דורכגעשלאָגען צו איהם און איהם איינגעלאַדען זיך שלאָפען צו לעגען.

דער זעלבער שיין, וואָס האָט אַזוי פיעל גליקליכע און אומ־גליקליכע נעכט איהם צו זיין שלאָף־בעט באַגלייט, ביז ער האָט זיינע אויגען פאַרמאַכט.

דאָס קינד האָט זיך פלוצלינג פון שלאָף צעוויינט.

אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, איז ער שנעל מיט קוים הערבאַרע טריט אין שלאָף־צימער אַריין דאָס קינד איינצושטילען...

די לעצטע נאַכט...

צוריק אַהיים...

זייט זי איז צוריקגעקומען צו איהר מאַן, נאָכדעם ווי זי האָט געוואוינט מיט איהר געליעבטען אַ לענגערע צייט, האָט די פרוי געפיהלט ניט ווי אין דער היים.

זי איז ארומגעגאַנגען אין הויז אַ צעטראָגענע, פרעמד און אָפגעזונדערט אפילו פון איהרע אייגענע צוויי קינדער, אויף וועלכע אַ פרעמדע פרוי האָט די גאַנצע צייט פון איהר אַבוועזענהייט אכ־טונג געגעבען.

און וויפיעל די קינדער האָבען ניט געפּרופט זיך פרעהען מיט דער מוטער׳ס צוריקקערען אַהיים און זיך דערנעהנטערען צו איהר, האָט די מוטער דאָך פאַר זיי ניט באוויזען קיין פרייען שמייכעל, אפילו קיין קוש זיי ניט געטאָן.

און געטאָן האָט זי דאָס ניט דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרלאָרען די ליעבע צו זיי. פארקערט, די גאַנצע צייט, וואָס זי איז פון זיי געווען אַוועק, האָט זי ניט אויפגעהערט נאָך זיי צו בענקען. איהר מוטער־הארץ איז שיער ניט צעריסען געוואָרען פון געפיהל פאַר איהרע קינדער. אפילו אין די הייסעסטע מינוטען פון ווילדע אומ־ארמונגען און ליידענשאַפטליכע קושען פון איהר געליעבטען, זענען איהר די קינדער פון זינען ניט ארויס. און ניט איין נאכט האָט זי צוליעב זיי ניט געקענט שלאָפען. און ניט איין קישען האָט זי נאַס געמאַכט, ווען זי האָט וועגען זיי געדענקט. אפילו דאָס צוריקקומען צו איהר מאַן איז דורכאויס געווען צו ליעב זיי, די קינ־דער, וועלכע זענען, ווי זי האָט זיך איבערצייגט, ביי איהר טייערער פון אַלע גליקען אין דער וועלט.

פאַר וואָס זי פיהלט איצט אַזוי פרעמד און אָפגעזונדערט פון

זיי, איז ביי איהר אליין געווען א רעטעניש. שעהמען זיך פאר זיי מיט איהר טאט, וואס זי איז באגאנגען, האט זי ניט באדארפט. די קינדער זענען נאך צו יונג צו פארשטעהן דעם שריט, גוט אדער שלעכט, וואס זי האט געמאכט. פארשטעהט זיך, אז ווען זי, די מאמע, איז ניט געווען, האבען זיי געוויינט, געבענקט און גע־שריען: מאמע! איצט, ווען זי איז צוריקגעקומען, פרעהען זיי זיך און רופען ווידער: מאמע!

זי וואלט וועלען צוגעהן צו זיי נאהנט, איינקלאמערען זיי מיטביידע הענט און צודריקען זיי שטארק צו איהר הארצען, אויסקושען זיי יעדען אבר, — זי האט זיי דאך שוין אזוי לאנג ניט געקושט. אבער יעדען מאל, ווען זי מאכט א שריט פארווערטס, בלייבט זי שטעהן א צעטומעלטע, א הילפלאזע... ווי עמיצער וואלט איהר צוריקגעהאלטען... עפעס פיהלט זי, אז עפעס וואס איז דא שול־דיג, וואס לאזט איהר, די מוטער, זיך ניט צוזאמענהעפטען מיט איהרע קינדער. און אפשר איז זי גאר טאקע אליין די שולדיגע?... זי האט די קינדער באליידיגט... די מוטער פון איהרע קינדער פארזינדיגט... אך, גאט! האט זי דען ווירקליך אזוי געזינדיגט, ווען זי האט געליעבט? שטעלט זיך איהר די פראגע. וועט זי שוין איהרע זינד גאר קיינמאל ניט קענען אויסקויפען?

און די קינדער קענען ניט פארשטעהן זייער מוטער׳ס האלטונג. זייער קינדערשער שכל באגרייפט דאס ניט. פאר וואס איז זי, די מאמע, צו זיי אזוי קאלט און גלייכגילטיג? פאר וואס נעהמט זי זיי ניט ארום, ווען זיי שטרעקען צו איהר אויס זייערע הענדט־לעך? און פאר וואס קושט זי זיי ניט?

און פאר וואס וויינט אזוי די מאמע, ווען זי קערט זיך אפ אליין אין א ווינקעל? און פאר וואס איז זי שטענדיג אזוי פאר־טראכט און שטיל־שווייגענדיג? און פאר וואס זיפצט זי אפט אזוי שווער? און פאר וואס זינגט זי ניט מעהר די ליעדעלעך, וואס זי פלעגט אמאל זינגען?

ניין, זייערע יונגע מוח׳לעך קענען עס ניט פארשטעהן.

און זיי קוקען אויף דער מאמען שטומע און ציטערענדע, ווי זי דרעהט זיך ארום איבער׳ן הויז און זוכט צו טאן וואס ניט איז

פאַר אַ הויז־אַרבייט. און עס פאַלט איהר פון די הענט אַלץ, צו וואָס נאָר זי רירט זיך צו — אַזוי בייז איז די מאַמע...

און פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון דער אַרבייט, קוקט די מאַמע איהם ניט גלייך אין די אויגען אַריין... זי דערלאַנגט איהם דאָס עסען און קערט גלייך אָפּ צוריק דעם קאָפּ, רעדט ניט אוים צו איהם אַ וואָרט.

ווערט דער טאַטע זעהר אומעטיג... בעט ער זיך ביי דער מאַ־מען, זי זאָל זיך זעצען צום טיש... וויל די מאַמע ניט. ווערט דער טאַטע נאָך אומעטיגער, לעגט ער אַוועק די לעפעל און טענה'ט האַרציג צו דער מאַמען אַזוי, אַז ער צעוויינט זיך אַזש:

— נו, פאַר וואָס עסט דו ניט, חוה'לע? און פאַר וואָס אַנטלויפסטו פון מיר? איך האָב דיר דאָך שוין אַלץ מוחל געווען.

וויל די מאַמע ניט הערען דעם טאַטענס טענות, אַנטלויפט זי אינ'ם צווייטען צימער און לעגט זיך דאָרט שלאָפען אויפ'ן לאָונדזש.

זיצט דער טאַטע אַ ווייל אַ טרויעריגער, קוקט אַריין אין אַ פּייר־פּער און רויכערט איין סיגאַרעט נאָכ'ן אַנדערען... לאָזט אַרוים וואָל־קענס מיט רויך און פאַרהוסט זיך יעדעס מאָל...

דערנאָך הויבט ער זיך אויף, קוים זיך רירענדיג, פונ'ם אָרט, שפּרייזט אַ ווײַלע אַרום שטום און איינגעבויגען הין און צוריק איבער'ן הויז און וואַרפט אַלע ווײַלע אַ בליק אַהין, וואו די מאַמע שלאָפט.

נאָכדעם העלפט ער זיי, די קינדער, זיך אויסטאָן און הייסט זיך זיי לעגען שלאָפען מיט איהם אין בעט.

דאָס עסען בלייבט אומבאַרירט שטעהן אויפ'ן טיש.

און ווען זיי געהען מיט'ן טאַטען אין בעד־רום זיך לעגען שלאָפען, הערען זיי, ווי די מאַמע וויינט פון שלאָף...

און זיי זעהען, ווי דעם טאַטענ'ס פּנים גיט זיך אַ קנייטש, ווי ער כאַפּט די ליפּען צווישען די ציין און בייסט — און בייסט — — —

דעם קינסטלער'ס ווייב

הויך און שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט קאַטיא באַ־גלייט איהר מאַן, דעם קינסטלער, אין טעאַטער אריין, וואו ער האָט דעם אָוועגט בארארפט אויפטרעטען אין א נייער קונסט־ראָלע.

די פרויען, שכנים פון דעם הויז, וואו דער קינסטלער האָט געוואוינט, האָבען נאָכגעקוקט דאָס פּאָר, און מקנא געווען די פרוי, וואָס האָט אזא שעהנעם מאַן און נאָך א קינסטלער דערצו.

די פרויען האָבען ניט באמערקט, ווי האַלטענדיג איהר האַנט אונטער איהר מאַנ'ס אָרעם, מוז ער זיך אָנשטרענגען, ער זאָל ניט א לויף טאָן א פּאָר גאַסען אין פאָראויס און איהר לאָזען שטעהן אליין, ווי זיין טבע איז שוין, ווען ער פארטראַכט זיך.

שעהנמאַן (אזוי האָט מען איהר מאַן גערופען) האָט געשפּאַנט איבער די גאַסען, אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג פון זיין עלאַסטישער פיגור, ווי איינער וואָס וואָלט וועלען מיט'ן קאָפּ דעם הימעל דערלאַנגען. זיינע טריט זענען געווען שטאָלצע, זיכערע, כאָטש ער איז געווען א ביסעל נערוועז פון דער נייער ראָלע, אין וועלכער ער איז געווען פארטיעפט, און דעם גאַנצען וועג געהענדיג צום טעאַטער, כמעט גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט זיין פרוי ניט געשאָנקען.

קאַטיא האָט די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געגאַנגען לעבען איהר מאַן, ניט ארונטערגענומען די אויגען פון איהם. פון א זייט האָט זי אויף איהם געקוקט און געזעהן, ווי ער מאַכט פארשידענע גרימאַסען. אָט גיט זיך א קנייטש א ווינקעל פון זיין פנים, באַלד דאָס צווייטע. זיינע ליפּען באַוועגען זיך, מורמלען שטיל, פאַר־קרימען זיך אָפּט, און זיינע אויגען קוקען בשעת מעשה אזוי ווילד, אזוי דערשראָקען, אז עס פאַלט אזש אָן אויף איהר א פחד.

רעדען דאַמאָלסט צו איהם, פרעגען איהם עפּעס, ווייסט זי,

איז געפערליך. ער ווערט אויפגעקאָכט און איז בערייט איהר צו באַליידיגען אויפ'ן גראָבסטען אופן. ער ווייסט איבערהויפט נישט וואָס עס טוט זיך דאַמאָלסט מיט איהם.

צוקומענדיג צום טעאַטער, האָבען זיי שוין געטראָפפען אַ לאַנגע רייהע מיט מענשען שטויסענדיג און שטופענדיג זיך צו דער קאַסע. שעהנמאַן האָט געוואָרפען אַ בליק אויף דער מאַסע און אַ טראַכט געטאָן: „דאָס איז צוליעב מיר, צוליעב מיר שטויסט מען זיך דאָס אַזוי"... און עס האָט איהם הנאה געטאָן, וואָס זיין נאָמען איז אַזוי באַליעבט ביי די מאַסען.

ער האָט דורכגעשוועבט דורך דער לאָבי צווישען עולם, וואָס האָט איהם באַלד דערקענט און זיך גענומען רוקען אָן אַ זייט, מאַכענדיג פאַר איהם אַ וועג. הונדערטע בליקען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט מיט ליעבע און דרך ארץ.

שעהנמאַן האָט זיך שנעל און אומגעדולדיג געזעגענט מיט זיין פרוי און איז פאַרשווינדען ערגעץ־וואו הינטער די קוליסען.

קאַטיא האָט זיך געלאָזט געהן צו דער באָקס, וואָס איז פאַר איהר געווען אָנגעגרייט.

זיצענדיג אין באָקס, איז איהר הארץ געווען פול מיט צער און פאַרדראָס, וואָס איהר מאַן האָט זי אַזוי גלייכגילטיג, כמעט ניט באַמערקענדיג איבערגעלאָזען, ניט זאָגענדיג איהר אפילו קיין וואָרט.

זי האָט אַרונטערגעקוקט צום עולם, ווי מען קוקט אויף איהר מיט לאַנגע און קנאה'דיגע בליקען. און מיט וועהטאָג האָט זי געטראַכט וועגען דעם, ווי דער עולם איז נאַר געוואוינט צו קוקען אויפ'ן אויסערליכען גלאַנץ. דער עולם איז איהר מקנא, באמת אָבער איז זי דאָך איינע פון די טרויעריגע העלדען, וועלכע מוזען זיך טאָג־טעגליך באַפוצען און באַשמירען מיט אַ פאַלשען חנ'עוודי־גען גלאַנץ, זייער טרויעריגען און צעפוילטען פאַמיליען־לעבען צו פאַרשטעלען.

דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין באַלד באַדאַרפט אויפהויבען. דערווייל האָט די מוזיק געשפיעלט אַ שעהנע און אַ הארציגע אידי־שע מעלאָדיע, אַריינצוברענגען דעם עולם אין שטימונג.

דער עולם האָט גאָר אָנגעקוואָלען פון די שעהנע נגונים און זיך אמת אמוזירט.

קאטיא האָט געקוקט אויפ'ן עולם און געטראַכט: „וואָס פאר א מאָדנע גליקליך פאָלק דער עולם איז. פאר א האלבען דאָלאר אָדער מעהר, שעפּט מען תענוג מיט פולע הויפענס. און ווי נאָהנט עס זיצען דאָס די מענער און די פרויען צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע. אָהן קונצען און אָהן חכמות ליעבט מען זיך איינע מיט די אנדערע אמת הארציג און געטריי. מען לעבט דורך צוזאמען די מינוטען פון פריידען און פון ליידען. גליקליכע מענשען!

און עס קומט איהר ארויף אויפ'ן זינען, ווי מיט יאָהרען צוריק איז איהר מאן נאָך אליין אויך געווען אן ארבייטער, געמאכט א לעבען פאר איהר מיט איהר ערשטען קינד, וואָס זי האָט צו יענער צייט געבאָרען. זי איז געווען גליקליך מיט איהר שטילע און רוהיגע היים, מיט זיין ליעבע און מיט זיין ליעבע צו איהר קינד, ביז דער צופאל האָט פון איהם געמאכט דאָס, וואָס ער איז היינט. היינט באלאנגט ער צו דער קונסט, און ווער ווייס, צו וועמען נאָך?...

דער עולם איז דערווייל געוואָרען אומגעדולדיג. הונדערטער אויגען האָבען געקוקט צו דעם סטיידזש און אומגעדולדיג געווארט, אז דער פאָרהאנג זאָל זיך אויפהויבען.

אומגעדולדיגער פון אלעמען איז געווען קאטיא. מיט הארץ־קלאפעניש האָט זי ערווארטעט דעם מאָמענט איהר מאן זאָל זיך שוין באווייזען. און וואָס נעהנטער עס איז געקומען די מינוט פון זיין אויפטרעטען, אלץ אומרוהיגער איז זי געוואָרען. אזוי פיהלט זי שוין כמעט שטענדיג ביי זיין יעדען אויפטריט אין א נייער ראָלע.

דער פאָרהאנג האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען. פריהער זענען, ווי געוועהנליך, ערשינען די אקטיאָרען, וועלכע האָבען געשפּיעלט די קלענערע, ניט וויכטיגע ראָלען, די, וועלכע האָבען נאָר די אויפגאבע פונאנדערצואוויקלען די דראמא, אנדייטען פאר'ן

עולם דאָס, וואָס באַדאַרף באַלד פּאַרקומען און וואָס מען האָט צו ערוואַרטען.

דער אָנפאַנג פון דער דראַמאַ איז שוין געוועזן אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט. דער הויפּט־העלד איז געוועזן אַן אויפגעקומענער, אַ געוואָרענער קאַריעריסט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי דאַמאָלסט, ווען ער איז נאָך ניט געוועזן אַזוי גוט אָפּ. זי איז אַ געוועהנליכע גוטע פרוי, וועלכע האָט איהם שטאַרק געליעבט, געאַרבייט שווער און איהם געהאָלפען ווערען דאָס, וואָס ער איז. איצט, אָבער, געפעלט זי איהם שוין ניט מעהר. איהר לעבען ביי איהם איז אַן אָפּקומעניש, אַ גיהנום, ער פּלאָגט זי און באַליידיגט זי, ברענגט צו זיך אין הויז אריין געליעבטע, און די אָרימע פרוי ליידעט שטילערהייט און דולדעט ביז...

קאַטיאַ איז געזעסען ווי אַ פאַרגליווערטע און אַ מינוט ניט אַרונטערגענומען די אויגען פון דער אומגליקליכער פרוי, וואָס האָט געאָפּפערט איהר לעבען, איהר יוגענד פאַר איהר מאַן, און איצט דינט ער איהר אַזוי שענדליך אָפּ. זי איז אַזוי היינגעריסען געוואָרען פון דער פרוי'ס ליידען, אַז זי האָט גאַר אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז זי זיצט אין טעאַטער. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס איז זי אַליין די טרויעריגע העלדין, וועמעס האַרץ עס בלוטעט שטענדיג און ליידעט אַזוי שטיל און אָפּפערוויליג. זי האָט אפילו ניט געפּיהלט, ווי די טרערען זענען ביי איהר איינע נאָך די אַנדערע געפאַלען פון די אויגען.

אַ שטאַרקער קראַך האָט קאַטיאַ'ן אויפגעטרייסעלט פון איהר פאַרטראַכטקייט. עס איז געווען דער שלוס פון דער דראַמאַ. די שטילע און פיעל געפּלאָגטע פרוי האָט זיך אַליין דערשאָסען מיט דעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט אָנגעגרייט זיך נוקם צו זיין אַן איהם, איהר מערדערישען מאַן. די אָרימע פרוי האָט ניט געקענט פאַרגיסען יענעמס בלוט, האָט זי געמאַכט אַן ענדע צו איהר אייגענעם געמוטשעטען לעבען.

קאַטיאַ האָט אַ שווידער געטאָן. זי האָט מיט שרעק גענומען קוקען אויף איהרע הענט און קערפּער, ווי זי וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, אַז זי לעבט נאָך...

איהר מאַן האָט דעם אָווענט געמאַכט אַ פוראַר און זי איז געווען גליקליך.

רעדענדיג שפּעטער פון דער פּיעסע אין קאָפּע־הויז, זיצענדיג לעבען איהר מאַן, האָט קאַטיאַ ארויסגעזאָגט איהר מיינונג, אַז דער שלום געפעלט איהר ניט.

— פאַר וואָס? — האָט מען ביי איהר געפרעגט.

— דערפאַר, וואָס די פרוי האָט זיך אַליין דערשאָסען — האָט זי, נים אַ מינוט טראַכטענדיג, באַמערקט — באַדאַרפט האָט זי נאָר דערשיסען איהם.

— אין דעם איז דער שרייבער שולדיג — האָבען די אַקטיאָרען באַמערקט.

— און ווען איך וואָלט געווען אַן אַקטריסע און געשפּיעלט די ראָלע, וואָלט איך דעם שרייבער ניט געפאָלגט. איך וואָלט דערשאָסען איהם — האָט קאַטיאַ מיט זיכערהייט און עקשנות אין איהר שטימע ארויסגערעדט.

די אַקטיאָרען האָבען זיך צעלאַכט.

דער מאַן, דער סטאַר, האָט געוואָרפען אויף זיין פרוי אַ דורכדרינגענדען בליק, ווי ער וואָלט זאָגען: „כ׳פאַרשטעה דיך און אין דער שטיל האָט עפּעס אין איהם אַ ציטער געטאָן...

איהר קליינע באַשיצערין

אַלע, וואָס האָבען געקענט דזשעני'ס, דער יונגער און שעה־נער אלמנה'ס, לעבעדיגע און שטיפערישע נאַטור, האָבען געוואוסט פון איהר חשק צו געהן שפּאַצירען און אויספּאָהרען אָפטמאָל מיט יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך אַרום איהר געדרעהט, ווי בינען אַרום האָניג, האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון איהר אויסערגעוועהנליכער ליעבע צו איהר קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פיער, אַ לייכטס און אַ פלינקס, מיט שעהנע געקרויזטע גאָלד־בלאָנדע הערעלעך, מיט אַ פּאָר בלויע, ליכטיגע אויגעלעך.

דער וואונדער איז אייגענטליך ניט אַזוי באַשטאַנען אין דעם, וואָס די מוטער האָט ליעב איהר קינד. וועלכע מוטער האָט עס ניט ליעב איהר קינד, און נאָך אַזאַ ליעבע און שעהנע קינד? דער וואונדער איז נאָר געווען, וואָס זי פלעגט דאָס קינד מיטנעהמען איבעראַל, וואו זי איז געגאַנגען. אָהן דעם קינד פלעגט זי זיך ניט אַ ריר טאָן פון אָרט, כאָטש זי האָט עס צו יעדער צייט געקענט אָפּשטעלען ביי איהר מוטער, מיט וועלכער זי האָט געוואוינט צוזאַמען און וועלכע האָט איהר אייניקעל ניט וועניגער ליעב געהאַט פון איהר.

און אַז דזשעני וואָלט אָהן ספק מעהר און בעסער פאַרבראַכט, ווען זי וואָלט דאָס קינד ניט שטענדיג געהאַט לעבען זיך, דאָס האָט יעדער געוואוסט... און ווער האָט עס נאָך געקענט וויסען בעסער ווי דזשעני אַליין?...

אָבער... אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער סוד, וואָס האָט אַלע־מען אַרומגערינגעלט, און וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט, אויסער זי אַליין.

זי ווייס, אַז זי איז יונג, שעהן און פול מיט לוסט צום לעבען. אַז פאַר די לעצטע דריי יאָהר, זייט איהר מאַן איז גע־

שטאַרבען, האָט זי נאָך פון די פיעלע יונגע לייט, וואָס דרעהען זיך אַרום איהר, קיין רוהיגע מינוט ניט געהאַט... הערען ניט אויף איהר צו באַלעסטיגען מיט זייערע צודרינגליכע ליעבעס־ערקלערונגען און גליקען־פאַרשפּרעכונגען...

יעדער איינער פון זיי וויל זי קריגען, געהן מיט איהר און פאַרברענגען, אויסנעהמען איהר אין פאַרשידענע פאַרגעניגענס־פּלעצער, געבען איהר אַ „גוד־טיים".

זי אָבער, האָט אין זיי אַלעמען קיין גלויבען ניט. און נאָך וועניגער האָט זי צו זיי צוטרויען...

דזשעני איז אין זיך אַליין ניט גענאַרט. זי ווייס, אַז כאָטש זי איז נאָך אפשר פיעל אינגער און שעהנער פון אַנדערע מיידלעך, איז זי אָבער דאָך שוין ניט מעהר דאָס, וואָס זי איז געווען.

דער נאָמען, „די יונגע אלמנה", ווייסט זי, ווירקט, ווי אַ צויבער אויף די יונגע לייט, וועלכע וואָלטען זיך אפשר ניט אָפּ־געזאָגט צו פאַרברענגען מיט איהר אַ קורצע שטיקעל צייט, אָבער ניט פאַרבלייבען מיט איהר אויף שטענדיג.

און דזשעני וויל ניט זיין אָט פון די יונגע ווייבלעך־אלמנות, וועלכע ווערען בלויז אויסגענוצט... זי וויל נאָך ליעב האָבען, ליעב האָבען ערליך און געטריי. איהר הארץ האָט דאָך נאָך אַזוי וועניג געליעבט. אין רעכטען ברען פון איהר ליעבע איז פּלוצלינג די געליעבטע פּערזאָן פאַר איהר אָפּגעשטאָרבען אויף אייביג.

זי פיהלט, אַז זי מוז נאָך האָבען עמיצען, וואָס זאָל אויספילען איהר הארץ ,וואָס איז פאַרבליבען אַזוי עלענד און פּוסט... ארויס־רייסען פון איהר די נאָגעניש און די בענקעניש נאָך דעם גליק, וואָס איז איהר ניט באַשערט געווען לאַנג צו האָבען. זי וויל נאָך ליעבען, ליעבען, לאַנג און שטענדיג.

זי וויל אויך, אַז דער אָנדענקען פון יענער ליעבער פּערזאָן, איהר קינד, זאָל זיין גוט באַזאָרגט, זאָל האָבען אַ היים, אַ היים, ווי ביי איהר אייגענעם פאָטער.

אָבער זיי, די יונגע לייט, זענען דאָך אַלע אַזעלכע שלעכטע, אַזעלכע פאַלשע... ווילען זיי דען וויסען פון אַ געטרייע, ליע־

בענדע פּערזאָן, פון אַ מוטערליך, פּיהלענדע הארץ, וועלכע קען נאָך ליעבען היים און שטארק...

אַלע קוקען אויף די „יונגע אלמנה“ ווי אויף איינע, וואָס באדארף אויפרייצען אַלע זייערע נערווען, אויפוועקען זייערע נידע־ריגע אינסטינקטען און באפרידיגען זייערע לײדענשאַפטליכע באַ־גערען...

זי דערקענט עס אין יעדער באוועגונג זייערער, אין זייער גראָבע אָנצוהערעניש, אין יעדען אומפארשעהמטען בליק און ציני־שען שמייכעל...

ווי מיאוס און עקעלהאפט זיי זענען איהר אַלע.

אָפּטמאָל האָט שוין דזשעני באשלאָסען אין גאנצען זיך צוריקצוציהען פון געזעלשאפט. אויסמיידען די יונגע לייט, ווי אַ פּעסט, לעבען דורכאויס פאר איהר קינד. און זאָל אַלעס געהן צום טייפעל — די וועלט מיט איהרע פארגעניגענס, מיט די מענ־שען, מיט!...

דערפּיהלט אָבער דזשעני, אַז אזוי לעבען קען זי אויך ניט. עס ווערט איהר אומעטיג און לאנגווייליג... זי הויבט אָן פּיהלען אַלט און אָפּגעלעבט... און זי דערשרעקט זיך פאר זיך אַליין... ניין, אַלט וויל זי נאָך ניט ווערען... פּליהט איהר דורך אַ געדאנק, „עס איז שוידערליך, עס איז שרעקליך צו ווערען אַלט, ווען מען איז נאָך אזוי יונג, אין גאנצען דריי און צוואנציג יאָהר... ניין, איך וויל נאָך ניט ווערען אַלט“...

און זי טראַכט ביי זיך, אַז נאָך אַלעמען פארשטעהט זי ניט, פאר וואָס זי זאָל אָפּבּרעכען אין גאנצען מיט'ן לעבען... ארויס־רייסען מיט די אייגענע הענט די יוגענד און זי פארבייטען אויף די עלטער... ניין, דאָס קען זי ניט און דארף עס ניט טאָן... זי קען געהן איבעראל, וואו זי וויל. די וועלט איז פאר איהר פריי און אָפען, ווי פאר אַלעמען... מעהר ניט, זי וועט זיך אַ ביסעל צוריקהאַלטען... זי איז שוין ניט קיין קינד, זי קען זיך אַליין באשיצען פון אַלע אָנפּעלע פון שלעכטע מענשען... וועט זי באגעגענען יונגע לייט, וואָס זי וועט פארשטעהן, אַז זייערע געדאנקען זענען ניט ריין אָרענטליך, וועט זי ווייכען פון זיי...

אָדער זי וועט זיי צו פאַרשטעהן געבען, אַז זי איז ניט פון די יונגע אלמנות, וואָס זיי מיינען...

אַזוי שנעל אָבער ווי זי פלעגט קומען אין בארירונג מיט דעם לעבען, זענען אַלע איהרע רעכנונגען און „פאַרזיכערונגס־מיטלען" צוגאַנגען ווי אַ זייפען־בלאַז אונטער דער זון... דאָס לעבען ווייסט ניט פון קיין כּללים, עס מאַנט...

און דאַן איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק: זי וועט מיט־נעהמען איבעראַל דאָס קינד, דאָס קליינע, אומשולדיגע מלאך'ל... איהר ליעבסטעס און טייערסטעס אויף דער וועלט, פאַר וועלכע זי איז גרייט אַלעס אין דער וועלט צו אָפּפערען. זי וועט שטענדיג זיין נאָהנט לעבען איהרע אויגען...

עס איז געווען אַ מאָדנער געדאַנק: דאָס קליינע קינד וועט די גרויסע מאַמע באַשיצען... עס האָט זיך איהר אָט ביי דעם איינפאַל געגלוסט שמערצליך און ביטער לאַכען... עס איז אָבער געווען אַזוי נויטווענדיג... און ווען עס האָט אויסגעוויזען, אַז אָט־אָט ווערט זי פאַלקאָם באַזיעגט פונ'ם לעבען, פון איהר יוגענד, פלעגט שטענדיג ווי אַ גוטער מלאך איהר קינד איהר צו הילף קומען... עס איז געווען גענוג עס זאָל צולויפען צו איהר און אַ געשריי טאָן מאַמאַ, אָנרירען איהר מיט איהרע ווייכע, צאַרטע הענטלעך, און די מוטער פלעגט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ טאָן, ווי פון אַ זיסען פאַנטאַסטישען חלום... און דערזעהענדיג פאַר זיך דאָס קינד, פלעגט זי באַגרייפען די ווירקליכקייט. און מיט אויסערגעוועהנליכע קרעפטען פלעגט זי אַנטלויפען פון דאָרט, וואו זי איז שיער ניט געפאַלען אַ באַהערשטע, אַ באַזיעגטע.

און האַלטענדיג איהר קינד אויפ'ן האַנט, צוגעדריקט און צו־געטוליעט צו איהר שטורמענדער האַרץ, לויפענדיג מיט דעם אַהיים, פלעגט זי עס ניט אויפהערען צו קושען און גלעטען, און טענה'ן צו איהר: מיין טייער, ליכטיג לעבען, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרען, ווען דו וואָלסט ניט געווען. מיין קליינע באַשיצערין!"...

און טרערען פון פרייד און פון שטאָלץ איבער זיך אַליין און פון דאַנקבאַרקייט צו איהר קינד, פלעגען פאַלען, פאַלען פון איהרע אויגען...

אין שרעק פאר זיך

באשלאָסען האָט זי צום באַל צו געהן, טראָץ אַלע פּראָטעסטען פון איהר מאַן, וואָס האָט גע'טענה'ט, אז אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ מוטער פון צוויי קינדער, טאָר זיך אזא לוקסוס ניט פארגינען. בעלער,האָט ער גע'טענה'ט, זענען באַשאַפען געוואָרען נאָר פאר אומפאַרהייראַטע, פאר די, וועלכע לויפען נאָך זוכען זייערע באַשערטע — זי אָבער איז שוין אַ פאַרזאָרגטע, און זי באַדאַרף זיך מעהר ניט אַרומשלעפּען דורך די נעכט ווייסט דער רוח מיט וועמען.

זי איז אָבער דעם מאָל, מיט איהר מאַן ניט געווען איינשטימיג, טראָץ דעם, וואָס זי האָט איהר מאַן ניט פיינט געהאַט, און זעלטען ווען זיך געשטעלט געגען זיין מיינונג. אין די פיער יאָהר, וואָס זיי זענען געווען פאַרהייראַט, האָט זי פּשוט זעלטען ווען געפיהלט אַ פאַרלאַנג ערגעץ צו געהן, אויסער צו גאַסט אַמאָל צו גאָר נאָהנטע באַקאַנטע, וואו זיי פלעגען געהן ביידע צוזאַמען.

די צייט אָבער שטעהט ניט אויף אַן אָרט. זי איז עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאָהר (חתונה געהאַט האָט זי זעהר יונג), צוגלייך ענטוויקעלטער און ערפאַרענער, און מיט אַ פיעל מעהר באַדייטענדען בליק אויפ'ן לעבען און דערפאַר אויך מיט מעהר פאָדערונגען פונ'ם לעבען.

פאַרברענגענדיג שטענדיג מיט זיך אין הויז אונטער די פיער ווענט, אויפפּאַסענדיג זאָרגפעלטיג אויף איהרע צוויי קליינע קינדערלעך, וועלכע האָבען ביי איהר צוגענומען כמעט די גאַנצע צייט, האָט זי דאָך צייט געהאַט זיך אָפּטמאָל צו באַטראַכטען איבער איהר אייגענעם לעבען. און געפרעגט האָט זי זיך: „איז

וואָס־זשע? ווען עס שוין טאַקע אַזוי זיין? ווען שוין אַזוי אווועקגעהן דאָס גאַנצע לעבען, מיט'ן קאָכען, וואַשען און רוימען און ערציהען יעדען מאָל אַ נייע קינד?"

און אומעטיג פלעגט איהר ווערען ביי דעם געדאַנק און אַן אומצופרידענהייט האָט איהר אַרומגענומען. אַן אומצופרידענהייט און אַ רחמנות אויף זיך אַליין, און אויף איהר אַזוי ניט קיין שלעב־טען מאַן, וואָס שטעהט יעדען פריה־מאָרגען אויף צו דער אַרבייט, מאַכט זיך אַליין ברעקפעסט, טראָגט איהר מאַנכעס מאָל נאָך צו אַ קאָפּע קאַפע צום בעט און איילענדיג, עפּעס וואָרטשענדיג ווער ווייס וואָס, ווערט ער פאַרשווינדען אויף אַ גאַנצען טאָג.

אַ מיאוס'ער אומזיניגער לעבען.

אָפּשטעלען זיך ביי אָט דעם אָרט לעבען, קען זי ניט מעהר. עס איז פאַר איהר אוממעגליך — זי איז דאָך שוין פּאָרט ניט די, וואָס געווען — נאָך אַלעמען לעזט זי דאָך פּאָרט צייטונגען און ווייס, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אָט האָט זי די לעצטע צייט גאָר אָנגעהויבען צו לעזען ביכער און האָט שוין איבערגעלעזען אַ היבשע ביסעל פון זיי. איהר געשמאַק בילדעט זיך אויס, איהר בליק אויפ'ן לעבען ווערט ברייטער און קלאָרער, ווערענד ער, איהר מאַן, איז שטענדיג פאַרטאָן אין דער אַרבייט און בלייבט אימער דער זעלבער.

זי מוז זיך אָט פון דעם לעבען, וואָס האָט איהר שוין דער־עסען, און וואָס ווערט איהר מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר איבער־דריסיגער און לאַנגווייליגער, אַרויסרייסען. זי מוז אָנהויבען צו לעבען גאָר אויפס־ניי, וועניגסטען אויסמישען איהר יעצטיגען שטוב־לעבען מיט נאָך אַ לעבען; מיט אַ לעבען פון גאַס, פון ועזעלשאַפט. צו וואָס זאָל זי לאָזען שוין אַרויפציהען אויף זיך די עלטער, ווען זי איז נאָך אַזוי יונג, אַזוי יונג?

צום באַל איז זי געקומען מיט אַ באַקאַנטע מיידעל, וועלכע האָט נאָך ניט האָבענדיג קיין אייגענעם יונגען מאַן, פאַרגעצויגען בעסער צו געהן צום באַל מיט אַ ווייבעל און נאָך מיט אַ שטילע, באַשיידענע ווייבעל, וואָס ווען איהר ניט שטעהן אין וועג,

ווען זי וועט זיך דאָרט טרעפען מיט יונגע לייט און וועט קענען אומגעשטערט פאַרברענגען.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ביי יעדען מאָל באַגעגענען און פאַרשטעלען דאָס ווייבעל פאַר אַ יונגען מאַן, איז דוקא יעדער מאַנסבילשער בליק גלייך געפאַלען אויף איהר, אויפ'ן ווייבעל.

האָט דאָס מיידעל דערזעהן, אַז די שפּיעל איז פאַר'ן טייפעל, האָט זי איהר אין גאַנצען איבערגעלאָזען אַליין מיט די יונגע לייט, און איז ערגעץ פאַרשווינדען אָהן אַ „זיי געזונד".

איז דאָס יונגע, פון זיך זעלבסט אויפגעקלערטע ווייבעל, געבליבען גאַנץ אַליין שטעהן מיט די פרעמדע, נאָר וואָס באַקאַנטע יונגע לייט, און עפּעס אַ געפיהל פון פרייד צוגלייך באַהאַלטענע שרעק פאַר עפּעס, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, האָט איהר ארומגענומען.

זי איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו די קאָמפּלימענטען, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט איהר געזאָגט, און וועלכע זי האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהערט (אויב יאָ, האָט זי עס נאָך דאַן ניט פאַרשטאַנען) און געהאַט האָט זי דאָס געפיהל פון אַ מיידעל, וואָס האָט איצט צום ערשטען מאָל אָנגעטאָן אַ לאַנגע קלייד מיט אַ קאָרסעט. אַלע שטעהען און קוקען אויף איהר, און באַוואונדערען איהר, וואָס זי איז מיט איין מאָל אַזוי גרויס געוואָרען און ענטוויקעלט. אַ גאַנצער מענש!... און שעהמעוודיג, און שטאָלץ איז זי יענע מינוט, פול מיט געהיימניספולע ערוואַרטונגען אויף דער צוקונפט.

איהר בליק איז פּלוצלינג געפאַלען אויף איהר הייראַט־רינג, וואָס האָט פון איהר פינגער אַ בליץ געטאָן פאַר איהרע אויגען, און עס האָט איהר אַ בריה געטאָן אין האַרצען.

עס איז איהר אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען די היים, איהר מאַן, איהרע קינדערלעך, וועלכע שלאָפען שוין אודאי איצט אין בעט, און איינס ווי דאָס צווייטע גיט שלעפערדיגערהייט אַ וואָרף מיט די קליינע צאַרטע הענטעלעך, זוכענדיג דער מאַמען, און ער, איהר מאַן, מוז געוויס ליגען לעבען זיי אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ פאַרצאָרענטער, מיט אַ געפיהל פון פאַרדרוס און

וועהטאָג, אויף דעם „אומגליק“, וואָס האָט איהם געטראָפּען דאָס ערשטע מאָל זייט זייער חתונה. ער בורטשעט געוויס: „אָט א ווייב! א מאמע פון צוויי קינדער, האָט זיך איהר פארגלוסט גאָר אויף א באָל אוועקצוגעהן אויף א גאנצע נאכט, ווייס דער רוח מיט וועמען... א שעהנער לייט ווערט פון איהר די... אך“...

זי האָט אינסטינקטיוו געמאכט א פּאָר שריט צוריק, ווי זי וואָלט שוין וועלען אוועקגעהן, אנטלויפען פון א געפערליכען אָרט, וואו זי טאָר ניט מעהר פארבלייבען.

באלד אָבער האָט די מוזיק אָנגעהויבען שפּיעלען.

ווי א כוואַליע, ניין, ווי א סך כוואליעס, האָבען זיך א גאָס געטאָן די קרעפטיגע צו דער זעלבער צייט ווייכע און מעלאנכאָלי־שע טענער פון די וואַלץ־מוזיק, זיך א קייקעל געטאָן איבער'ן ברייטען זאַל אזש ביז צום טיר־גאנג און א שלעפּ געטאָן מיט זיך דעם מענשען־דראנג אין שטראָם פון די מוזיק. און דאַן האָט זיך עס שוין געדרעהט און געווירבעלט פון זיך אליין.

אין שטראָם איז אויך פארשלעפּט געוואָרען זי, מיט איינעם פון די יונגע לייט, מיט וועלכען זי האָט מיט אמאָל דערפיהלט א באַזונדערע הנאה צו טאנצען.

ער איז געוועזן יונג, שלאנק און בויגיג און זיין האנט, וועלכע האָט געהאלטען ארומגענומען איהר טאליע, איז געוועזן ווייך און מחיה'דיג ציטערדיג. און די צווייטע האנט האָט שטארק געדריקט איהר האנט. און ביי יעדען ווינקעל־קער, וואו עס איז אויסגעקומען זיך אויסצודרעהען, האָט איהר ברוסט געפיהלט דעם שטארקען דריק פון זיין הארץ. און זיין הייסער, צייטענווייז ברענענדער אָטעם האָט אויף איהר געוועהעט, און ביי איהר שיער דעם אָטעם ניט פארכאפּט.

ווען דער טאנץ האָט זיך געענדיגט, האָט זי געפיהלט צעהיצט און תאווה'דיג מיעד, זי האָט זיך דערשראָקען פאר זיך אליין, פאר די זיסע פרייד, וואָס האָט איהר מיט אמאָל באהערשט, פאר דעם אנגענעמען ציטער, וואָס האָט איהר גאנצען קערפּער דורכ־גענומען און געפיהלט האָט זי מיט אמאָל א פארלאנג פאר רוה און היימישקייט, פאר עפּעס נאָהנטעס, וואָס זאָל זיך די מינוט

ביי איהר זיינ געפינען, וואס זאל איהר לאשצען, גלעטען, האלובען און האלזען.

זי האט געמאכט א באוועגונג א היים צו געהן.

— וואס, איהר ווילט שוין געהן? וואס איילט איהר זיך אזוי? — האט איהר דער יונגערמאן געזוכט אפצוהאלטען.

— יא, כ'מוז שוין געהן! — איז די פרוי געווארען אומגעדולדיג.

— אבער עס איז דאך נאך גאר ניט שפעט. אין גאנצען צוויי דער זייגער, — האט איהר דער יונגערמאן געזוכט איבערצורעדען.

דערווייל זענען צוגעקומען נאך קאמפאניע. מען איז אוועק צו א טישעל עפעס טרינקען און נעהמען אין מויל אריין.

די יונגע פרוי איז ניט ווילענדיג אויך מיטגעגאנגען.

מען איז געזעסען און געגעסען און געטרונקען, גערעדט און זיך געוויצעלט. אט האט זיך איינער צעזונגען, אלע האבען אונטערגעהאלפען, עס איז געווארען פרעהליך.

און מערקווירדיג, וואס מעהר דער עולם האט זיך געלאזט וואוילגעהן, אלץ א גרעסערער אומעט האט זיך אנגעהויבען פארקלייבען ביי דער יונגער פרוי אין הארצען. טיעף אין איהר האט עפעס גענאגט און געזויגען און געצויגען צוריק אהיים צו די היימישע רוהה און שטילקייט — צום היימישען בעט, וואו זי ליגט צוזאמען מיט די קינדער און זיי האלטען איהר ארומגענומען שטייף, שטייף מיט זייערע הענטעלעך, וועלכע זענען אזוי ווייך, אזוי לאשצענד.

עס האט ניט געהאלפען די קאמפלימענטען, וואס יעדער איינער האט איהר געמאכט. אפילו ניט דאס ביסעל וויין, וואס זי האט אויסגעטרונקען, אום זיך אויפצומונטערען.

מיט יעדער מינוט איז איהר אלץ מעהר איבערדריסיג געווארען די געזעלשאפט, צו וועלכער ווי איהר האט אנגעהויבען אויסצעווייזען, האט דא פארבלאנדזשעט צופעליג.

„אייגענטליך, האט זי א טראכט געטאן, איז טאקע פאר איהר דא מעהר קיין ארט ניט. ווי קומט זי צו זיי? זי, א מאמע שוין פון צוויי קינדער.

און דאָס פאַרגניגען, וואָס מען קען דאָ קריגען, איז דאָך ניט מעהר, ווי אויף אַ ווײַלע. ניטאָ זענען מעהר די כחות און דער ווילען דאָס „גליק“ לענגער צו האַלטען.

און אויב אויף אַ ווײַלע און ניט מעהר — צי לוינט זיך עס גאָר אין גאַנצען?

איז דען ניט גלײַכער איצט שוין מעהר גאָר נישט, גאָר נישט אָנצוהויבען אויפס־ניי“...

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די יונגע, פון זיך אַליין אויפגעקלערטע פרוי, איז אַהיים געקומען גאַנץ אַליין. און ליגענדיג אין בעט לאַנג, לאַנג ניט געקענט אײַנשלאָ־פען. ניט קענענדיג באַפרײַט ווערען פון דער נײַער פראַגע, וואָס האָט איהר ניט געלאָזט אײַנשלאָפען.

„זאָל זי אָנפאַנגען אויפס־ניי, אָדער שוין מעהר גאָר ניט, גאָר ניט פאַרלאַנגען און עס שוין לאָזען דערגעהן ווי עס געהט. ווײַל — עס איז דאָך ניט מעהר ווי אויף אַ ווײַל... און אויף לענגער זענען שוין ניט פאַראַן די כחות און דער ווילען און דער שטאַרקער ווידערשטאַנד זיך אַנטקעגענצושטעלען דעם לעבען... זאָל זי — אָדער ניט?“...

אַ ליגען

שבת נאָך האַלבען טאָג.

סאַלאָמאָן, אַ שעהנער יונגער מאַן, ערשט אַ וואָך נאָך דער חתונה, איז געגאַנגען אַ היים פון דער ארבייט אַ צעטראָגענער.

ער איז געגאַנגען מיט קליינע, לאַנגזאַמע טריט. כמעט ביי יעדען קאָרנער איז ער שטעהן געבליבען, זיך עפּעס פאַרטראַכט און בייז און אומצופרידען פאַר זיך אַליין געמורמעלט: „פוי, מיאוס, עס וועט זיין מיאוס"...

ער האָט איצט ניט געקענט קוקען אויפ'ן שטראָם מיט מענ־שען, וועלכע האָבען זיך מחנות־ווייז פאַרביי איהם דורכגעריסען, איילענדיג זיך וואָס שנעלער אהיים צו קומען. און ער? זאָל איהם דער רוח נעהמען, אויב ער האָט איצט חשק אהיים צו קומען אַזוי שנעל... ער וואָלט, דאַכט זיך, לאַנג אַזוי אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסען, אַבי איצט ניט ווייזען די אויגען פאַר זיין ליזע'ן, וועלכע וועט, דאַכט זיך, באַלד פון זיינע אויגען ארויסלעזען דעם מיאוס'ען, אומפאַרשעהמטען ליגען...

— פוי, מיאוס, מיאוס!...

אומבאַמערקט האָט ער זיך פאַרדרעהט אין אַ גאַס, ניט אַזאַ קאָכיגע, וואו ער האָט געקענט פרייער אָפּאָטעמען, צונויפזאַמלען די געדאַנקען און אַ טראַכט געבען רוהיגער וועגען דעם, וואָס ער האָט זיך דאָ אַזוי מיאוס פאַרפּלאָנטערט.

— נאָך אַלעמען בין איך דאָך ניט באַגאַנגען אַזאַ גרויסען פאַרברעכען, וועגען וועלכען איך זאָל זיך דאַרפען אַזוי באַאומ־רוהיגען — האָט ער געזוכט זיך אַליין צו פאַרענטפערען — איך האָב איהר געליעבט, נו, איז וואָס? האָב איך איהר געמוזט זאָגען

א שטיקעל ליגען, אז איך פארדין 35 דאָלאר אַנשטאָט 12 דאָלאר א וואָך... איך האָב אנדערש ניט געקענט האנדלען. זי איז אליין א גרויסע פארדינערין. דערצעהלען איהר דעם אמת האָט ניט געפאסט... זי וואָלט מיר אפשר אויסגעלאכט: „א מאַן מיט 12 דאָלארעס!"...

ער האָט איהר מורא געהאט צו נעטרויען.

— אָבער איז דאָס א תירוץ? — האָט ער זיך ניט געקענט בארוהיגען — הייסט דען ליעבע אַפּנארען, באשווינדלען יענעם? פאר וואָס ניט ליידען, אויסגעהן פון בענקשאפט, משוגע ווערען פון וועהטאָג, ווען דו ליעבסט? נאָר מיט א שעהן, ערליך, אויפ־ריכטיגען געפיהל דארף מען ליעבען!

— ביזט א פאָדלעץ, אַן עלענדער ליגנער! — האָט איהם ווי עמיצער אין אויער אריינגעשריען.

ניט ווילענדיג האָט ער אריינגעלעגט די האנט אין קעשענע, ארויסגעצויגען דעם ענוועלאָפּ מיט „פיי". א ווייל זיך אָפּגעשטעלט און איבערגעלעזען:

„סאָלאמאָן 12 דאָלאר".

א ביטערער שמייכעל האָט א קרים געטאָן זיין געזיכט.

— צוועלף דאָלאר אַנשטאָט 35...

ס'ארא מיאוס'ער ליגען!...

— איז וואָס־זשע, זאָל ער, הייסט עס, היינט גאָר ניט אהיים קומען? — האָט א פראגע א בליץ געטאָן אין זיין מוח.

— יא, עס וואָלט גלייכער געווען... אָבער ווי טוט מען דאָס?

— ניין, ער קען עס ניט טאָן, עס פעהלט איהם אויס מוט דערצו.

ער איז פארבייגעגאנגען א סאַלון.

די ציפערען פון'ם גרויסען זייגער, וואָס איז געהאנגען אין סאַלון, האָבען ארויסגעקוקט אין גאס און באוויזען: „דריי".

— עס ווערט שפעט — האָט ער א טראכט געטאָן — און ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער באמערקט, אז ער איז גאָך זעהר ווייט פון דער היים.

— זאָל איך אפשר גאָר אריינגעהן אין סאַלון זיך אָנשעפּען

מיט אַ ביסעל קוראַזש?... — האָט עס איהם אַ ציה געטאָן און ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָרוועדטס...

אַ קאַלטער שווייס האָט אַ שלאָג געטאָן איבער זיין פּנים, ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין...

זיך צוריקהאַלטענדיג מיט אַלע קרעפטען, איז ער אָפּגעשפּרונגען פון דער טיר פונ׳ם סאַלון און ווי געיאָגט פון טויזענדער רוחות זיך געלאָזט לויפען שנעל אַהיים.

ער איז אַריינגעקומען אין הויז מיט שטילע, קוים הערבאַרע טריט... פאַרזיכטיג, ווי אַ גנב, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו געהן ווייטער... דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק געקלאַפּט און פאַרשפּראָכען עפּעס מורא׳דיגע ערוואַרטונגען.

ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין ליזע איז אין הויז ניטאָ, איז איהם ווי אַ שווערער שטיין אַראָפּגעפאַלען פונ׳ם האַרצען... מיט לאַנגזאַמע, שווערע, אָבער מעהר זיכערע טריט האָט ער זיך געלאָזט געהן איבער׳ן הויז.

ער האָט זיך אָנגעפאַנגען דרייסטער אַרומקוקען און איז געבליבען שטעהן אַ פאַרגאַפטער, באַוואונדערענדיג די שעהנע אָרדנונג און געשמאַק. אַלעס איז געווען פאַרפּוצט און אויפגעראַמט אויפ׳ן איידעלסטען שטייגער. יעדע זאַך אין הויז האָט געשפּיגעלט און געבלאַנקט און, דאַכט זיך, געריהמט זיך מיט זייער שעהנער יונגער בעל־הבית׳טע פאַר דעם חן און רייץ, וועלכע איהר געניטע האַנט האָט אויף דעם אַלעס געמאַכט רוהען...

אויף די ווענט זענען אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדנונג געהאַנגען פאַרשידענע בילדער, צווישען וועלכע עס איז געהאַנגען איין גרויס בילד אין זעהר אַ שעהנע, באַגילטע ראַם — זייער ביידענס בילד.

זי שטעהט אָנגעשפּאַרט מיט איהר האַנט אויף זיין אַקסעל, אַריינקוקענדיג איהם ליעבליך אין די אויגען. ער, איין האַנט אַרומגענומען איבער איהר טאַליע, די צווייטע פעסט איינגעדריקט צווישען איהרע דינע, אָפּגעטאָקטע פינגער.

ער איז שטעהן געבליבען פאר'ן בילד מיט א טרויעריג־פאר־טראכטע מינע. עס איז איהם איצט ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק איהר שטילקייט, איהר נאאיווקייט, דער ליעבליכער שמייכעל איה־רער, מיט וועלכען זי פלעגט איהם אלץ אויסהערען און אזוי שטארק געגלויבט און אזוי פיעל צוטרויען צו איהם געהאט. נאר ער, ער... האט צו איהר ניט קיין צוטרויען.

— אך, יענע צייט! — האט ער שטיל און מיט וועהטאג געזיפצט — ווען זי וואלט זיך איצט געקענט אומקערען... ווען ער וואלט זי איצט געקענט צוריקכאפען, וואלט ער שוין גאר אנדערש געהאנדעלט, וואלט ער צו זיין ליזע'ן געזאגט אט אזוי: ליזע! נא, איך עפען פאר דיר מיין הארץ... איך דערצעהל דיר דעם גאנצען אמת... איך בין אזוי ארים, א קליינער פארדינער... און דו, דו פארדינסט פיעל, פיעל מעהר פון מיר... איך שעהם זיך... אבער איך ליעב דיך!... ליזע פארשטויס מיך ניט!... ליזע, בלייב מיינע, ליזע!...

עס האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר...

ער האט זיך א כאפ געטאן... ווי א פארשולדיגטער, וועמען מען געהט בּאלד משפט'ען, איז ער שטעהן געבליבען א פארציטער־טער... א מינוט האט ער געטראכט און באלד האט ער זיך צו עפעס באשלאסען.

ער איז שנעל צוגעגאנגען צום טיש, וועלכער איז געשטאנען ניט ווייט פון פענסטער. נערוועז האט ער ארויסגעכאפט פון קע־שענע דעם ענוועלאפ מיט „פיי", איהם אוועקגעלעגט און זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער מיט'ן פנים צו דער גאס ארויס.

ליזע איז אריינגעקומען מיט א טרויעריג פארזארגט געזיכט, ווי זי וואלט עמיצען געזוכט און ניט געפונען... דערזעהענדיג איהר מאן, איז זי ווי א פויגעל לייכט צו איהם צוגעפלויגען.

— סאלאמאן! מיין גוטער, מיין ליעבער סאלאמאן! וואו ביזטו דאס געווען אזוי לאנג? איך האב דאך דיך אזוי ארומגע־זוכט, אזוי פיעל איבערגעקלערט. זאג שוין, וואס איז געשעהן, וואס דו האסט זיך אזוי לאנג געזאמט?

סאלאמאן האט ניט געענטפערט. ווי פארשטיינערט איז ער

געבליבען זיצען באוועגלאָז אויף זיין אָרט, דעם קאָפּ אראָפּגעבויגען נידריג צום פענסטער און מיט די בליקען צום גאַס.

ליזע האָט איהם ערשטוינט און דערשראָקען אָנגעקוקט.

— אזוי, דו שווייגסט גאָר! ווילסט גאָר ניט רעדען צו מיר... מיר ענטפערען? — האָט ליזע אין א געבראָכענע, כמעט וויינענדע שטימע ארויסגערעדט און איז צוריקגעטראָטען א פּאָר טריט א באלייידיגטע, א ברוגז'ע.

ניט אויסרעדענדיג מעהר קיין וואָרט, איז זי געבליבען שטעהן שטיל, אָנגעשפּארט מיט ביידע הענט אָן טיש אָן אומעטיגע, א פארטראכטע.

איהר בליק איז פּלוצלינג געפאלען אויפ'ן ענוועלאָפּ מיט „פּיי". דער ערנסטער אויסדרוק איז מיט אמאָל פארשווינדען פון איהר געזיכט און דער געוועהנליכער גוטער, מילדער שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף איהרע ליפּען.

זי האָט שוין אלעס פארשטאַנען...

— איז דעריבער — האָט זי זיך מיט דעם זעלבען שמייכעל געווענדעט צו איהר מאַן, איהם אומארמענדיג און אויסדרעהענדיג זיין געזיכט צו זיך, האלטענדיג דעם ענוועלאָפּ מיט „פּיי" פאַר זיינע אויגען — איז דעריבער דאַרף מען אָט אזוי זיין? — נאריש מאַנעלע וואָס דו ביזט!... אוי האָב איך א נאריש מאַנעלע!... נאַ, נעהם דיר דיין „פּיי" און קויף דיר דערפאַר א גוטע באקס סיגארען!...

סאלאמאָן האָט פארשעהמט אָון גליקליך אַרונטערגעלאָזען די אויגען.

ווען איהר מאַן ארבייט ניט

אין אַ וואָכענדיגען טאָג, ווען איהר מאַן ארבייט ניט, ווייל עס איז סלעק, פיהלט די פרוי עפּעס מאָדנע ניט אויפגעלעגט. זי פיהלט אַזוי ניט דערפאַר, ווייל זי האָט איהר מאַן ניט ליעב און וואָלט איהם ניט וועלען האָבען אין דער היים; פאַרקערט, אין אַ זונטאַג, אָדער אַזוי אין אַ פרייען יום־טוב־טאָג, ווען איהר מאַן ארבייט ניט, פיהלט די פרוי זעהר אַנגענעם אין זיין אַנוועזענהייט. מיט אומגעדולד ערוואַרטעט זי אַזאַ פרייען טאָג, ווען זי וועט קענען מיט איהר מאַן און קינד פאַרברענגען צוזאַמען.

ניט גוט אויפגעלעגט פיהלט זי נאָר אין אַ מיטען וואָך טאָג, ווען דער מאַן איז דעם גאַנצען טאָג אין דער היים. עס פּאַסט זיך עפּעס ניט אַריין אין דעם טאָג־טעגליכען אינהאַלט פון איהר וואָ־כענדיגען לעבען.

אַז איהר מאַן ארבייט, האָט זי שוין איהר טעגליכען פּראָגראַם, וואָס זי באַדאַרף דעם טאָג אָפּטאָן: באַלד ווי זי שטעהט אויף, גיט זי דעם קינד אָפּצועסען, רוימט אויף די הויז, אַמאָל וואַשט זי אָדער פּרעסט, מאַכט גרייט דעם סאַפּער אויף פאַרנאַכט אָפּצוקאָ־כען. דאָס פאַרנעהמט ביי איהר אַ האַלבען טאָג.

נאָך אַ האַלבען טאָג געהט זי אַרונטער מיט'ן קינד אויף אַ שפּאַציר אין דעם נאָהנטסטען פּאַרק, וואו זי טרעפט זיך מיט איהרע פריינדינעס, אויך פאַרהייראַטע ווייבלעך, געהט מען צוזאַמען און מען רעדט און מען דערצעהלט זיך מעשות פון אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר דורך דעם טאָג מיט זיי פאַרלאָפען. מען לאַכט און מען „דזשאָוקט", מען באַקוקט איינע די אַנדערעס קינדער, די נייע קינ־דערשע קליידלעך, וועלכע די מוטערס האָבען פאַר זיי אַליין אויפ־געמאַכט. מען זאָגט מבינות, אַז דאָס אָדער יענעס מאַנטעלע איז „ביוטיפול", „דענדי", פאַר איהר קינד מאַכט זי אויך אַזוינס.

אין מיטען דערזעהט איינע פון זיי, אַ שעהנעם יונגען־מאַן

פאַרבייגעהן איינער אַליין. מיט אַ פאַרטראַכטען בליק קוקט ער ערגעץ אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט עמיצען געזוכט. גיט די, וואָס האָט איהם דערזעהן, אַ צופּ די צווייטע פאַר׳ן קלייד, די צווייטע די דריטע. איינע ווייזט אָן די אַנדערע אויף דעם שעהנעם יונגען־מאַן, וואָס שפּאַצירט אַזוי שטאָלץ און פאַרטראַכט. זאָגט איינע, אַז ער מוז אודאי זיין אַ מאָלער, זוכט עמיצען אָפּצומאָלען. זאָגט די צווייטע: ניין! ווי איהר דאַכט, איז ער אַ „גרייט פּאָעט". די דריטע וויל האָבען, אַז ער איז גאָר אַ „מיוזישען".

פאַרנאַכט געהט די פרוי אַרויס צום סטיישאָן מיט׳ן קינד באַגעגענען איהר מאַן. די באַגעגעניש איז אַ הארציגע און אַ וואַרימע. ער דריקט ליעבליך איהר אָרעם און קושט דאָס קינד. דאָס שטיקעל וועג צום הויז געהט מען און מען רעדט פון פאַרשידענעס. אין הויז איבעראַשט ער איהר מיט אַ פּרעזענט, פאַר וועלכען זי באַצאָלט איהם מיט אַ קוש. דעם קינד ברענגט ער קענדי.

אַנדערש איז אָבער אין אַ מיטען־וואָך־טאָג, ווען עס איז סלעק און איהר מאַן אַרבייט ניט. דער טאָג נעהמט עפּעס אָן אַנדער פאָרם. יעדע מינוט, יעדע שעה פונ׳ם טאָג, ווערט אומגעביטען ניט אויף אַ זונטאָג׳דיגען אָדער אויף אַ יום־טוב׳דיגען אָרט, נאָר אויף עפּעס שווערעס און דריקענדעס... די אַנוועזענהייט פון איהר מאַן מאַכט איהר דעם טאָג נערוועז... עס דאַכט איהר אויס, אַז עפּעס אַן איבריגער מענש שלאָנדערט זיך אַרום אין הויז אין וועמעס געגענוואַרט זי פיהלט זיך געבונדען... ניט פריי אַרויסצוגעהן אויף דער ברייטער גאַס זיך טרעפען און באַגעגענען מיט איהרע „אַמיוזמענטס".

זי קוקט אויף איהר מאַן און דערקענט איהם, דאַכט זיך, ניט. ווי ער וואָלט זיך מיט אַמאָל אומגעביטען. ווי אַ פרעמדער ווייזט ער אויס דעם טאָג אין איהרע אויגען, ניט נעהנטער, ווי, צום ביישפּיעל, דער אינשורענס־מאַן, וואָס קומט יעדען מאָנטאָג מאָנען פאַר איהר אינשורענס־פּאָליסי, אָדער ווי דער איידזשענט פון דער סינגער־מאַשין, וואָס קומט מיט אַ טאָג שפּעטער קאָלעקטען פאַר דער מאַשין.

און וואָס וויל דאָ, אָט דער מאַן, וואָס דרעהט זיך דאָ אַרום

אַט דעם גאַנצען טאָג אַ לײדיגער אין הויז, ווי אַ וועכטער, וואָס היט איהר נשמה... וואָס מאָנט ער פון איהר? יענע געהען כאַטש אַוועק און ער בלייבט.

דער מאַן, פארקערט, פיהלט דעם טאָג גוט און אויפגעלעגט. ער ווייסט, אַז זיין סטאַפּען איז נאָר אַ צייטווייליגע. אין אַ טאָג אָדער צוויי ארום וועט ער ווידער ארבייטען. וויל ער די פּאָר טעג „געוואונענע" פרייהייט אויסנוצען אויפ'ן בעסטען אופן.

— דו ווייסט — זאָגט ער צו זיין פרוי, — אַט וועלען מיר גאָר היינט געהן אין אַ וואָדעוויל.

— כ'וויל ניט געהן אין ערגעץ — ענטפערט די פרוי בייז און פארדרעהט דעם נאָז.

— פאר וואָס עפּעס ווילסטו ניט, פיהלסט עפּעס ניט גוט?

— פרעגט דער מאַן באַזאָרגט.

— איך וויל ניט און „דאַטס אָל!" און פרעג מיך מעהר ניט, — ענטפערט זי איהם אָפּ מיט רוגזה קורץ און שארף און קערט זיך אָפּ פון איהם.

וואונדערט זיך דער מאַן און קען ניט פארשטעהן, וואָס מיט זיין פרוי איז געוואָרען. זיין געמיט ווערט שווער. פארטראַכט זיך טרויעריג און אין זיין מוח הויבען זיך אָן צו מישען פאר־שידענע געדאַנקען — — —

אין אָוועגט ווערט די פרוי מילדער. עס דאַכט איהר אויס, אַז איהר מאַן איז צוריקגעקומען פון דער ארבייט. ער באַקומט ביי איהר ווידער דעם אויסזעהן פון איהר מאַן. זי רעדט צו איהם ווידער ליעב און פריינדליך, גלעט זיינע האָר, מען עסט צוזאַמען סאַפּער, און מען קלייבט זיך צו געהן אין די מואווינג־פּיקטשורס.

— פאר וואָס ביזטו דעם גאַנצען טאָג היינט געווען אויף מיר אַזוי בייז? — קען זיך דער מאַן ניט אָפּהאַלטען גוטמוטיג צו פרעגען ביי זיין פרוי.

די פרוי פארשעהמט זיך, לאָזט ארונטער די אויגען און ענט־פערט: „איך ווייס אַליין ניט... אַט שוין אַזאַ געוואוינהייט ביי מיר... ארבייטסט מאָרגען?"...



S. RASKIN

ברוגז

סיידי און קיידי, צוויי פריינדינעס, זענען עפּעס צוליעב אַ קליינינקייט ברוגז געוואָרען. מילא, ברוגז איז ברוגז — רעדט מען ניט איינע צו די אנדערע, ביז עס געהט אריבער אַ שטיקעל צייט, טרעפט מען זיך, רעדט מען זיך דורך, מען טענה'ט זיך אויס, מען בעט זיך איבער, און עס ווערט ווידער שלום.

איז אָבער די צרה, וואָס סיידי און קיידי וואוינען צוזאַמען אין איין רום, שלאָפען צוזאַמען אין איין בעט און ברוגז זיין מוז מען כאָטש אַ קליין שטיקעל צייט. אויב ניט, צו וואָס־זשע האָט גע־לוינט דער גאַנצער עסק?... און איבערבעטען וויל ניט איינע די אנדערע אַזוי גיך; איינע וויל די צווייטע זאָל נאָכגעבען און דאָס שטענדיגע צוזאַמען זיין איינע מיט די אנדערע, די שטענדיגע נאָהנטקייט מאַכט די שטימונג צווישען די ביידע ברוגז'ע נאָך מעהר אָנגעצויגען... מען קוקט איינע אויף די אנדערע קרום...

טרעפט מען זיך אין אָווענט, קומענדיג פון דער ארבייט, ביים סאַפּער, זיצען זיי ביידע ביים טיש, ביי דער מיסעס אין דיינינג־רום און מיידען אויס איינע די אנדערעס בליקען, מאַכען אַ מינע, ווי זיי קענען זיך גאָר ניט... און טרעפען זיך שוין יאָ אַמאָל זייערע בליקען פּרופען זיי זיך צו ציינגען אַזוי בייז ווי מעג־ליך... איינע וויל די צווייטע אריבערשטייגען אין אָנגעבלאָזענ־קייט... זיצען זיי ביידע די נעזער וואָס לענגער ארונטערגעלאָזען...

קען עס די מיסעס, ביי וועמענס טיש זיי זיצען און עסען, ניט פאַרליידען, וואָס איהרע באָרדערקעס זיצען אַזוי אָנגעבלאָזען. זי מיינט, אַז איהרע סאַפּערס געפעלען ניט, ווערט זי נערוועז, בייז אויף איהרע באָרדערקעס, וואָס זיי קרומען זיך אַזוי אויף

איהרע עסענס. זי ארבייט, פּראַצעוועט שוועך און ביטער, קאַכט זיי אָן... זעהט מיט אַלע מעגליכקייטען, אַז דאָס עסען זאָל ארויס־קומען גוט, געשמאַק, אָם ענדע, נאַ־דיר! עס געפעהלט זיי גאָר ניט!...

דערקענען שוין די מיידלעך, אַז זייער מיסעס איז היינט עפּעס בייז. זי רעדט ניט צו זיי, קוקט אויף זיי עפּעס מיט אַזא מאָדנע זויערע מינע, און איהרע אויגען שיסען מיט פייער. עפּעס וויל זי ארויסשיסען, נאָר זי האַלט זיך איין, לאָזט אויס דעם כעס צו די קינדער, שלאָגט זיי און וואַרפט זיי אריין אין די בעטלעך שלאָ־פען. דעם מאַן שפּאַנט זי איין, ער זאָל פאַרווינען די אינגסטע בייבי, וועלכע הערט ניט אויף צו רייסען זיך אויף די ציין. דערביי גיט זי איהם אַ „גאַב" פאַר די פינסטערע מערכה, וואָס זי האָט ביי איהם. זייט ער האָט איהר אריבערגעבראַכט קיין אַמעריקא, טענה'ט זי מיט הארץ־וועהטאַג, האָט זי נאָך קיין חיי־שעה ניט געהאַט. רק האָב צו טאָן מיט באָרדערס, מיט באָרדערקעס, זאָל ער, דער מאַן איהרער, אַזוי כח האָבען צו לעבען, ווי זי האָט שוין כח פון זיי אויסצוהאַלטען... דערענדיגט זי מיט אַ פּאָר קללות...

און ווען זי נעהמט זיך וואַשען די כלים, פאַלט ביי איהר אַלץ פון די הענט. אַ לעפעל פאַלט ארונטער, אַ טעלער ווערט צעבראָ־כען... די קאַץ, וועלכע רוקט זיך די מינוט אונטער גאָר אומשול־דיגערהייט, אפשר וועט זיך איהר איינגעבען אַ לעק צו כאַפּען, קריגט אַ שטויס מיט'ן פוס...

די מיידלעך קוקען זיך ברוגז'דיגערהייט איבער. דאָס מאָל זענען זייערע בליקען שוין מעהר ניט אַזוי שטרענג איינע צו די אַנדערע. פאַרקערט, עפּעס רחמנות'דיגעס, אומבאהאָלפענקייט, קוקט ארויס פון זייערע אויגען. און ס'דאַכט זיך, ווי די בליקען זייערע וואָלטען רעדען איינע צו די אַנדערע און פרעגען: וואָס האָט דאָ אַזוינס פּאַסירט? פאַר וואָס איז די מיסעס אַזוי בייז אויף אונז? וואָס טוען מיר איהר דען פאַר אַ שלעכטס, וואָס זי וואַרפט זיך אַזוי?

נאָך אַזעלכע פראַגע־צייכענס שפּיגלען זיך אָפּ אין זייערע בליקען...

און נאָך קיינמאָל האָבען זיי אַזוי ניט געפיהלט די נויטווענ־דיגקייט זיך דורכצורעדען איינע מיט די אַנדערע ווי יעצט. פּלוצ־לינג האָבען זיי זיך דערפיהלט עלענד, פרעמד. ס׳דערמאָנט זיי אָן די ווייטקייט און די אָפּגעריסענקייט פון דער היים, פון זייערע אייגענע... אָן זייער נע־ונד זיין און ארומוואַלגערען זיך אין פרעמ־דע הייזער, ביי פרעמדע טישען, אָהן אַ היים און אָהן אַ פריינד...

דאָרט אין דער היים זיצט איצט די ליעב־הארציגע מאמע און וויינט אויס די אויגען נאָך זיי... דער טרייער פאָטער, די שוועסטער, ברידער, בענקען...

אין דער ווייטער וועלט זענען זיי געפאָהרען גליק זוכען... גאָלדענע פאַנטאַזיעס, זיסע האָפנונגען... ליעבע חלומות גע׳חלום׳ט. פון שעהנע בחורים מיט גאָלדענע זייגערס אויף די ברוסטען און דימענטענע רינגען אויף די פינגער, האָבען זיי געטרוימט... און זיי וועלען זייערע כלות זיין... שפּעטער אַ היים... קינדערלעך...

און ווי טרויעריג אַנדערש עס האָט זיך אויסגעלאָזען...

„קיידי, שוועסטער!" רעדט שטומערהייט סיידי׳ס בליק.

„סיידי, שוועסטער!" ענטפערט שטומערהייט קיידי׳ס בליק.

און ביידענס בליקען, דאַכט זיך, פרעגען: פאַר וואָס זענען מיר ברוגז? מיר טראָגען דאָךביידע די זעלבע וועהטאָגען אין הארצען, די זעלבע שמערצען... דעם זעלבען גורל...

און אויף מאָרגען פריה געהען זיי גלייך אַרוים צו דער אַרבייט, פריינדליך, שלום.

בעטגעוואַנט

ווען דאָבע, גאָלדע'ס מאמע, פלעגט זיצען טעג און נעכט מיט איהר איינגעבויגענעם מיעדען רוקען, בלענדענדיג איהרע אַלטע אויגען פליקענדיג די פעדערען פאַר איהר קינד'ס בעטגעוואַנט, האָט זי געוויס ניט גע'חלום'ט, אַז פון איהר שווערער האָרעוואַניע וועט ווערען אַזאַ תל.

זי איז געווען פול מיט האָפנונג און גלויבען, אַז היינט אָדער מאָרגען וועט דער אויבערשטער צושיקען עפּעס אַ רעכטען זיווג פאַר איהר קינד, און זי וועט נאָר אין גיכען דערלעבען אַ שטיקעל נחת פון איהר איינציגע טאָכטער, וועלכע איז איהר פון צעהן קינדער איינע געבליבען.

קיין גליקליכערען געדאַנק האָט נאָר די מוטער ניט געקענט האָבען, ווי נאָר צו זעהן איהר טאָכטער פאַרהייראַט פאַר אַן אָנשטענדיגען יונגען מאַן, ביי וועמען אין הויז זי, אַן אָרימע עלענדע אַלמנה, זאָל אויך קענען געפינען אַ שטיקעלע היים. זי איז געווען בערייט די קינדער אַרויסצוהעלפען מיט אַלעס, וואָס זי וועט נאָר קענען, אפילו באַדינען זיי, העלפען שלעפּען אויף איהרע אַלטע פּלייצעס דעם יאָך פון פּרנסה, אַבי אין שטוב זאָל גאָר ניט פעהלען, ער זאָל ניט זיין נעצוואונגען, ווי די מעהרסטע היינטיגע יונגע לייט באַלד נאָך דער חתונה, אוועקצופאָהרען אין אַמעריקא. זי האָט געוואָלט האָבען איהרע קינדער לעבען זיך.

און דערפאַר, ווען עס פלעגט אַריינקומען אַ יונגער־מאַן אין הויז, איז איהר ערשטער געדאַנק באַלד געווען, צי וועט ער ניט קענען זיין אַ גוטער זיווג, אַ לייטישער חתן פאַר איהר קינד. און ווי אַ קלוגע מוטער האָט זי געפאָרשט און געזוכט פון איהם צו דערגעהן, צי איז ער עפּעס אַ לייטישער מענש, דערביי האָט זי ניט

פארגעסען צו זיין צו איהם אזוי פריינדליך ווי מעגליך, דערלאנגען איהם כבוד, רעדען צו איהם הײמיש, פריי װעגען איהר קינד'ס מעלות... און מעהר פון אלץ פלעגט זי דערמאנען די בעטגעוואנט, װעלכע װעט, נאך איהר מבינות, זיין איינע אין שטאדט... ווייל זי אליין הארעװעט שוין אויף דעם יאהרען, צופט אויס יעדע פיצע־לע באזונדער, אזוי עס זאל דורכאויס זיין פוך, ראיעלע פוך, ניט געפאלשעװעט. א מאמע האט פיינט צו פאלשעװען פאר איהר קינד.

און רעדענדיג װעגען די בעטגעוואנט, פלעגען איהרע אויגען אויפשיינען פון אן אינערליכער פרייד. זי פלעגט א װיילע פאר־געסען אן איהר נויט, ארימקייט און עלענד. איהר הארץ פלעגט איבערפילט װערען מיט גליקליכע האפנונגען און ערוואַרטונגען אויף איהר קינד'ס גליק. און פארוואלט האט זיך איהר די מינוט נעהמען א טענצעל איבער'ן הויז. און ניט לאנג װארטענדיג, פלעגט זי א כאפ טאן די טאכטער, א דרעה טאן זיך מיט איהר איבער'ן הויז און נאכדעם צודריקען איהר קינד'ס קאפ צו איהר אלטע ברוסט און בארעקען איהרע האר, האלז און נאקען מיט מוטערליכע הייסע קושען.

גאלדע פלעגט נאך אזא האנדלונג פון איהר מוטער בלייבען געריהרט. עס האט איהר אויסגעװיזען, אז זי האט נאך אזא טריי־הייט און אזא אפפערװיליגקייט ביי קיין מוטער ניט ארויסגעזעהן. און ניט װיסענדיג װי אזוי אויסצודריקען איהר ליעבע און דאנק־בארקייט צו דער מאמען, פלעגט זי זיך צעװויינען...

— נארעלע, נאריש קינד! — פלעגט די מוטער זיך דערשרע־קען פון איהר טאכטער'ס פלוצלינגען געװיין — װאס האסטו זיך צעװויינט? נעהמט א גרויסע מויד און צעװויינט זיך... ס'געהערט אמאל! צו מיינע שונאים'ס קעפ זאל עס אויסגעהן; — פלעגט זי איהר מאכען פארװירפע, גלעטענדיג איהר איבער די האר.

אבער גאלדע האט פארט געװויינט, אליין ניט װיסענדיג פאר װאס. צי אפשר האט איהר דאס הארץ געזאגט, אז דער מזל איהרער װעט זיין אזא שלעכטער?... צי האט זי נאך עפעס געבענקט?...

דער מוטער'ס האפנונגען זענען ניט מקוים געוואָרען.

עס איז אוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. דער רעכטער זיווג איז ניט געקומען.

דער מאַמע'ס הארץ איז אומרוהיג געוואָרען... אויף איהר פארעלטערטע צעקנייטשטע געזיכט האט זיך אַ טיעפע זאָרג איינגעקריצט... פון איהרע אויגען האט מען געקענט דעם שמערץ ארויסלעזען...

זי איז שוין איצט ניט געווען מעהר אזוי מוטיג און אזוי טריי צו איהר גלויבען... עפּעס האט זי געפיהלט אַ שטילען, אַ טיעפען כעס צו איהר מזל, וועלכער האט איהר פאררראטען... זי האט מעהר ניט ארויסגעצייגט ניט אין ווערטער, ניט אין טאט איהר טיעפע איבערגעבענע ליעבע צו איהר טאָכטער. און פארביטערט פלעגט זי קוקען אויף איהר טאָכטער און ס'איז איהר שווער געווען צו איהר צו רעדען און נאָך שווערער צו שווייגען... און יעדעס מאָל, ווען איהרע אַלטע אויגען האָבען אויף איהר טאָכטער אַ בליק געוואָרפען און געזעהן, ווי זי ענדערט זיך פון טאָג צו טאָג, איהר פּנים ווערט בלייכער, די אויגען מיעדער, האפנונגסלאָזער, פלעגט זי אין דער שטיל ביטער זיפצען. און גאָלדע האט שטילערהייט באָאָבאכטעט איהר מאַמע'ס שטומע בליקען, איהרע שטילע זיפצען האָבען איהר ווי מיט מעסערס געשניטען... זי האט פארשטאנען, וואָס אין איהר מאַמע'ס הארץ געהט פאָר און אומערטרעגליך שווער איז געוואָרען איהר לאַגע...

און געפיהלט האט זי, אַז די ענגע פארבינדונג צווישען איהר און איהר מוטער האט, אוים צופיעל טרייהייט, געפּלאַצט... און דאָס בעסטע וועט זיין זיך צושיידען, ווייל ניט נאָר אוים האס מוז מען אמאָל אויסמיידען איינע די אנדערע, נאָר אויך אוים שטאַרקע, הייסע איבערגעבענע ליעבע...

דאַן האט זי באשלאָסען אין אמעריקא צו פאָהרען זוכען איהר גליק.

און נאָך פיעל געוויין, זיפצען און טרערען האט זיך גאָלדע מיט איהר מוטער צושיידט.

שוין פיער יאָהר איז גאָלדע אין ניו יאָרק.

שוין פיער יאָהר, אז זי וואלגערט זיך ארום ביי די מיסעסען אין די ענגע, פארשטיקטע בעדרומס און די בעטגעוואנט פאָלגט איהר נאָך, ווי שטומע עדות פון איהר פארגאנגענהייט.

ניט געוואָלט האָט גאָלדע די בעטגעוואנט מיטנעהמען, ווייל, ווי זי האָט געהערט דערצעהלען, איז אין אמעריקא בעטגעוואנט נאָר אן עול אויפ'ן קאָפּ ביי א מיידעל, וועלכע האָט קיין היים ניט... און וויפיעל זי האָט דאמאָלסט ניט צו'טענה'ט מיט דער מוטער, אז זי וויל די בעטגעוואנט ניט מיטנעהמען, זי זאָל עס בעסער פארקויפען און האָבען אויף צום לעבען, האָט אָבער די אַלטע דאָבע ניט געוואָלט הערען פון דעם. זי האָט מיט טרערען אין די אויגען זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל די בעטגעוואנט יא מיטנעהמען, ווייל זי האָפט צו גאָט, אז זי וועט נאָך דאָרטען די בעטגעוואנט נוצען אין פרייד און אין נחת מיט איהר רעכטען זיווג, וואָס זי וועט דאָרטען קריגען. אפשר האָט איהר גאָט געשטראָפט פאר עפּעס, וואָס זי האָט ניט די ווערטה צו זיין אויף איהר קינד'ס חתונה, האָט די אַלטע געזאָגט מיט א זיפץ. די בעטגעוואנט אָבער מוז זי מיטנעהמען . זי וועט שוין דעם נחת פון וויטען הערען...

און גאָלדע האָט איהר געמוזט צוליעב טאָן.

און וואָס איז גאָלדע שוין ניט אויסגעשטאנען פון איהרע בעטגעוואנט! געוואוינט אָפטמאָל מאָנאטען לאנג אין א רום, פון וועלכען זי האָט געוואָלט ווי פון פייער אנטלויפען. אָבער געה שלעפּ זיך מיט א פּאק בעטגעוואנט...

די בעטגעוואנט גופא, האָט אויך קיין בעסערען מזל ניט געהאט. וואו האָט עס זיך שוין אַלץ ניט אויסגעוואלגערט? אויפ'ן בעט און אונטער'ן בעט, אין שטוב און אין קיטשען, אויפ'ן לאונדזש און אונטער'ן לאונדזש, און באנוצט האָט זיך שוין מיט דעם דער מיסטער, די מיסעס און די באָרדער... און די געסט, וועלכע קומען אָפט צו גאסט מיט זייערע פּאר טוץ קינדערלעך, אַלע, אַלע האָבען שוין פארזוכט דעם טעם פון די היימישע פּוכאָווע חתונה־בעטגעוואנט.

און ווען גאָלדע גיט אמאָל א בליק אויף די בעטגעוואנט און

דערזעהט, וואָס פאַר אַ פּנים די קישענס און די פּערענעס האָבּעז שוין באַקומען, ווי געל, אָפּגענוצט און צעקנייטשט זיי זענען שוין געוואָרען, דאַכט זיך איהר אויס, אַז זי זעהט אין דעם איהר אייגען פאַרעלטערט געשטאַלט און אַ שוידער לויפט דאַן דורך איבער איהר גאַנצען קערפּער.

און איהר מאַמע הערט איהר ניט אויף צו פרעגען יעדען מאָל אין די בריעף, וואָס עס הערט זיך מיט די בעטגעוואַנט. גאָלדע פאַרשטעהט, וואָס איהר קלוגע, גוטע מוטער מיינט מיט איהר פראַגע... זי ווייסט, אַז דאָס איז נאָר אַזאַ דיפּלאָמאַטישער דריידעל, אַ קלוגער איינפאַל, ווי אַזוי צו דערוויסען זיך וועגען איהר קינד'ס אויסזיכטען אויף עפּעס אַ שידוך, פון וואָס זי טרוימט שוין אַזוי פיעל לאַנגע יאָהרען, נאָר זי האָט ניט קיין האַרץ איהר אַרויסצושרייבען דייטליך און פרעגען ווי זי האַלט...

ווען גאָלדע לייענט איבער אָט די פראַגע, גיט זי אַ טרויעריגען שמייכעל. עס גלוסט זיך איהר דאַן אי לאַכען, אי וויינען... עפּעס וואָלט זיך איהר וועלען ענטפערען, באַרוהיגען דער מוטער, אָבער זי ווייס ניט וואָס און ווי אַזוי דאָס צו טאָן. זי פאַסט זיך דאַרום קורץ און ענטפערט איהר, אַז די בעטגעוואַנט איז „אָל־רייט“...

איהר לעצטער טאָג אין שאָפּ

ליזא זיצט היינט אין שאָפּ ביי דער ארבייט א פרעהליכע, א גליקליכע.

היינט איז ביי איהר א גליקליכער טאָג, פיליכט איינער פון די גליקליכסטע טעג אין איהר לעבען.

ווען דער טאָג וועט פארגעהן, און זי, און אלע איהרע חבר'טעס, מיטארבייטערינס וועלען ענדיגען די ארבייט, וועט זי זיין די איינ־ציגע, וועלכע וועט האָבען די שאָפּ־קייטען פון זיך שוין אין גאנצען אראָפּגעוואָרפען...

אין א וואָך ארום איז ביי איהר חתונה.

וואָס פאַר א זיסער, ערפרעהענדער געדאנק!

זי שטעלט זיך שוין פאָר, ווי אזוי זי וועט זיך דאָס נאָך דער חתונה איינאָרדנען אין איהר אייגענער היים, אין די שעהנע רומס, וועלכע זי, מיט איהר מאקס'ען האָבען לעצטענס גערענט. זי וועט די הויז האלטען ריין, ציכטיג, יעדע זאך וועט ביי איהר זיין אין אָרדנונג, אין יעדען ווינקעלע וועט שפּיגלען... אזוי, אז ווען זי וועט אמאָל אויף א זונטאג פארבעטען איהרע חבר'טעס, זאָלען זיי האָבען אויף וואָס א קוק צו טאָן, זאָלען זיי דאָס אלץ באוואונדערען און איהר מקנא זיין...

זי וואַרט מיט ברענענדער אומגעדולד די מיטאָגס־שטונדע זאָל שוין קומען, וועט זי באלד איבערראשען אלעמען אין שאָפּ מיט דער גוטער בשורה, אז זי געהט אין א וואָך ארום חתונה האָבען. אוי וועט זיך דאָס א ביסעל אָפּטאָן, ווען זיי וועלען זיך פּלוצלינג דערוויסען, אז זי, ליזא, געהט חתונה האָבען! זי האָט זיי אפילו קיינמאָל ניט דערצעהלט, אז זי איז שוין א כלה.

אפילו ניט אזוי שעהן געווען פון איהר, אָבער זי האָט בעסער ניט געקענט האנדלען.

וואָס דען האָט זי געזאָלט טאָן, דערצעהלען זיי, אז זי איז שוין א כלה? דעם גאנצען „שאָו“ וואָלט זי פארלאָרען...

אָבער אזוי?... זי צעלאכט זיך אזש ביי דעם געדאנק.

און סעם, וואָס פאר א מינע ער וועט דאָס מאכען! ער האָט זיך די לעצטע צייט זעהט שטארק צו איהר גע'שדכנ'ט...

א שעהנעם פנים וועט ער האָבען...

זי וועט איהם זינגען א לידעלע: „אָט אזוי, אָט אזוי נארט מען אָפּ א חתן!“...

און דער גאנצער שאָפּ וועט „געהן אויף רעדלעך“, מען וועט לאכען און זיך לוסטיג מאכען.

„אויב אזוי האָסטו מיך גוט געפיהרט אין חדר אריין“... וועט סעם זאָגען און וועט מיטלאכען.

זי וועט איהם גוטמוטיג פארזיכערען, אז זי האָט מיט דעם גאָר ניט געמיינט.

און נאָכדעם וועט זי אלעמען „אינוויטיישאָנס“ טיילען, וועט זי איהם, סעם'ען, דעם ערשטען אויסטיילען.

זי וועט איהם בעטען צו איהר חתונה.

„אויף איהר חתונה!“ ס'ווערט איהר עפּעס ניט היימליך ביי דעם געדאנק.

און דאָ ניט לאנג האָט ער זיך איהר שוין ניט איינמאָל, אין די מיטאָג־שטונדען, דאָרט אין ווינקעלע, אין ליעבע ערקלערט.

זי האָט דאמאָלסט געשמייכעלט און געשוויגען.

און אמאָל, געהענדיג מיט איהם צוזאמען פון דער ארבייט, האָט ער זי געבעטען מיט איהם זיך א ביסעל דורכצוגעהן. זי האָט עס איהם ניט געקענט אָפּזאָגען, איז זי מיט איהם געגאנגען, ביז זיי זענען צו א פּארק געקומען. עס איז שוין געווען טונקעל. האָבען זיי זיך ביידע אויף א באנק אוועקגעזעצט. דאמאָלסט האָט ער זיך פּאר איהר אפשר צום צעהנטען מאָל אין ליעבע ערקלערט, און זי, ווי אלע מאָל, האָט געשמייכעלט און געשוויגען...

ער האָט עס פאר א גוטען סימן אָנגענומען... האָט ער זי

ארומגענומען, איהר אזוי ליעב, אזוי מילד אין די אויגען ארייג־
געקוקט... און נאָכדעם האָט ער זי געקושט...

זי האָט זיך ניט געוועהרט, נאָר געשמייכעלט און געשוויגען...

„צו וואָס האָט זי געשוויגען?" ענגבערט איהר ערשט אין
מוח — וואָלט זי איהם בעסער דאמאָלסט גוט אָנגעזידעלט און
איהם פון זיך אָפּגעשטויסען און געמאַכט אַן ענדע צו דעם שפּיעל...

עס טוט איהר שוין טאַקע באַנג, זעהר באַנג...

און איצט איז שוין צו שפּעט.

ער וועט דורך איהר אזוי ליידען... עס טוט איהר וועה דאָס
הארץ אויף איהם.

ניט ווילענדיג דרעהט זי אום דעם קאָפּ און ווארפט א בליק
הינטער זיך, וואו סעם זיצט ביים מאשין, איהרע בליקען באַגעגענען
זיך מיט זיינע... א גאַנצען ים מיט ליעבע, דאַכט זיך איהר, זעהט
זי זיך אָפּשפּיגלען אין זיינע אויגען... זיין מינע זעהט אוים אזוי
בענקענדיג זים... זיין גאַנצער קערפּער האָט עפּעס ווי א ציטער
געטאָן און זיך א ציה געגעבען פון מאשין צו איהר...

זי דרעהט אָפּ שנעל דעם קאָפּ צוריק און פארטיעפט זיך פלייַ־
סיגער אין דער ארבייט.

אָבער די געדאַנקען וועגען סעם'ען לאָזען איהר ניט נאָך.
עפּעס ווילט זיך איהר די מינוט נאָר טראַכטען פון איהם...

זי ווערט בייז אויף זיך אליין... און פלינקער נעהמט זי וואר־
פען מיט די הענט איבער דער ארבייט, ווענלענדיג זיך פארגעסען
אַן איהם, אָבער סעם געהט איהר דאָך פון זינען ניט ארוים.

עפּעס פיהלט זי צו איהם אזא מאָדנעם מיטלייד...

און ווי איהר דאַכט, איז זי צו איהם עפּעס ניט גלייכגילטיג...

טפו! וואָס איהר קען איינפאַלען!

היינט — א וואָך פאר איהר חתונה.

ווען איהר מאַקס וואָלט עס געוואוסט, וואָלט ער...

זי דערשרעקט זיך אזש ביי דעם געדאַנק...

עמיצער האָט לייכט איהר אַקסעל אָנגערירט.

זי גיט זיך צעשראָקען א כאַפּ און קוקט זיך ארום... אין שאָפּ
איז שוין אַלעם שטיל... יעדערער האָט זיך אין א ווינקעלע פאר־

קליבען און וויקעלט פאנאנדער א פעקעלע, פון דארטען עסען ארויסצונעהמען... הינטער איהר שטעהט סעם, האלט עפּעס אין האנט אוןווארט אויף איהר.

— וואס שטעהט איהר דא? וואס ווילט איהר? — ניט זי איהם א פרעג מיט א געמאכטער בייזקייט.

— דינערטיים! — דערמאנט איהר סעם מיט זיין געוועהנלי־כען ליעבען שמייבעל.

— איך וויל היינט ניט עסען! — ענטפערט איהם אפּ ליזא מיט דעם זעלבען שטרענג־געמאכטען טאן.

— פאר וואס? — קוקט איהר אן סעם פארוואונדערט.

— אט אזוי, דערפאר ווייל איך וויל ניט.

— זייט איהר קראנק? — רעדט ארויס סעם אין א באזארגטען טאן.

— באדערט מיך ניט, איך בעט ביי אייך — ווערט שוין ליזא אמת בייז.

— ליזא!!

— נעהט אוועק פון מיר, טוט מיר צוליעב.

— איהר שפאסט עס.

— ניין, איך מיין עס טאקע ערנסט.

— אבער, ליזא, וואס איז מיט אייך געווארען? — וויל סעם ניט אפּטרעטען מיט זיינע פראגען — מיט וואס האב איך זיך ביי אייך אזוי פארזינדיגט? זאגט! וועל איך בעטען ביי אייך ענטשולדיגונג.

— אבער וואס ווילט איהר פון מיר האבען? וואס האט איהר זיך אין מיר אנגעטשעפּעט? — איז שוין ליזא אויפגעשפּרונ־גען מיט כעס — ווער האט דען צו אייך? גנעהט אייך געזונדטער־הייט.

— אויב אזוי מיינט איהר דאך שוין טאקע ערנסט! — האט סעם ארויסגערעדט אין א טרויעריגען וועה־מוטיגען טאן און גע־ווארפען אויף איהר א בליק, ווי ער וואלט זיינע אייגענע אויגען ניט גלויבען און מיט אן אראפּגעלאזענעם קאפּ איז ער צוריקגע־טראטען.

ליזא איז געבליבען זיצען אויף איהר אָרט ווי פאַרשטיינערט, זיינע לעצטע ווערטער און זיין טרויעריגער פאַרצווייפעלטער בליק האָבען אויף איהר אזוי געווירקט, אז ס'האָט איהר אזשביים הארצען פאַרקלעמט, ביז צו טרערען גערירט... „אויב אזוי מיינט איהר דאָך שוין טאַקע ערנסט!" האָט ניט אויפגעהערט טרויעריג־צעוועהטאָגט אָפּקלינגען אין איהרע אויערען. זי האָט געמוזט איינבויגען דעם קאָפּ און זיך כאַפּען מיט דער האַנט פאַר'ן הארצען, זי זאָל זיך ניט צעוויינען. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטונדע „דינער־טיים" איז פאַראיבער.

אַ מחנה קעפּ, הענט, פיס, האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו די מאַשינען און מיט שטורמדיגען אימפּעט זיך גענומען טראָגען אויף זיי, גלייך ווי אַ מחנה טייוואָלים וואָלטען זיך אין אַ ווילדען גאַלאָפּ אוועקגעלאָזען...

און געדאַכט האָט זיך, ווי אַ שאַפּ־מחבל וואָלט זיך ארויפגע־וואָרפען אויף די טייוועל־הענט, און מיט אכזריות'דיגער קראַפט די ארבייט פון אונטער די מאַשינען געצויגען... שלעפּענדיג די אר־בייט אלץ ווייטער פון איינעם צום אַנדערען, ביז אונטער דעם הייס־גליהענדען גיהנום־אייזען, די לעצטע שטראָף אָפּצוקומען...

סעם איז געזעסען ביים מאַשין מיט אַ טרויעריג־פאַרקלעמטען געזיכט בלאַס און נערוועז... און אומרוהיג, צעטראָגען מיט די הענט איבער דער מאַשין באַוועגט... אָט האָט ער זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט... די מאַשין איז אַ רגע שטיל געבליבען, און באַלד זיך ווידער אַ כאַפּ געגעבען... די ארבייט אַ שליידער געטאָן אונ־טער די ציינער פון מאַשין. געשווינד אַ דריק געטאָן מיט'ן פוס ביים מאַשין־טראָט, אַ לויף געטאָן אין דער שנעל און ווידער שטעהן געבליבען פאַרטראַכט...

ליזא איז געזעסען ביים ארבייטס־טישעל און כלומר'שט גע־נעהט... צוזאַמענגעלעגט ווייסע שטעך איבער דער ארבייט, אָבער איהר געדאַנק איז נאָך אלץ פאַרנומען געווען מיט סעם'ען... וועגען דעם, וואָס זי האָט איהם היינט אזוי שטאַרק באַליידיגט... אזוי פרעך איהם פון זיך אָפּגעשטויסען...

פאר וואס איז דאס איהם געקומען? פאר וואס, האט איהר דער געוויסען ניט אויפגעהערט צו פלאגען — דערפאר, ווייל ער האט איהר אזוי ליעב?...

און פאר וואס דענקט זי אזוי פיעל וועגען איהם, סעמ'ען, און אזוי ווייניג וועגען מאקס'ען, יענער איז דאך איהר חתן?...

ביי דעם געדאנק נעהמט זי זיך עראינערען ווי אזוי מאקס איז געווארען איהר חתן; עפעס קלינגט איהר אזוי מאדנע די עראינערונג.

צו איהר מיסעס, וואו זי וואוינט, האט אנגעפאנגען ארייננצו־קומען א באי, דער מיסעס א באקאנטער. מען האט איהם פאר איהר פארגעשטעלט, זי האט מיט איהם א פאר מאל גערעדט, פון דאן אן האט ער אנגעפאנגען אריינקומען אפטער... דאן האט איהר מיסעס איהר געגעבען אנצוהערען, אז אזא וואוילער באי, א גוטער פארדינער, וואלט פאר איהר, אן ארימע, עלענדע שאפ־מיידעל, געווען א גליקליכער שידוך... וואס וועט זי אויסווארטען דארט אין שאפ? — האט איהר מיסעס צו איהר איינגע'טענה'ט.

זי ווייס ניט ווי אזוי זי האט מיט איהם גענומען „אויסגעהן" און אט אזוי געהט זי שוין מיט איהם א קיילעכדיג יאהר.

„האט זי איהם געליעבט?" שטעלט זיך ביי איהר ערשט א פראגע: זי ווייס ניט, זי האט עס ניט געפיהלט.

נאכדעם האט זי אין שאפ סעמ'ען דערקענט.

איצט, דוכט זיך איהר, האט זי עפעס אנדערש אנגעפאנגען צו פיהלען...

אך, ווען זי וואלט עס נאך צייט געהאט איבערצוטראכטען...

אבער אזוי שפעט... אזוי שפעט...

— — — — — — — — — — —

פארנאכט.

דער ארבייטס־טאג האט זיך געענדיגט.

דער שאפ־מחבל האט זיך ערגעץ וואו אין דער טונקעלהייט צווישען שטיקער סחורה פארקליבען... די מאשינען זענען שטיל געבליבען... די רעדער האבען זיך אויפגעהערט צו דרעהען, די אייזענס צו קלאפען, די הענט זיך צעווארפען... די טייוועל־הענט

זענען אין מענשען פארוואנדעלט געוואָרען... און פריי האָט זיך יעדער אהיים געצויגען...

סעם האָט דעם מאָל דער ערשטער זיך שטילערהייט פון שאַפּ ארויסגערוקט... ווארפענדיג צו ליזא'ן א לעצטען שטומען־פאר־שעהמטען בליק...

ליזא האָט איהם באמערקט... און האָט א שוידער געטאָן... זי האָט געוואָלט צולויפען צו איהם, דערצעהלען איהם דעם גאנצען אמת, בעטען איהם, ער זאָל איהר מוחל זיין... אָבער איהרע פיס זענען א קורצע צייט ווי געלעהמט געבליבען; זי האָט זיך פון אָרט ניט געקענט ריהרען.

שפּעטער פון אַלעמען האָט זי דעם שאַפּ פארלאָזען און דעם גאנצען וועג אַהיים האָט אין איהר דאָס הארץ געוויינט...

אונטער דער מוטער׳ס השגחה

נאכדעם ווי פעני האט זיך שוין געקענט מיט הערריי׳ן א לענ־
גערע צייט און האט זיך איבערצייגט, אז ער ליעבט איהר און
מיינט מיט איהר ערנסט צו הייראטען, האט זי זיך גענומען פאר־
ברייטען איהם ארויפצובריינגען צו זיך אין הויז אריין, פארצו־
שטעלען איהם פאר איהרע עלטערען.

איהר מוטער, שוין אן עלטערע, א גוטמוטיגע פרוי, מיט א
פאר ווייכע, מילדע אויגען, האט זיך זעהר דערפרעהט מיט דער
טאכטער׳ס בשורה, אז זי האט שוין א יונגען־מאן, וועלכער ליעבט
איהר ערנסט און וויל מיט איהר הייראטען.

זי האט זיך געפיהלט גליקליך ביי דעם געדאנק, אז גאר אין
גיכען וועט זי טאנצען אויף איהר קינד׳ס חתונה.

גאנץ אנדערש איז עס אבער צוגעגאנגען מיט איהר פאטער.

דער פאטער, אויך שוין אן עלטערער מענש מיט א פאר קלוגע,
אבער שטרענגע אויגען, האט נאכדעם, ווען ער האט אלעם אויס־
געהערט, גענומען דער טאכטער אויף א שטרענגען פארהער. ער
האט איהר אויסגעפרעגט ווען און וואו זי האט זיך מיט איהר יונגען
מאן באקאנט, און אויסגעלאזט האט ער:

—זעה נאר דו זאלסט אקארשט קיין טעות ניט האבען אין
איהם... היינטיגע יונגע לייט, פארשטעהסטו! מען טאר זיי ניט
אלץ גלויבען וואס זיי זאגען און זיך צו זיי צוהערען... איבריגענס
ברענג איהם נאר ארויף אין הויז אריין, לאמיר איהם נאר אנקוקען...
פארשטעהסט!... דו ביזט דא, גאט צו דאנקען, ניט קיין עלענדע,
מיר וועלען שוין זעהן... ברענג איהם נאר ארויף!...

און צו דער ווייב האט ער שטיל געזאגט מיט דעם זעלבען
שטרענגען, הארטען טאן:

— און דו, זיי זיך נאָר ניט אזוי משמח... גיב נאָר אכטונג... האַלט אָפען די אויגען, פארשטעהסט!... עס איז אמעריקא...

דעם נעקסטען זונטאג האָט פעני ארויפגעבראַכט איהר צו־קינפטיגען חתן צו זיך אין הויז, איהם פאָרגעשטעלט פאַר די על־טערן. די מוטער האָט איהם אויף איהר געוועהנליכען גוטמוטיגען שטייגער שעהן אויפגענומען, געשטעלט כבוד, ארומגעפּאַדעט ארום איהם, געבעטען פארזוכען פון אַלע גוטע זאַכען. זי איז בערייט געווען כאָטש זיך שוין צוקושען מיט איהר צוקינפטיגען איידעם, וועלכער האָט ביי איהר אזוי שטאַרק אויסגענומען... און צו דער טאָכטער האָט זי געזאָגט שטיל אויפ'ן אויער:

— ביזט א מבין, קינד מיינס, אזא יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר א וואוילער יונגער מאַן ער איז. הלואי עס זאָל שוין האַלטען נאָך תנאים!...

די טאָכטער האָט צופרידען געשמייכעלט, וואָס איהר הערריי איז אזוי געפעלען דער מאַמען.

דער פאָטער אָבער האָט זיך, ווי זיין שטייגער, פארהאַלטען זעהר קאַלט און גלייכגילטיג. ער האָט אויפ'ן יונגען־מאַן א זייטי־גען בליק געוואָרפען פון אויבען אראָפּ, איהם קאַלט דערלאַנגט די האַנט און א זאָג געטאָן:

— נו, זעץ דיך!...

דער יונגער־מאַן האָט זיך געפיהלט שטאַרק באַליידיגט פון דעם אַלטען'ס קאַלטע אויפנאַהמע. עס איז איהם געווען אומאַנ־גענעם אי דער בליק זיינער, אי דער טאָן, מיט וועלכען ער האָט ארויסגערעדט: „נו, זעץ דיך!" וואָס איז ער עפּעס א חדר־איינ־גיעל?... אָבער וואַרפענדיג א בליק צו פעני'ן, וועלכע איז געשטאַ־נען פון ווייטען און עפּעס אזוי מאָדנע ליעב און פארליעגען געקוקט אויף איהם, ווי זי וואָלט זאָגען: פארשטעה א ביסעל בעסער מיין פאָטער און לאָז זיך דינען... איז איהם מיט אַמאָל ווארעם געוואָרען אין הארצען... און עפּעס א ווייכע זיסקייט האָט זיך צעגאָסען איבער אַלע זיינע גלידער... ער האָט גלייך פארגעסען, אז לעבען איהם שטעהט דער אַלטער שטרענגער איד — פעני'ס פאָטער... און געזעהן האָט ער נאָר פאַר זיך א פּאָר ליעבע אויגען, וועלכע

שמייכלען איהם און גלעטען און בעטען איהם אין דער שטיל: „הערדישי, מיין טייערער הערדי!“

—יונגער־מאן!...

הערדי האט זיך א כאפ געטאן ווי פון א זיסען שלאף.

— איז וואס־זשע, זאג מיר... איך מיין צוליעב וואס ביזטו ארויפגעקומען אהער — צוליעב מיין טאכטער? גלייכסטו זי טאקע?... און מיינסט מיט איהר ערנסט חתונה צו האבען?...

— האט דער אלטער איהם פלוצלינג א פרעג געטאן.

— יא! — האט הערדי קורץ און שארף געענטפערט.

— יא איז יא... ס׳פארשטעהט זיך — האט דער אלטער ווייטער ניט מיט צוטרויען גערעדט, אריינקוקענדיג דעם יונגען־מאן שארף אין די אויגען — ווארים, וואס א שטייגער געהט דען אן היינטיגע יונגע לייט ניט צו זאגען יא, הא? הערסט וואס איך פרעג דיך? פאר וואס א שטייגער ניט?... אבער זאג מיר, בחור׳ל, ווער ביזטו? פון וואנען קומסטו? און דער עיקר פון וואנען קענסטו זיך דאס מיט מיין טאכטער, הא? פארשטעהסט... ס׳איז דאך עפעס א פרעמדע, אן אנגלאפענע לאנד דא... ס׳איז דאך עפעס אמעריקא, וואו איינער קען ניט און ווייס ניט דעם אנדערען... מענשען זענען דא פרעמד און ווייט איינער פון אנדערען... און מיידלעך זענען דא עלענד און הילפלאז... וויפיעל פאלען עס דא אריין און ווערען פאראומגליקט אויפ׳ן גאנצען לעבען... פארשטעהסט! איך באדארף דיר דאס ניט דערצעהלען, דו ווייסט עס אפשר בעסער פון מיר...

ער איז א ווײלע שטיל געבליבען, געמאכט עטליכע שפרייזען הין און צוריק איבער׳ן הויז, באלד זיך ווידער אפגעשטעלט און, ארויפלעגענדיג די האנט אויפ׳ן יונגען־מאנ׳ס אקסעל, פארטגע־זעצט:

— עס קען זיין, יונגער־מאן, אז דו וועסט קוקען אויף מיר ווי אויף אן אלטען אלט־מאדישען אידען; דאס בין איך טאקע... איך בין אבער א טאטע, פארשטעהסט!... איך וויל מיין קינד איבערגעבען אין גוטע, זיכערע הענט... אין דער היים וואלט איך

די אלע טענות צו דיר ניט געערדט. עס וואָלט פאַר מיר געווען גענוג, ווען איך וואָלט נאָר קענען דיין טאַטען... ווייל איך האלט זעהר פונ׳ם שפּריך־וואָרט: אז דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוימעלע... עפּעס דאַכט מיר, אז א טאַטע דערצעהלט אַזוי פיעל מיט זיין שווייגען, פיעל, פיעל מעהר ווי א מאַמע, א אידענע מיט איהר פּלאַפּלען און רעדען...

ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהם, אַזוי נאָהנט, אז ביידע האָבען געקענט פיהלען איינער דעם אַנדערענ׳ס אָטעם. עס האָט אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט אין דעם יונגען־מאַנ׳ס אָטעם געזוכט אויסצוגעפינען די נשמה זיינע...

—יונגער־מאַן — האָט ער ווידער אָנגעהויבען — איך מוז דיר זאָגען, אז מיין איינדרוק וועגען דיר איז ניט קיין שלעכטער... אָבער קיין שטאַרקען גלויבען און צוטרויען האָב איך פאָרט ניט צו דיר!... עפּעס ווייזטו מיר אויס אָט פון יענע... ווי זאָל איך עס אָנרופען? — אָט פון די פרייע... כ׳מיין ניט חס־ושלום צו זאָגען אויף דיר קיין שלעכטס. קענסט זיך זיין א גאַנץ ערליכער מענש, איך בין דיר ניט חושד, אז דו מיינסט עפּעס בייזעס... אָבער קענען קען איך דיר פאָרט ניט... איך וואָלט, דעם אמת זאָגענדיג, גיכער צופרידען געווען מיין טאָכטער חתונה מאַכען פאַר א לייטישען לאַנדסמאַן, פאַר אַזעלכען, וואָס איך קען איהם און זיין טאַטען, און וואָס זיי קענען מיך... אָבער אז איהר ליעבט זיך, איז דאָך ניט שייך... מיין טאָכטער׳ס גליק וויל איך ניט צעשטערען... און אויב דו האָסט זי באמת ליעב, וועסטו מוזען באַשטעהן אויף א שטיקעל אָפּמאַך, איידער איך וועל געבען מיין צושטימונג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָפּמאַך?

— איך וויל, אז די גאַנצע צייט, וואָס איהר וועט זיין חתן־כלה, זאָלט איהר אין ערגעץ ניט אויספאָהרען אָדער אויסגעהן אָהן דער מאַמען, פאַרשטעהסט!... וועסט עס אפשר האַלטען פאַר א נאַרישען איינפאַל פון אַן עלטערען, פאַנאַטישען פרומען אידען; אָבער אַזוי וויל איך... אַנדערש וועט עס ניט געהן... באַשטעהסטו

אזוי, איז גוט. ווען ניט, קענסטו ניט קריגען מיין צושטימונג, פארשטעהסט?...

הערריי האט זיך איבערגעקוקט מיט זיין פעני'ן. ביידע האבען זיי עפעס אזוי שטיל און פארשעהמט געשמייכעלט, ווי זיי וואלטען זאגען: מילא, ס'איז פארפאלען, מען מוז דעם אלטען פאלגען, נאכגעבען, ס'איז ניטא קיין אנדער ברירה.

— — — — — — — — — — —

ס'האבען זיך אנגעפאנגען די זומער־נעכט, שעהנע ליכטיגע נעכט זענען עס געווען... יונג און אלט האבען זיך ארויסגעלאזט אין פארק א ביסעל פרישע לופט צו כאפען...

הערריי מיט פעני'ן זענען שוין געווען חתן־כלה, אבער דעם אל־טען טאטענ'ס וואונש האט געמוזט שטרענג אפגעהיט ווערען.

ערגעץ אין פארק, אויף א באנק, פארשטעלט פון נאך גאר יונגע פריש־בליהענדע בוימעלעך, זענען זיי געזעסען ביידע נאהנט צוגע־טוליעט איינע צו די אנדערע, פארזונקען אין א וועלט פול מיט ליעבע־חלומות... איין אטעם האט זיך ווארים געצויגען צום אנדערען און זיך ווי צוויי נשמות באהעפט...

די מאמע, די ליעבע גוטע מאמע, מיט די ווייכע מילדע אויגען, איז אימער געזעסען נאהנט ביים זייט פון איהרע קינדער. זי איז געזעסען פארטראכט, אנגעשפארט מיט ביידע הענט אן דער פאר־רענצע פונ'ם באנק, דעם קאפ שטיל אראפגעבויגען און בשעת־מעשה געטראכט פון איהר אייגענער יוגענד, וועלכע איז, דאכט זיך, אזוי שנעל פארשווינדען... יא, דאמאלסט האט זי אפילו אין חלום ניט געהאט דאס גליק מיט איהר משה־לייב'ען צו זיצען חתן־כלה־ווייז אזוי נאהנט... און דאך ציהט איהר עפעס אזוי דאס הארץ און זי בענקט נאך יענער צייט, וואס איז אזוי גיך אוועקגעפלויגען... און איצט איז זי שוין אלט און דער וועג צום קבר רוקט זיך אן...

זי פיהלט, ווי עס ווערען פייכט איהרע אויגען... א טרער קייקעלט זיך אראפ און פאלט אויפ'ן גרינעם גראז.

טוידט! טוידט! הילכט איהר אפ אין די אויערען.

נאר פון צייט צו צייט, ווען זי ווארפט א שטילען בליק צו

איהרע קינדער, פיהלט זי ווי זי ווערט ווידער יונג... א נייער קוואל מיט לעבען נעהמט שלאָגען אין איהר אַלטער ברוסט... און עס וואָלט זיך איהר װעלען צוזאמען מיט זיי אין איין שטיק לעבען פארוואנדעלט ווערען — אין א יונגען פרישען לעבעדיגען לעבען...

אָבער די יונגע, די קינדער, האָבען איצט נאָר ווי פארגעסען אָן דער אַלטער. זיי האָבען יעצט זיך אין זינען...

די אַלטע חלום'ט און חלום'ט...

פון לעבען און טוידט חלום'ט זי... — — — — — —

— — — — — — — — — —

דער אויסגעגרינטער ברודער

שוועסטער און ברודער.ביידע נאָך אומפאַרהייראַטה. די שוועסטער איז שוין אין לאַנד לענגער. זי האָט עס טאַקע נאָך דעם ברודער געשיקט, מיט דער האָפנונג, אַז ווען ער, דער ברודער, וועט דאָ זיין, וועט זי, ערשטענס, זיך ניט פיהלען אַזוי עלענד, און צווייטענס, וועלען זיי ביידע צוזאַמען גיכער זיין אימשטאַנד באַהילפיג צו זיין די אָרימע, אַלטע עלטערן אין דער היים. זי אַליין האָט זיך געפיהלט שוואַך און הילפלאָז מיט איהרע קליינע פאַרדינסטען צו קענען טאָן ווי געהעריג איהר פליכט צו די עלטערן. און דאָס האָט איהר זעהר וועה געטאָן און זי האָט פיעל געליטען צוליעב דעם. און געוויינט האָט זי יעדעס מאָל, ווען זי האָט איבערגעלעזען אַ בריעף פון דער היים, ווי די עלטערן באַקלאָגען זיך אויף זייער שווערען, ביטערען מזל...

ווען דער ברודער איז אַריבערגעקומען, האָט זי איהם מיט האַרציגער טרייער איבערגעבענהייט באַגעגענט. זי האָט איהם פאַר די לעצטע עטליכע דאָלאַר, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, שעהן אויסגעקליידט, האָט איהם ניט געלאָזט די ערשטע פאָר וואָכען געהן אַרבייטען, אום ער זאָל זיך וואָס מעהר אויסרוהען.

— איצט, טייערער ברודער'ל — האָט זי צו איהם געזאַגט, איהם האַלטענדיג אַרומגענומען און קושענדיג איהם — איצט וועט אונזערע אָרימע עלטערן אין דער היים גאָר ניט פעהלען. מיר וועלען ביידע אַרבייטען און וועלען זעהן, אַז זיי זאָלן זיין פאַרזאָרגט אויף זיירע עלטערע יאָהרען.

און דער ברודער האָט מיט אַ וואַרימער דאַנקבאַרקייט געקוקט אין די שוועסטער'ס אויגען וועלכע זענען געווען פייכט פון טרע־

רען און אין הארצען באוואונדערט איהר ליעבע און טרייהייט צו אלעמען. ער האט געזעהן איהר קרענקליך פארעלטערט געזיכט, איהר בלייכען אויסגעמוטשעטען קערפער, און דאס הארץ האט איהם אזוי געריסען. ער האט פארשטאנען, אז דאס האט די שווערע ארבייט פון איהר אזוי דאס געזונד מיט'ן כח ארויסגעצויגען, איהר פנים פארבלייכט, איהר יוגענד פארעלטערט...

ער האט געפיהלט ווי די טרערען שטעלען זיך איהם אין די אויגען. עס האבען איהם טיעף גערירט איהרע טרויעריגע פארלאשענע בליקען... און ווערענדיג דער שוועסטער צייגען זיין דאנקבארקייט, האט ער זי ארומגענומען, געהאלזט און געקושט.

א צייט איז אוועק. דזשייק — ווי מען האט איהם שוין דא גערופען — האט זיך שוין אויסגעגרינט, האט כסדר געארבייט, גוט פארדינט. דער צופאל האט געוואלט ער זאל ארייןפאלען ארבייטען אין א פלאץ, וואו דאס רוב ארבייטער זענען געווען קריסטען. ער האט זיך שנעל אויסגעלערנט די שפראך, געווארען אמעריקאניזירט, א גאנצער יענקי — א ספארט מיט אלע קליפערלעך... געגאנגען אין דענסינג סקוהל, אויסגעלערנט זיך גוט טאנצען, באקאנט זיך מיט יענקישע מיידלעך, געגאנגען מיט זיי אין טעאטער, געפאהרען מיט זיי אויף פיק־ניקס, בעלער, קאנצערטען און אין קוני־איילאנד; פארספענדט אויף זיי מאכען געלט און אין גאנצען פארגעסען אן דעם שטעדטעל, פון וואנען ער איז געקומען, און אז ער האט דארט איבערגעלאזען ארימע, שוואכע עלטערן אין גרעסטען עלענד און פארצווייפלונג.

פון דער שוועסטער, מיט וועלכער ער האט די ערשטע צייט געוואוינט צוזאמען אין איין רום, האט ער שוין לאנג ארויסגעמופט. און זעלטען ווען ער איז צו איהר געקומען, און איז ער געקומען, האט ער זיך צו איהר פארהאלטען עפעס מאדנע קאלטבלוטיג און פרעמד, גלייך ווי ער וואלט זיך איצט מיט איהר גאר ניט אנגעקערט. זי האט זיך אפטמאל געפרעגט: איז דאס איהר ברודער? ניין, זי קען עס ניט גלויבען. עס איז ניט דער זעלבער. ווי קען זיך דאס א מענש אזוי פארענדערען? — האט זי געטראכט

— און ווען זי האָט געקוקט אויף זיין פּנים, האָט זיך איהר געדאַכט, ווי אַ נייע הויט וואָלט זיך אויף איהם אַרויפגעצויגען.... זיינע אויגען האָבען מעהר דעם נאָהנטען ווארימען בליק ניט פארמאָגט... און אַ קעלט איז איהר דורכגעגאַנגען איבער'ן לייב, קוקענדיג אויף איהם... זיין יעדע באַוועגונג, זיין יעדער ריר, זיין יעדער דרעה מיט די פיס איבער'ן פלאָר איז איהר אויסגעקומען פונקט, ווי ער וואָלט זיך אין גאַנצען אין אַן אַנגעצויגענער ליאַלקע פארוואַנדעלט...

האָט זי פּרובירט צו איהם רעדען, ווערען צוריק נאָהנט צו איהם... עפּעס האָט זיך איהר ניט געוואָלט איהם פארלירען... איהם, איהר איינציגען פריינד אין דעם ווייטען, פרעמדען לאַנד... זי האָט דאָך אַזוי פיעל געוואַרט און געהאָפט אויף זיין קומען! זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי זיי וועלען וואוינען שטענדיג צוזאַמען אין איין רום. ער וועט ביי איהר פארנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ געליעבטען, זי וועט מיט איהם צוזאַמען אויספאָהרען, געהן אומע־טום און ביי יעדער געלעגענהייט רעדען מיט איהם וועגען דער היים, וועלכע איז איהר נאָך אַזוי איינגעבאַקען אין הארצען... וועגען די עלטערן, באַטראַכטען פּלענער ווי אַזוי זיי צו העלפען; אפשר זאָל מען זיי גאָר אין גאַנצען אַריבערנעהמען... ביי דעם געדאַנק פלעגט זיך אַ ווארימע זיסקייט צעגיסען איבער איהרע גלידער... די האָפנונג, אַז זי וועט נאָכאַמאָל זעהן די עלטערען, פלעגט איהר אָנפילען מיט מוט און כח.

און ווי טרויעריג אַנדערש עס האָט זיך אויסגעלאָזען!

— דזשייקעלע, ברודער'ל! — האָט זי געפּרופט צו איהם טענה'ען — וואָס איז מיט דיר די לעצטע צייט געוואָרען? דו האָסט זיך דאָך אַזוי געענדערט, אַז ס'איז מיר שווער דיך צו דער־קענען... וואו איז אַהינגעקומען דיין ליעבשאַפט צו דיין שוועס־טער און דיין טרייהייט צו די עלטערען? דו ביזט דאָך עפּעס אַזוי פרעמד און אָפּגעריסען געוואָרען פון אַלעמען. זאָג, דזשייקע־לע, וואָס איז געשעהן? דו ביזט דאָך שטענדיג אַזאַ גוטער געווען, אַזאַ ליעבער צו אַלעמען, זיי ווידער גוט, צו דיין שוועסטער און צו דיין טאַטע־מאַמע.

אָבער דזשייק, בויגענדיג זיך עפּעס אַזוי מאָדנע און דרעהענ־

דיג מיט די פיס ווי צום טאַנצען, קוקט איהר אָן מיט טעמפּע נאַריִ־שעוואַטע אויגען, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטעהן, וואָס זִי רֶעדט צו איהם, שמייכעלט און קייכט ענדליך אַרויס:

— „יו אַר ע גרינהאָרן, סיסטער!“

נאָך אַזאַ ענטפער בלייבט די שוועסטער שטעהן פאַרשעהמט... לאָזט טיעף אַרונטער די אויגען... זיפצט אָפּ שווער... זי פיהלט, אַז זיין איצטיגער ענטפער האָט איהר נאָך פיעל, פיעל מעהר דער־ווייטערט פון איהם... אַז די באַציהונגען צווישען איהר און איהם זענען פון איצט אָן פרעמדע... אַז ס'וועט שוין קיינמאָל ניט קענען צונויפגעבונדען ווערען דאָס, וואָס דאָס לאַנד און די צייט האָט אָפּגעריסען...

און די עלטערען פאַרוואַרפען איהר מיט בריעף... פרעגען אַלץ, וואָס איז געוואָרען מיט זייער יענקעלען, וואָס ער שרייבט שוין ניט אַזוי לאַנג?... זיי ווייסען ניט וואָס איבערצוקלערען. איז ער חלילה קראַנק? זיי ווערען שיער משוגע... און זיי בעטען איהר, זי זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און אַרויסשרייבען דעם אמת...

און זי לייענט די בריעף, לייענט און לייענט און וויינט און וויינט... אָרימע עלטערען — טראַכט זי — ווי קען איך אייך שרייבען דעם אמת? ער איז נאָך ערגער ווי קראַנק, ער איז געשטאָרבען, געשטאָרבען פאַר מיר און פאַר אייך...

איינמאָל איז דזשייק אָנגעקומען דאַמאָלסט, ווען זי האָט גע־האַלטען אין לעזען אַ בריעף. און וויינענדיג, האָט זי איהם מיט ציטערענדע הענט צוגעטראָגען דעם בריעף און מיט אַ טרערען־פאַרשטיקטען קול אויסגערופען: נאַ, לעז דעם בריעף און זעה, וואָס דו האָסט געמאַכט פון דעם טאַטען און פון דער מאַמען?

דזשייק האָט מיט איין האַנט אָנגענומען דעם בריעף און האַל־טענדיג אין דער צווייטער האַנט אַ גראָבען סיגאַר, געבענדיג יעדען מאָל אַ ציה, האָט ער נאַריש און תמ'עוואַטע געקוקט אויפ'ן בריעף, אַרויפלאָזענדיג אויף איהם אַלע ווײלע גאַנצע וואָלקענס מיט רויך...

— לומפּ! — שאַרלאַטאַן! — איז די שוועסטער אויפגע־שפּרונגען אַ צעקאָכטע פון איהר ברודער'ס גלייכגילטיגקייט, אַרויס־רייסענדיג דעם בריעף פון זיין האַנט... איהר פּנים איז געוואָרען

נאָך בלייכער, איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט, איהרע הענט האָבען זיך אין פויסטען צוזאַמענגעלעגט...

— נעה! — האָט זי געשריען און ווי משוגע ארומגעלאָפען איבער'ן צימער, און די טרערען האָבען איהר געשטיקט. — דו זאָלסט זיך מעהר פאַר מיינע אויגען ניט ווייזען. איך וויל דיך מעהר ניט אָנקוקען! און צו די עלטערען וועל איך שרייבען, אז דו ביזט געשטאָרבען, אז זייער זוהן איז געשטאָרבען, זיי זאָלען רייסען קריעה און זיך שבעה זעצען נאָך דיר...

זי האָט מעהר ניט געקענט רעדען. צוזאַמענברעכענדיג איז זי געבליבען זיצען מאַכטלאָז אויף א שטוהל מיט שטומע, פאַרשטאַרטע אויגען...

— יו אר קרייזי! — האָט ער אויסגערופען, דערנעהנטערענדיג זיך צום טיר — און איך וועל שרייבען צו די „באָארד אָוו העלטה", אז דו ביזט „קרייזי", מען זאָל קומען מיט אן אַמבולאַנס דיך צונעהמען אין בעלוויו האָספּיטאַל...

ער האָט א שטאַרקען קלאַפּ געגעבען מיט'ן טיר און איז פאַרשווינדען, ברומענדיג א רעג־טיים ליעדעל...

דאָס היימישע ווינקעל

„דאָס היימיש ווינקעל״ — אַזוי האָבען חברה אינטעליגענטע יונגע־לייט אָנגערופען איידע׳ס צימער, וואו זיי פלעגען אָפטמאָל אַריינקומען אָפּזיצען שטונדען און פאַרברענגען. זיי האָבען זיך דאָרטען געפיהלט היימיש, פריי צו אונטערהאַלטען זיך, ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט אויף׳ן שעהנסטען און אינטעליגענטסטען שטייגער.

איידע האָט יעדען איינעם פון איהרע באַקאַנטע אויפגענומען זעהר פריינדליך. זי האָט יעדען איינציגען פון זיי באַגעגענט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, זיי מכבד געווען מיט טיי און מיט פרוכט, אַמאָל אויך מיט ניס. און אַמאָל, אין אַ שלעכטער צייט, ווען חברה האָט זיך גענויטיגט אין אַ קליין גמילות־חסד׳ל, האָט איידע אויך ניט געקאַרגט, ווייל זי איז פון דער נאַטור געווען זעהר אַ גוטע און אַן איבערגעבענע פריינדין.

דערפאַר איז איהר טאַקע אָפטמאָל אויסגעקומען אַליין צו לייי־דען פאַר איהר גוטסקייט, ווייל קיין גרויסע פאַרדינערין איז זי ניט געווען, און ווען איהר האָט עפּעס אויסגעפעהלט, האָט זי ניט געהאַט ביי וועמען צו לייהען.

איידע, וועלכע איז אַליין געווען אַן אינטעליגענטע מיידעל, האָט געהאַט גרויס צוטרויען און גלויבען אין איהרע אינטעליגענטע געזעלשאַפט. זי האָט געקלערט, אַז פריהער אָדער שפּעטער, וועט זי איינעם פון זיי פאַראינטערעסירען, ניט נאָר ווי אַ פריינד, אַ חבר, נאָר ווי אַ געליעבטע, אַ לעבענס־באַגלייטערין...

זענען עס דאָך אָבער אינטעליגענטען, קומט מען זיך צונויף און מען רעדט פון ליטעראַטור, פון דראַמאַ און פון אָפּעראַ ; מען

רויכערט סיגאַרעטלעך, מען דעבאַטירט, מען האַמפּערט זיך און מען לאָזט דערווייל אַן אַ פּולע שטוב מיט רויך און — מען צו־געהט זיך.

אַזוי טאָג איין טאָג אויס יעדע פרייע שטונדע אין טאָג און אין אָוונט.

ווען איידע פלעגט נאָך זייער אַוועקגעהן בלייבען אַליין און פלעגט נעהמען אַפּראַמען פון טיש, ברענגען אַ ביסעל אין אָרדנונג אַלעס, וואָס די „אינטעליגענטע געזעלשאַפט" האָט צעוואָרפען און צעשלײדערט אויף אַלע עקען; אַרויסטרייבען דעם רויך דורך די אָפענע פענסטער, און אין צימער פלעגט ווערען אַ ביסעל גערַאמער, רײנער און לופטיגער, און ביי איהר אין מוח ניט אַזוי נעבעלדיג... דאַמאָלסט, האָט זי מיט אַ זיפץ ביי זיך אין האַרצען, באַשלאָסען, אַז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט ניט זיין....

ליגענדיג אויפ'ן בעט פלעגט זי לאַנג נאָכדעם ניט קענען איינ־שלאָפען. זי פלעגט דורכוואַרפען אין געדאַנק יעדען יונגען־מאַן באַזונדער, וואָס קומט נאָר אריין צו איהר אין הויז, נאָכדענקען וועגען זייערע אַלעמענס באַציהונגען צו איהר און זי פלעגט קומען צום באַשלוס, אַז ניין! זי זעהט נאָך ניט דערווייל יענעם שטראַהל, וואָס זאָל איהר אייגען לעבען ליכטיג מאַכען... און אַלץ אַרום איז נאָך טונקעל ווי געוועזן... און כאָטש איהר צימער, וועלכען איהרע באַקאַנטע רופען „דאָס היימישע ווינקעל", איז שטענדיג פול מיט פרעהליכקייט און זי איז אַרומגערינגעלט מיט פיעלע יונגע לייט, הערשט דאָך אין איהר האַרצען אַן עלענדקייט און אַ פּוסט־קייט...

אַזוי איז פאַראיבער אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר. די יונגע־לייט זענען נאָך אַלץ געקומען, געקומען און זיך פאַרבראַכט אויף דעם אַלטען שטייגער... קיין ענדערונג איז ביי זיי ניט פאָרגעקומען. ווען מען זאָל זיי, למשל, אַ פרעג טאָן אַמאָל: „העי, חברה, צו וואָס קומט איהר דאָ אַהער? צו וועלכען צוועק?" וואָלטען זיי אויסגע־שטעלט אַ פּאָר אומשולדיגע אויגען און געענטפערט: „וואָס הייסט צו וואָס מיר קומען אַהער? ווער ווייסט עס ניט, אַז דאָ איז „דאָס היימישע ווינקעל?"

און איידע? איידע איז זיך איידע!

האָט זיך אָבער איידע געכאַפּט, אַז זי איז עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאָהר... זי האָט זיך ארומגעזעהן, אַז עס איז קיין פּלאַן ניט אַזוי ווייטער צו זיצען און וואַרטען אויף אַ פאָרשלאַג פון איינעם פון איהרע אינטעליגענטע פריינד.

אין איין שעהנעם אָווענט, ווען די אינטעליגענטע געזעלשאַפט איז זיך צוזאַמענגעקומען, זענען זיי געוואָרען איבעראַשט, טרעפענדיג ביי איידע'ן אין צימער אַ פרעמדען, אומבאַקאַנטען יונגען־מאַן, וועלכער האָט אויסגעוויזען גיכער צו זיין אַן איינפאַכער ארבייטער. די הענט און די קליידער זענען נאָך ביי איהם געווען איינגעריכט פון דער ארבייט, די אויבער־העמד און דער קאָלנער פאַרברודיגט... און נאָך מעהר האָט זיי געוואונדערט, ווי די אינ־טעליגענטע איידע גיט זיך אַזוי אָפּ מיט'ן איינפאַכען ארבייטער, ווי זי לויפט און פּאַדעט ארום איהם, דערלאַנגט איהם זייף, ער זאָל זיך אָרומוואַשען, פאַרקאַמט איהם שעהן די האָר און רעדט צו איהם אין אַזאַ צאַרטען פריינדליכען טאָן.

זייט יענעם אָווענט האָבען זיי דעם פרעמדען „האָלעדריגע“ — ווי זיי האָבען אין דער שטיל איהם גערופען — געטראָפען זעהר אָפט... אָפּטמאָל פלעגט זיי איידע בעטען ענטשולדיגונג און זיי אַלעמען איבערלאָזען און אַליין אוועקגעהן ערגעץ מיט איהר נייעם פריינד. ווען זיי פלעגען צוריק קומען, פלעגען זיי נאָך טרעפען חברה זיצען און פאַרברענגען אויפ'ן אַלטען שטייגער.

אַזוי שנעל אָבער, ווי איידע מיט איהר נייעם פריינד פלעגען זיך באַווייזען, פלעגט פלוצלינג די שטימונג ווערען איבערגעריסען... עפּעס האָבען זיי זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אין דעם פרעמדענס געגענוואַרט ניט היימיש, עפּעס גאָר ניט אַזוי ווי אַלע מאָל... ניט זיכער...

ווי פון העלער הויט זענען חברה מיט אַמאָל געוואָרען פיעל פריינדליכער און צוגעלאָזענער צו איידע'ן... יעדער איינער האָט פלוצלינג אָנגעהויבען זוכען צו זיין מיט איהר וואָס נעהנטער... איהר וואָס מעהר צו געפעלען און צופרידען צו שטעלען... דער האָט אָנגעגרייט פאַר איהר טיקעטס אין טעאַטער, דער האָט איהר

פאַרגעשלאָגען צו גיהן מיט איהר אין דער אָפּערא, אויף אַ באַל, אויף אַ קאָנצערט... איידע האָט זיי אַלעמען באדאנקט און גע־ענטפערט, אַז איהר נייער פריינד, כאָטש אַן איינפאַכער ארבייטער, האָט זעהר אַ שעהנעם געשמאַק פאר אָט די אַלע זאכען און ער זעהט שוין, אַז דאָס זאָל איהר נישט פעהלען.

— וואָס פאר אַן אָנשיקעניש? — האָבען חברה צווישען זיך געברומט.

ווען איידע האָט זיי איינמאָל איבערראשט מיט דער נייעס, אַז זי געהט מאַכען אַ „פּארטי", האָבען חברה, אָנשטאָט ווי אימער, צו ווערען באגייסטערט פון דעם געדאנק, דאָס זיי וועלען „אַ לעב טאָן", אראָפּגעלאָזען אומעטיג די קעפּ און געפּיהלט, ווי מען זאָגט איינעם אָפּ פון דער דירה דערפאר, וואָס ער האָט זיין דירה־געלט ניט באצאָלט.

פון דאמאָלסט אָן איז דאָס היימישע ווינקעל מעהר ניט געווען היימיש.

ווען מען ליעבט

דאָס מאָל איז בערטהאַ געפאָהרען אין קאָונטרי אַ גליקליכע, אַ צופרידענע. אויפ'ן הארצען איז איהר גּעווען לייכט, אויף דער נשמה גרינג און פרעהליך.

אַלע יאָהר אין דער צייט, ווען בערטהאַ פלעגט דארפען אוועק־פאָהרען אין קאָונטרי, פלעגט איהר באפאלען אַ דריקענדע שווער־קייט, וויסענדיג, אַז איהר אוועקפאָהרען אין קאָונטרי איז בלויז מיט דעם צוועק זיך אַ ביסעל צו צעשטרייען נאָך די לאַנגע רייהע פון טעג, וועלכע האָבען זיך געצויגען לאַנגזאַם און איינטאָניג און אָנגעפילט איהר לעבען מיט אומעט און פוסטקייט...

זי האָט פון דער קאָונטרי גאָר ניט ערוואַרטעט, אויסער דאָס, וואָס זי וועט זיך אַביסעל אָפּרוהען נאָך דעם יאָהר שווערע ארבייט און דאַן פאָהרען צוריק איינשפּאַנען זיך אין יאָך...

קיין נייעס, קיין איבערראַשענדעס פלעגט ביי איהר אָנקומען אויפ'ן פאַרם איהר ניט באגעגענען. זי פאָהרט שוין אין דעם זעלבען פּלאַץ זייט יאָהרען און זי איז שוין דאָרטען אַלעמען באַ־קאַנט. ביי איהר אָנקומען פלעגט מען זי שוין כמעט ניט באמערקען און אוועקפאָהרען פלעגט זי צוריק פונקט אַזוי שטיל, ווי זי איז געקומען.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער דעם יאָהר.

אין דעם יאָהר האָט אַ פריידּ אויפגעוואַכט אין איהר הארצען. אַ בלומען־גאָרטען האָט זיך צעבליהט ארום און אין איהר... מחנות ליכטיגע שטראַהלען טאַנצען דאָרט ארום צום טאַקט פון עמיצען, וואָס זינגט דאָרט אוים די שעהנסטע ליעד — דאָס ליעד פון ליעבע.

יא, בערטהאַ ליעבט און ווערט געליעבט.

זיצט בערטהאַ אויפ'ן טריין, וועלכע פיהרט איהר אין דער קאַונטרי. זי האַלט אין איין האַנט אַ בוקעט בלומען, וועלכען ער, איהר געליעבטער, האָט איהר איבערגעגעבען, ווען ער האָט איהר צום טריין באַגלייט. און יעדען מאָל, ווען זי גיט אַ בליק אויף די בלומען, באַרירט זי זיי מיט איהרע ליפּען... אַ גליקליכער שמייכעל צעשפּיעלט זיך אויף איהר געזיכט, אויף וועלכען זי פיהלט נאָך אָפּגעפּרעסט איהר געליעבטען'ס הארציגע געזעגנונגס־קושען. און איהר הארץ וואַקסט, וואַקסט פאַר פרייד.

די טריין לויפט אונגעהויער שנעל און טראָגט זיך פאַרביי דורך אַ ברייטע און פרייע וועלט. איבער אַלץ האָט דער שעהנער זומער־טאָג ליכט און חן אויסגעגאָסען. ריחות פון די אַרומיגע פעלדער און וועלדער דרינגען אַריין דורך די האַלב־אָפענע וואַגאָן־פענסטערלעך און פילען אָן דעם וואַגאָן מיט פרישע זיסע גן־עדן־לופט.

בערטהאַ קוקט אַרוים דורכ'ן פענסטער און באַוואונדערט די שעהנע וועלט. דאַכט זיך, די זעלבע וועלט און ווי אַנדערש זי קוקט איצט אוים אין איהרע אויגען!... עס ווילט זיך איהר עפּעס ניט גלויבען, אַז דאָס זאָל זיין דער זעלבער וועג, אויף וועלכען זי איז שוין אַזוי פיעל מאָל געפאָהרען. דאַמאָלסט, ווען זי פלעגט פאָהרען, האָט זיך דער וועג פאַר איהר געצויגען, ווי אַ לאַנגע, שווערע רייזע, פון וועלכער זי האָט שוין געוואָלט וואָס שנעלער פּטור ווערען... זי פלעגט זיך דעם גאַנצען וועג פיהלען מיעד, צעבראָכען און שלעפעריג, ווי אַ קינד, וואָס וויל שלאָפען און האָט ניט דאָס וויגעלע געגרייט...

איצטיגעס מאָל וואָלט זי, פאַרקערט, געוואָלט, אַז דער וועג זאָל זיך ציהען וואָס לענגער... זי איז וואַך און פול מיט לעבענס־מוט... אַ פרישער לעבענס־קוואַל שטראָמט דורך איבער אַלע איהרע גלידער... איהר ברוסט אָטעמט פריי. איהר הארץ טונקט זיך אין אַ ים מיט ליכט פון גאָר אַ נייער וועלט... „טראָג זיך ווייטער, ווייטער, טריין"... — טראַכט בערטהאַ און פיהלט אפילו ניט, ווי איהרע אויגען ווערען פייכט פון גרוים פרייד און גליק...

די טריין האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קאָנדוקטאָר האָט אויס־גערופען דעם נאָמען פון׳ם „סטיישאָן". בערטהאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ טיעפען, זיסען שלאָף.

ווען זי האָט זיך ארומגעקוקט איז שוין שימקע, דער פאַר־מער, געשטאַנען לעבען איהר און געקוקט אויף איהר מיט זיינע גלאַנציגע גוט־מוטיגע אויגלעך, און דערלאַנגענדיג איהר אַ ברייטען שלום־עליכם, האָט ער אויסגערופען:

— האַללאָ, בערטהאַ! ביזט טאַקע, הייסט עס, געקומען אין דער ריכטיגער צייט. גוט האָסטו געטאָן! אַ־נו, ווייז אַהער! — האָט ער ביי איהר אַרויסגעריסען דעם „סעטשעל" פון האַנט און אונטערשפּרינגענדיג, האָט ער איהר גענומען פיהרען צום פאַרמעריש פוהרעל.

בערטהאַ איז איצט גערן נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן פאַרמער. איהרע טריט זענען געווען לייכט, איהר קערפּער רירעוודיג. זי וואָלט דאַכט זיך כח געהאַט אַזוי אָפּצוגעהן מיילען־ווייט...

שימקע דער פאַרמער האָט גלייך דערפיהלט, אַז „זיין" בער־טהאַ איז עפּעס גאָר ניט די זעלבע, ווי ער איז איהר געוואוינט געווען צו באַגעגענען. און עס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט אויף איהר. שטענדיג פלעגט ער איהר טרעפען מיט אַ פאַר־כמורעטען, אָנגעצ׳ברוגז׳טען פּנים, וואָס איהם איז שטאַרק ניט געווען צום הארצען. און היינט איז זי עפּעס אַזוי פרעהליך. און עס האָט איהם אמת הנאה געטאָן, וואָס זיין „אַלטע קאָסטאָמערין" איז היינט אַזוי גוט אויפגעלעגט, און ער האָט מיט איהר גענומען שטיפען און זיך וויצלען.

בערטהאַ האָט געלאַכט און צוקומענדיג צום פוהר, האָט זי איהם אַ פּאָר מאָל אַ קיצעל געטאָן אונטער׳ן אויער, מיט אַן אָפּ־געבראָכען צווייגעל, וואָס זי האָט אויפגעהויבען פון דער ערד. זעצענדיג זיך אויפ׳ן פוהר, האָט זיך איהר ניט אַנדערש פאַרוואָלט ווי אָנהאַלטען די לייצעס, וועלכע דער פאַרמער האָט איהר מיט פאַרגניגען איבערגעגעבען.

— נאָר זעה, שוועסטערקע, זאָלסט האַלטען די לייצעס שטאַרק,

זאָלסט זיי נאָר פון האַנט ניט ארויסלאָזען! — האָט איהר דער פּארמער גוטמוטיג געוואָרענט.

— האָט נאָר קיין מורא ניט פאַר די לייצעס... וואָלט נאָר דער פערד געוועזן אַ רעכטער! — האָט בערטהאַ שטיפעריש אַ שמייכל געטאָן דעם פּארמער מיט די לייצעס...

די איבריגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך צעלאַכט. „אַט דאָס הייסט אַזוי גוט אַריינגעפאָהרען!" האָבען זיי באמערקט.

שימקע דער פּארמער האָט אַ וואונק געטאָן צו איהר מיט אַן אויגעל און פרעהליך ארויסגערעדט: — אַ־יאָ, בערטהאַ, עס קומט דיר אַ מזל־טוב! איך האָב געטראָפען, האַ? אָבער זאָג דעם אמת!

— געטראָפען ווי אַ בלינדער פ־־ארמער אין גריב אריין... — האָט בערטהאַ געלאַכט און אַלע האָבען מיט איהר מיטגעלאַכט...

עס איז געוועזן אַ פרעהליך שטיקעל וועג ביז צום פאַרם, און אַ פרעהליך שטיקעל צייט אויפ'ן פאַרם.

כמעט אַלע וואָס האָבען בערטהאַ'ן געקענט, האָבען איהר איצט ניט דערקענט... איהר פרעהליכקייט און מונטערקייט האָט אַלעמען איבערראַשט. ווי אַ מענש קען זיך דאָס ענדערען! — האָט מען צווישען זיך גערעדט.

און געמאַכט האָט מען וועגען איהר אַזעלכע באמערקונגען:

— זי איז דאָך גאָר אינגער געוואָרען!

— זי קערט דאָך אַ וועלט!

— און ווי זי לויפט עס יעדען טאָג צום פּוהר אָפנעהמען די בריעף!

— און וויפיעל בריעף זי קריגט עס. עס האָט גאָר קיין שיעור ניט און קיין ענד!

— און זי קושט די בריעף, ווען זי לייענט זיי!

— מן־הסתם פון אַ חתן.

— אודאי ניט פון אַ מאַן...

— געדענקסט פאַר־אַ־יאָהרען, ווי זי פלעגט זיצען איינע אַליין דאָרט אונטער'ן בוים מיט'ן בוך אין דער האַנט.

— אַ שעלה אַ ביסעל, צי איך געדענק!
— און נאָך קיין בריעף איז זי ניט געלאָפען.
— מן־הסתם ניט געהאַט פון וועמען.
— און היינט?
— היינט האָט זי שוין...
— וויפיעל, אַ שטייגער, קען זי שוין אַלט זיין?
— כ׳ווייס? מן־הסתם אַ יאָהר דרייסיג...

אזעלכע און נאָך עהנליכע באמערקונגען זענען געמאַכט געוואָרען וועגען דער גליקליכער בערטהא.

אָבער בערטהא האָט זיי ניט געהערט... זי איז געוועזען צופיעל פארנומען מיט שרייבען בריעף צו איהר געליעבטען און מיט׳ן לעזען זיינע בריעף.

נאָכ'ן טאַנץ

די מוזיק, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער'ן גרויסען האָל, איז פּלוצלינג אַנטשוויגען געוואָרען. די טענער האָבען זיך ווי אָפּגעהאַקט, און די טענצער, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט געדרעהט נאָכ'ן טאַקט פונ'ם שפּיעלען, זענען שטעהן געבליבען אינ'ם מיטען ראָד, יעדער מיט זיין דאַמע. דער טאַנץ איז געווען צו ענדע.

עני'ן, וועלכע האָט נאָר וואָס געענדיגט טאַנצען דעם וואַלץ מיט אַ יונגען מאַן, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצען. שוין! איז איהר בליץ־שנעל דורכגעפלויגען אַ געדאַנק, אַלץ איז געענ־דיגט.

מיט דעם יונגען מאַן, מיט וועלכען זי האָט נאָר וואָס פאַר־ענדיגט טאַנצען, האָט זי זיך טאַקע ערשט בעפאָר דעם טאַנצען באַקאַנט. ער האָט איהר איינגעלאַדען צו אַ טאַנץ, איז זי גע־גאַנגען, ווי זי טוט עס אימער, ווען אַ יונגער מאַן לאַדעט איהר איין צום טאַנצען. זי ווערט אָבער שטענדיג ענטוישט, ווען דער טאַנץ ענדיגט זיך. אויס העפליכקייט זאָגען זיי איהר: „טענק יו!" און זי בלייבט ווידער שטעהן אַן עלענדע, אַן איינ־זאַמע, מיט אַ געפיהל פון פאַרדראָס אין הארצען און מיט אַ טיעפען וועהטאָג אין דער נשמה.

אָט אַזאַ מזל האָט זי שוין, אָפּגעטאַנצט — און אַ סוף! זי מוז איבער־אַ־נייעס אָנהויבען צו זוכען עמיצען פון איהרע פריינדינעס מיט וועמען צו פאַרברענגען דעם רעשט פונ'ם אָוונט, און צו געהן אַהיים...

עני האָט דארום אויפגעלויכטען פאַר פרייד, באַמערקענדיג,

אז דאָס מאָל געהט עס צו עפּעס אַנדערש. דער יונגער מאַן שטעהט נאָך אַלץ לעבען איהר און מאַכט ניט קיין באַוועגונג אַוועקצו־געהן. פאַרקערט, ווי איהר דוכט זיך, וויל ער גאָר מיט איהר נעהנטער באַקאַנט ווערען. דאָס קען זי דערקענען אין זיין האַלטונג. אין זיין ניט אָפּלאָזען איהר האַנט. זי וואָלט שווערען, אַז ער וויל איהר אפילו גאָר נעהמען אונטער'ן אָרעם און זיך דורכגעהן מיט איהר איבער'ן האָל. און דערנאָך, פאַרשטעהט זיך, וועט ער מיט איהר, מן־הסתם, טאַנצען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל... און אפשר איהר גאָר אָפּפיהרען אַהיים און — ווער ווייס, אפשר וועט ער מיט איהר גאָר מאַכען אַ „דייט".

אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט אַ לויכט געטאָן אין איהר האַרצען. אפשר...

— וועט איהר עפּעס טרינקען? — האָט זי דערהערט, ווי ער פרעגט איהר אַזוי ליעבליך און שטיל. און זיין שטימע האָט די מינוט, ווי זיסע מוזיק, אין איהרע אויערען אָפּגעקלונגען.

— צי זי וועט עפּעס טרינקען? געוויס וועט זי טרינקען. פאַר וואָס עפּעס ניט? נאָכ'ן טאַנץ איז זעהר גוט אַ טרונק. זי דאַנקט איהם זעהר פאַר זיין העפליכקייט.

זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל. ער האָט געהייסען דערלאַנגען פאַר זיך אַ ביער — און זי, וואָס וועט טרינ־קען?

— זי?... זי וועט טרינקען... נאָר זאָל זיין, וואָס ער וועט אָרדערען. זי פאַרלאָזט זיך אויף זיין געשמאַק. ווייסט ער דען ניט, וואָס אַ מיידעל טרינקט?

דער יונגער מאַן האָט געשמייכעלט און געהייסען דערלאַנגען לעמאָן מיט טשערי.

זי האָט לענגער ווי געוועהנליך געלאָזט שטעהן לעבען זיך די גלאָז מיט לעמאָן, ניט געאיילט זיך אויסצוטרינקען, ווי עס וואָלט איהר עפּעס געווען אַ שאָד מיט איין מאָל אויסצוזופּען דאָס ביסעל פרייד און פאַרגעניגען, וואָס זי האָט זיצענדיג אָט דאָ מיט'ן יונגען מאַן ביים טישעל. לאַנגזאַם האָט זי געמישט מיט דעם לאַנגען טרונק־שטרוי אין גלאָז, אַנגערירט יעדען מאָל די

רויטע טשערי, וואָס איז געלעגען אינ׳ם גלאָז וואַסער, און גרויס הנאה געהאַט קוקענדיג, ווי די טשערי, אַ פולזאַפטיגע, אַן אָנגע־בלאָזענע, קייקעלט זיך פון יעדער באַרירונג פונ׳ם שטרוי, וואָס זי גיט... און בשעת־מעשה האָט זי געטראַכט, אַז זיצען מיט אַ שעהנעם יונגען מאַן אָט אַזוי ביי אַ טישעל און זיך שפּיעלען מיט אַ טשערי, וועלכע מען קען יעדע רגע איינשלינגען, ווען מען וויל נאָר, איז טאַקע גוט. אַ שאָד נאָר, וואָס קיינער פון איהרע באַקאַנטע און חבר׳טעס געהט דוקא די מינוט ניט פאַרביי... פאַרדריסט עס איהר טאַקע, און דאָס פאַרגעניגען איז איהר אַ ביסעל פאַרשטערט...

ביים צווייטען טאַנץ האָט זיך שוין דער יונגער מאַן געלאָזט פיהלען צו איהר נעהנטער און צוגעלאָזטער. שטאַרקער האָט ער זי ביים טאַנצען אַרומגענומען און פעסטער זי צוגעדריקט צו זיך, אַזוי, אַז זיין וואַרימער אָטעם האָט אויף איהר אַ שלאָג געטאָן...ביידע אָטעמס האָבען זיך אויסגעמישט, און עני האָט דערפיהלט, ווי אַ לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפען איבער אַלע איהרע גלי־דער, אויסגעמישט מיט עפּעס זיסעס, אויפרעגענדעס, און לאַנג געגאַרטעס.

ווען דער טאַנץ האָט זיך געענדיגט, האָט זי, דעם מאָל, שוין איהם אַ כאַפּ געטאָן אונטער׳ן אָרעם, און שפּאַצירענדיג צוזאַמען איבער׳ן האָל, האָט זי זיך נאָהנט צו איהם געטוליעט, איהם ניט אָפּגעלאָזען, געקוקט אויף איהם מיט ליעבליבע און צוטרויענדע בליקען, ווי זי וואָלט איהם שוין געקענט אַ לענגערע צייט, ער האָט מעהר ניט אויסגעוויזען פרעמד אין איהרע אויגען.

עס איז געוואָרען שפּעט. מענשען האָבען אָנגעהויבען צו איילען אהיים צו געהן, געשווינד איז יעדער געלאָפען זיך וואָס פריהער אין „ליין" צו שטעלען, די זאַכען אָפּצונעהמען.

עני מיט „איהר" יונגען מאַן זענען אויך אַוועק נעהמען זייערע זאַכען, און — עפּעס אַזוי ווי „צופעליג" איז ער פון איהר פאַר־לאָרען געגאַנגען, ניט אָפּרעדענדיג ווען און וואו זיך צו טרעפען.

ווען עני איז צוריקגעקומען אין האָל, שוין אַן אָנגעטאָנענע

גרייט אהיים צו געהן, האָט זי „איהר“ יונגען מאַן שוין מעהר ניט געפונען. ער איז פארשווינדען אָהן א „זיי־געזונד!“

קיין מענשען זענען אין האָל שוין כמעט ניט געווען, טונקעל האָבען וואו־ניט־וואו ביים ארויסגאנג פונ׳ם האָל נאָך געברענט איינינע עלעקטרישע לעמפּלעך, וועמעס מאטער שיין האָט ארויס־באגלייט דעם רעשט פונ׳ם עולם...

ענִי האָט זיך געלאָזט געהן נאָכ׳ן עולם, און געהאַט האָט זי דאָס געפיהל ניט ווי זי געהט פון א באָל, נאָר ווי פון ערגעץ א פרעמדע לויה, מיט פרעמדע מענשען, אָן וועלכע זי האָט זיך אנגעהאנגען און שלעפּט זיך מיט, ניט קענענדיג קיינעם און קיינער ניט קענענדיג איהר...

די נאַכט איז שוין ניט געשלאָפען...

אַ מיידעל־ספּאָרט.

נעלי איז געווען איינע פון די זעלטענע מיידלעך, וועלכע האָבען צוליעב איהר ניט שעהנעם פּנים זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער די מאַכט פונ׳ם שיקזאַל. וואָס איז געווען אַזוי גרויזאַם צו איהר און איהר איינגעטיילט זעהר וועניג פון די שעהנקייט און פרויען־רייץ, אָהן וועלכעם אַ פרוי קען כמעט ניט עקזיסטירען.

ניט וועלענדיג בלייבען פאררוקט ערגעץ אין הינטער־גרונד פונ׳ם לעבען, אַז קיינער זאָל זי ניט באמערקען, זיך אויף איהר ניט אומקוקען, האָט זי אָנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי אַזוי זי זאָל זיך אָנזעהן, אַז מען זאָל איהר שענקען באזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

„ניין!“ — האָט איהר ניט אויפגעהערט בויערען אַ געדאַנק. זי טאָר ניט פארלאָרען געהן צוזאַמען מיט די, וועלכע האָבען ניט דאָס גליק צו האָבען אַ שעהן פּנים, און זענען פאראורטיילט צו בלייבען עלענד דעם גאַנצען לעבען.

נעלי האָט גוט געוואוסט, אַז זי באַזיצט גענוג גייסטיגע מעלות, וועלכע דארפען שטאַרק געפעלען ווערען. די מעלות ליגען אָבער באהאַלטען טיעף, טיעף אין איהר הארצען, אין איהר נשמה, וואו ניט יעדער קען און וויל זיך ארייננגריבלען, אויסצוגעפינען אָט די טייערע אוצרות, וועלכע וואָלטען געקענט גליקליך מאַכען אַ מאַן.

אָבער די מענערשע בליקען זענען פלאַך און איינזייטיג, איבערהויפּט דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אין באַאָבאַכטען און באַגרייפען דאָס טיעפערע, דאָס נעפּיהלבאַרע, דאָס, וואָס ווארפט זיך ניט גלייך אין די אויגען...

נעלי האָט אָבער קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פארזוך צו געברוי־

כען געקינסטעלטע מיטלען, ווי פארב, פאודער, צו פארדעקען און פארשטעלען איהר ניט שעהנעם געזיכט. עס איז ביי איהר אויסגע־קומען, אז אויב שעהנע מיידלעך טוען אט די מיטלען, אום אויס־צוזעהן נאך שעהנער, מוזען די ניט שעהנע, באנוצענדיג די זעלבע מיטלען, אויסזעהן מיאוס׳ער.

זי האט אויך ניט פרובירט זוכען א טרייסט אין די ביכער. זי האט ליעב געהאט דאס לעבעדיגע פונ׳ם לעבען, דאס, וואס מאכט לויפען דאס בלוט אין די אדערען, דאס, וואס שטארקט און ערמונטערט.

נעלי האט זיך אריינגעווארפען מיט לייב און לעבען אין פאר־שידענערליי „ספארטס".

זי האט זיך אויסגעלערנט גוט טאנצען, יעדע פרייע מינוט האט זי געטאנצט. זי האט געטאנצט, ווען זי איז געווען אליין ביי זיך אין צימער, און שאטענס בלייכע, שטומע האבען איהר ארומגערינגעלט. זי האט געטאנצט אויף פארטיס, אמת שוין א ביסעל שיכור׳ליך פון וויין, וואס זי האט אויסגעטרונקען, אבער געטאנצט, און אזוי געצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט.

אבער מעהר ווי איבעראל האט זי געצייגט, וואס זי קען, ווען זי איז געקומען צו א באל. זי האט געהאט א נאמען פאר א טענ־צערקע, און יעדער יונגער־מאן האט מיט איהר גערען געטאנצט, און אלע זענען פון איהר טאנצען ענטציקט געווען...

אם מייסטען אבער פלעגט נעלי זיך אויסצייכענען גליטשענדיג זיך אויפ׳ן אייז. דא האט זי איינפאך באוויזען וואונדער. עס איז ניט געווען איינער פון די צושויער, וואס זאל איהר ניט נאכ־פאלגען מיט די בליקען, ווען זי פלעגט זיך אוועקלאזען איבער׳ן גליטש.

אט פלעגט זי זיך א לאז טאן איבער דער גאנצער לענג פונ׳ם אייז מיט אזא שנעלקייט, אז עס האט זיך געדאכט, אז עפעס אן אומבארירבארעס וועזען טראגט זיך פון ערגעץ אוועק אין דער ווייטער ווייטקייט. און באלד וועט עס פארשווינדען ערגעץ צווי־שען שניי און ווינט.

אבער באלד פלעגט זי זיך א דרעה טאן צוריק אין א האלבען

צירקעל, האַלטענדיג ביידע הענט אין דער לופטען, פּאַכענדיג מיט זיי, ווי מיט צוויי ווייסע פליגעל, האַלטענדיג אויסגעבויגען איין האַלבען קערפּער אַן אַ זייט און איין פוס אין דער לופטען.

די פּיעלע צושויער פלעגען שטעהן פארגאַפט און אַפּלאַדירען. ס'פלעגט זיך אַרום איהר צוזאַמענקלייבען אַ רעדעל, שליסען מיט איהר באַקאַנטשאַפט. יונגע לייט פלעגען איהר בעטען, אַז זי זאָל זיי לערנען גליטשען.

פלעגט נעלי אַ כאַפּ טאָן צוויי יונגע לייט אונטער די הענט, אַ לויף טאָן מיט זיי איבער'ן אייז, פלעגען די צוויי יונגע לייט שיער זיך אויסגליטשען, פלעגען זיי מיט שרעק זיך אַ כאַפּ טאָן אַן איהר, פלעגט זי הארציג לאַכען און זיי נעהנטער צושלעפּען צו זיך, און זיי פלעגען זיך אָן איהר שטאַרק אַנהאַלטען...

פלעגט אַמאָל נעלי'ן זיך פאַרגלוסטען זיך גאָר נוקם צו זיין אָן די מענער, פלעגט זי זיי אָפּטאָן אַ שפּיצעל. גליטשענדיג זיך, פלעגט זי זיי אַ שלעפּ טאָן אַן אַ זייט און זיי אַ שטויס געבען אויפ'ן שניי, פלעגען זיי זיך צושרייען און איהר מיטשלעפּען. פלעגט זי דערפּיהלען, ווי שטאַרקע מענערשע אָרעמס נעהמען איהר אַרום, ציהען זי צו זיך, קייקלען זיך און זייערע פראַסטיגע אָטעמס הויכען אויף איהר, און איהר הארץ קלאַפּט, קלאַפּט האַסטיג.

אָפּטמאָל אין די אָווענט-שטונדען, ווען נעלי פלעגט ניט האָ־בען געגוי וואו צו געהן, און אַ געפיהל פון איינזאַמקייט פלעגט זיך אָנהויבען צו פאַרקלייבען אין איהר הארצען, און אַ שווערער יאוש פלעגט אָנהויבען דריקען איהר נשמה, און דערפּיהלען פלעגט זי פּלוצלינג די גאַנצע ביטערקייט פון איהר לעבען, פלעגט זי, ניט לאַנג טראַכטענדיג, אַ כאַפּ טאָן אַ בייסיקעל און זיך אַוועקלאָזען אָהן אַ ציעל איבער די טומעלדיגע גאַסען, אויסמישען זיך מיט די קאַרס און אויטאָמאָבילען און געזוכט זיי איבערצויאָגען.

נעלי איז דאַן געפלויגען מיט דער גרעסטער שנעלקייט. קיין געפאַר איבערגעפאָהרען צו ווערען אָדער עמיצען איבערצופאָהרען האָט איהר ניט געשראָקען. זי האָט געפיהלט, ווי איינע, וואָס איז אריינגעפאַלען אין מיטען פון אַ גרויסען קאַמפּף, וואו איהר לעבען

שטעהט אין קאַן, זי מוז קעמפּפען מיט אַלערליי מיטלען, אויב זי וויל נים צעריבען ווערען אונטער די רעדער פונ'ם לעבען.

צוריק פלעגט זי שוין פאַהרען לאַנגזאַמער, מיט אַ רוהיגען געמיט, ווי פייער־לייטע, וועלכע האָבען נאַר וואָס אַ גרויסע שרפה אויסגעלאָשען. אויפ'ן הארצען איז איהר געווען לייכטער און האָפנונגספולער.

מיט אָנגעשטרענגטע בליקען פלעגט זי באַטראַכטען אַלץ אַרום זיך. פלעגט זי באַגעגענען באַקאַנטע, וועלכע פלעגען זיך פאַר איהר לייכט פאַרנויגען, פלעגט זי אַ צופרידענע, מיט אַ לייכטען שמייכעל אויף די ליפּען, אין וועלכען עס איז געלעגען עטוואָס באַהאַלטענער שטאָלץ, אַ נויג טאָן און שנעל ווי אַ וויכער זיך פאַרבייטראָגען פאַר זייערע אויגען.

מיט זיך אליין.

קומט דער ווינטער, עס פאנגען זיך אָן די לאנגע נעכט, בלייר בעןביידע פריינדינעס, פעני און קיידי, ביידע ניט קיין שעהנע, אָבער אינטעליגענטע מיידלעך, זיצען אין דער היים גאנצע אָווענטען. קיינער קומט ניט צו זיי און זיי געהען ניט צו קיינעם.

זיי זיצען איינע אנטקעגען די אנדערע ביים טישעל, אויף וועלכען עס ליגען אָנגעוואָרפען ביכער און צייטונגען, אין וועלכע זיי קוקען שטום אריין... אמאָל זעצען זיי זיך אויף דער ווייסער, נאָך ניט אויסגעבעטער בעט, איינע אָנגעשפּארט די האנט אָן ברעג פונ׳ם בעט, די צווייטע אָנגעלענט דעם עלענבויגען אָן דעם קישען. ביידע זיצען זיי און שווייגען. יעדע איינע פון זיי האָט מורא אָנצופאנגען א געשפּרעך, עס זאָל אמאָל ניט אויסקומען צו רעדען וועגען דעם, וואָס זיי זיצען דאָ אָפּ לאנגע אָווענטען אליין און געהען אין ערגעץ ניט און קיינער קומט ניט צו זיי.

ווען עס געהט פארביי א קורצע צייט אין שווייגען, ווערט די שטימונג צווישען די ביידע פריינדינעס א שווערע, א געדריקטע. דאכט זיך, אז אין צימער טאנצט דער אומעט ארום. דער איינציגער גאז־פלאם נעהמט פלוצלינג ציטערען, בויגען זיך ארויף און אראָפּ, האָפּקען ווי צום טאקט... שאָטענס קומען פון העלער הויט צו קריכען און פאנגען אָן צו פארשפּרייטען זיך אויפ׳ן טישעל, אויף די וועגט, אויפ׳ן בעט און אויף די קישענס. אויף פעני׳ס איין האלבער האנט האָבען זיי זיך צולעגט מיט זייער גאנצער שווארצקייט. אָט האָבען זיי זיך פארקליבען אויף קיידי׳ס לינקער באק און טאנצען זייער געהיימען שאָטען־טאנץ...

ביידע פריינדינעס גיבען זיך מיט אמאָל א כאפּ, קוקען זיך

עפּעס מאָדנע אום, וואַרפען בליקען איינע אויף די אַנדערע, קוקען אויפ׳ן צערודערטען גאַז־פלאַם, וועלכער ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער, און אין ביידענס בליקען שפּיגעלט זיך אָפּ אַ געהיימע שרעק... ענדליך רופט זיך אָפּ פעני:

— זעה, קיידי, וואָס איז דאָס היינט פאַר אַן אומגליק מיט די געז? ווי אַזוי ברענט עס עפּעס היינט?...

— ווייסט ניט? אַ קוואָדער־מיטער! — ענטפערט איהר קיידי אין אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט וועלען אַרויפוואַרפען די גאַנצע שולד פון זייער אומעטיגען, איינזאַמען לעבען אויף דעם קוואָדער־מיטער...

— אָבער שטענדיג אַזוי!... — רעדט פעני ווייטער מיט ערגערניש — כמעט אַלע נאַכט איז די זעלבע זאַך מיט די געז... אָט זיצט מען — פלוצלינג ווערט פינסטער... וועמעס שולד איז דאָס צי עס איז אַ קוואָדער־מיטער, צי עפּעס אַנדערש? מיר צאָלען דאָך... נעהמט גאָר מיט אַמאָל און ווערט פינסטער. איך רעכען, אַז מיר זאָלען גאָר אין גאַנצען פון דאַנען מופען.

— פון מיינעטוועגען! — גיט קיידי נאָך און גיט אַ טרויערי־גען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ.

עס ווערט ווידער שטיל.

ביידע בלייבען זיי זיצען פאַרטראַכט.

די געז גיט זיך מיט אַמאָל אַ הויב. עס ווערט ליכטיג. די שאָטענס פאַרשווינדען. דאָס קליינע אויסגעפּוצטע צימערעל באַ־קומט באַלד אַן אַנדער אויסזעהן. אויפ׳ן וואַנט באַווייזען זיך פיעלע בילדער פון פאַרשידענע דיכטער, קינסטלער און שרייבער... אַלע הענגען זיי מיט אַ סדר — גרעסער נאָך גרעסער, קלענער נאָך קלענער. דאָ און דאָרט וואַרפען זיך דורך אַ פּאָר בילדער פון אייגענע. און אָט זענען זיי טאַקע אַליין. אָט שטעהען זיי נאָך דאָרט אין זומערדיגע שניי־ווייסע קליידער, וועלכע זיי האָבען אַליין אויפגענעהט באַלד אין אָנפאַנג פריהלינג. דאַן ווען די נאַטור האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו באַנייען אין די גרינע יום־טוב־קליידער, דאַמאָלסט האָבען זיי זיך אויך באַנייט... מיט וואָס פאַר אַ זיסע התמדה זיי האָבען דאָס טאַקע דאָ אין דעם זעלבען

צימער דורך די נעכט די קליידער גענעהט!... דאָס פענסטער איז געווען אָפען. אַ בלויער, לויטערער הימעל, אַ קלאָרע זילבער־לבנה, מיליאָנען בריליאַנטען־פינקלענדע שטערענדלעך... דאָס הארץ האָט געזונגען, די מאַשין האָט געקלאפּט צום טאַקט. די הענט האָבען זיך פלייסיג געהויבען.

וואָס פאַר אַ זיסע האָפנונגען, גליקליכע ערוואַרטונגען דאָס אַלץ האָט פאַרשפּראָכען!

דער זומער איז געקומען.

שעהנע העלע זומער־נעכט.

מען פארזאַמעלט זיך אין די פּאַרקס אָדער ערגעץ אנדערש־וואו אונטער'ן פרייען הימעל... מיידלעך מיט בחורים נעהמען זיך פאַר די הענט, מען לויפט, מען שפּרינגט, מען לאַכט און מען שטיפט... די יוגענד בליהט... באַקען גליהען... אויגען פלאַמען... הערצער קלאַפּען ליידענשאַפטליך...

זיי וואָלטען אויך לויפען, שפּרינגען און טאַנצען מיט דעם קאַראַהאָד... אריינוואַרפען זיך אין לעבען מיט זייער פולער בענקענדער ברוסט... קומען אין באַרירונג מיט מענערשע קרעפטיגע אָרעמס, וועלכע אומאַרמען אזוי שטאַרק, אַז עפּעס אַ מאָדנער ציטער געהט דורך אַלע גלידער.

אָבער אַך!...

דער זומער איז פאַרביי און גאָרניט האָט זיך אויסגעלאָזען פון אַלע זייערע זיסע חלומות...

— — — — — — — — — — — —

ביידע מיידלעך הויבען אָן פיהלען אַ מיעדקייט אין זייערע גלידער... די אויגען הויבען זיך ביי זיי אָן קלעפּען, און ווי אָהנמעכטיג בלייבען זיי ביידע ליגען ניט אויסגעטאָנענערהייט אויפ'ן בעט שטאַרק איינגעקלאַמערט איינע אין די אנדערע.

אומשטענדען.

ווען ער האָט זי דערקענט, איז זי געווען יונג, שעהן און — נאאיוו געגלויבט און געהאַט צוטרוי צו מענשען. געווען זיכער, אַז די מענשען זענען ערליכע און גוטע, טוען און האנדלען אַזוי עס זאָל זיין גוט פאַר אַ צווייטען, מיינען וואָס זיי רעדען, און רעדען וואָס זיי מיינען.

געגלויבט האָט זי אויך, אַז יעדער צופאַל, יעדע צוזאַמענ־טרעפונג מיט אַ מענשען, מוז האָבען אַ לאַנג־דויערענדען ווערטה. איבערלאָזונגען און פּלוצלינגע שיידונגען זענען איהר נאָך געווען פרעמד, אומבאַקאַנט.

דערפאַר ווען עס איז איהר אויסגעקומען איבערגעלאָזען צו ווערען פון דעם, וואָס איהר הארץ האָט אַזוי שטארק געליעבט מיט דעם ערשטען פייער פון איהר יונגע נאאיווע הארץ, האָט זי זיך געפיהלט שטארק דערשלאָגען און צעבראָכען.

— דו וועסט מיך טאַקע איבערלאָזען? — האָט זי שטיל און נאאיוו געפרעגט ביי איהר געליעבטען — וועסטו מיך טאַקע איבערלאָזען?

— יאַ, מיר מוזען זיך צושיידען! — איז געווען זיין קלאָרער ענטפער — איך האָב דיך ליעב, קינד! אָבער צושיידען מוזען מיר זיך.

— אָבער פאַר וואָס? — האָבען איהרע בלאַסע ליפּען גע־מורמעלט און טרערען האָבען זיך אין איהרע אויגען באוויזען.

— אומשטענדען! — איז געווען זיין קורצע אָבער שאַרפע ערקלערונג.

— אומשטענדען! אומשטענדען! — האָט זי עטליכע מאָל

שטיל ווי פאַר זיך געמורמעלט, ווי זי וואָלט זוכען די באַדייטונג פונ'ם וואָרט, וואָס איז פאַר איהר געוועזען אומבאַגרייפליך.

— אָבער איך האָב דאָך דיך אַזוי ליעב! ווי קענסטו אַוועקגעהן פון מיר? — האָט זי פרעגענדיג זיך שוין טאַקע אויף אמת צעוויינט.

— איך האָב דיך אויך ליעב, און דאָך... און דאָך קען עס אַנדערש ניט זיין, ווייל, ווייל —

— ווייל וואָס?

— די אומשטענדען ערלויבען מיר ניט.

— נאָך אַמאָל מיט די אומשטענדען! — איז זי שוין געוואָרען בייז אויף איהם — ווילסט מיך איינרעדען מיט אומשטענדען! כ'פאַרשטעה ניט אַזעלכע ווערטער און וויים ניט פון זיי... עס איז אויסגעטראַכטע זאַכען.

— פאַר די וועלכע קענען ניט און ווילען ניט פאַרשטעהן — האָט ער מיט אַ זיפץ אַרויסגערעדט און געקוקט אויף איהר מיט באַדויערענדע בליקען.

— געה! ביזט אַ שלעכטער — איז זי שוין געוואָרען אויפגערעגט און צום ערשטען מאָל אָפּגעקערט איהרע בליקען פון איהם.

און ווען זי האָט עס געטאָן, האָט זי דערפיהלט, ווי אַלץ אַרום איהר איז פינסטער און שוואַרץ געוואָרען, איהרע פּיס האָבען אָנגעהויבען ציטערען, און איהר גאַנצער קערפּער צו טרייסלען און בויגען זיך. און געדאַכט האָט זיך איהר, אַז אָט, אָט עפענט זיך אונטער איהר אַן אָפּגרונד, אין וועלכען זי וועט אַרונטערזינקען.

— זיי געזונד! — האָט ער אויסגערופען און געוואָלט זיך דערנעהנטערען צו איהר, דריקען צום לעצטען מאָל איהר האַנט, אומאַרמען איהר.

אָבער זי איז שנעל פון איהם אָפּגעשפּרונגען. אַ שטומע, אַ שווייגענדיגע איז זי אַ ווייל שטעהן געבליבען, האַלטענדיג איהר פּנים פאַרדעקט מיט איהרע דינע ציטערדיגע פינגער. און פּלוצלינג האָט זי זיך הויך צעוויינט אויפ'ן קול, פאַלענדיג אָהנמעכטיג צו דער ערד.

א צייט איז נאָכדעם אוועק.

זי האָט איהם געזוכט אויסצומיידען. זי האָט איהם געהאַסט און איהם מעהר ניט געוואָלט אין די אויגען אַנקוקען. און ניט וועלענדיג איהם אַנקוקען, האָט זי נאָך איהם געבענקט, און האַסענ־דיג האָט זי איהם געליעבט. דער איינדרוק אָבער איז ביי איהר פאַרבליבען, אז ער האָט אַנטקעגען איהר געהאַנדעלט פאַלש און געמיין, אַז זיין תירוץ „אומשטענדען" איז נאָר געוועזן אַ מיטעל ווי זיך פון איהר אַרויסצודרעהען.

ער, פאַרקערט, האָט געזוכט אַלע געלעגענהייטען זיך מיט איהר צו טרעפען. ער האָט שטענדיג געפיהלט, אַז ער האָט זי ערליך און אַנשטענדיג בעהאַנדעלט מיט דעם, וואָס ער האָט איהר געגעבען די געלעגענהייט איצט, ווען זי איז נאָך יונג און שעהן און קען נאָך געפעלען ווערען, צו לעבען גליקליכער מיט דעם, וואָס וועט איהר קענען פאַרזאָרגען מיט אַ שעהנערען און בעסערען לעבען.

און געהאָפט האָט ער יעדען מאָל זי צו טרעפען אַ גליקליכע, אַ צופרידענע, זאָל עס זיין מיט עמיצען אַנדערש, נאָר גוט זאָל איהר זיין, און אַז זי וועט איהם דערזעהן, זאָל זי גליקליך צו איהם שמייכלען און זאָל זי ניט מיינען, אַז דאָס וועט איהם פאַרדריסען, אַרויסרופען אין איהם קנאה. פאַרקערט, ער וועט זיך פרעהען מיט איהר גליקליכען שמייכעל. ווייל דאָס וועט זיין פון איהר זייט אַ צייכען פון שלום און פאַרגעבונג. און דאָס איז דאָך וואָס ער וויל — שלום וויל ער זיין מיט איהר, ווייל ער האָט זי דאָך נאָך היינט אויך אַזוי ליעב...

אָבער יעדען מאָל, וואָס זיי האָבען זיך צופעליג באַגעגענט, האָבען איהרע בליקען אויף איהם אַ שאָס געטאָן מיט פייער. עס פלעגט איהם אַזש אַ ברען טאָן אין האַרצען. עס פלעגט זיך איהם אָנ־צינדען דער מוח, ווי מען וואָלט דאַרטען מיט אַן אַנגעגליהטען אייזען אָנגערירט. ער פלעגט שטעהן בלייבען אַ צעטומעלטער און אַ פאַרברענטער. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז זי שוין מעהר ניט געווען.

יאָהרען זענען נאָכדעם אוועק.

יאָהרען פון שווערען פיין און ביטערע חרטה פאר איהם.

זיינע אומשטענדען האָבען זיך נאָך אַלץ ניט געבעסערט; זיי זענען נאָך ערגער געוואָרען.

ניט האָבענדיג קיין „עפעס“, וואָס זאָל איהם טרייבען, געבען מוט און ווילען אין לעבען עטוואָס צו דערגרייכען, האָט ער אָהן א ציעל ארומגעוואנדערט איבער דער גרויסער וועלט און נאָכגע־לאָפען, ווי אַן עלענדער שאָטען יעדען איינציגען, וואָס האָט נאָר אויסגעשטרעקט צו איהם א האנט, און ווי א שאָטען גלייך צו־רונען געוואָרען, אזוי שנעל, ווי דאָס מענשליכע וועזען האָט זיך פון איהם אָפגעקערט.

ער איז שוין איצט געווען מיט עטליכע יאָהר עלטער. און ניט וועניג סמנים פון א יוגענד, וואָס שווינדט אָהן ליעבע און אָהן טרויסט, האָט אויף איהם די צייט איבערגעלאָזען.

און טראַכטענדיג שטענדיג וועגען דער פארלאָרענער צייט, וואָס איז אוועק מיט גאָר ניט, האָט ער אויף איין מינוט ניט אויפגעהערט צו דענקען פון איהר און חרטה האָבען אויף זיין דאַמאָלסטיגע אומגעלומפערטע צושיידונג מיט איהר, צוליעב די אומשטענדען.

„אומשטענדען!... אויסגעטראַכטע זאַכען!“... — האָבען איהרע ווערטער איהם ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערען— און ער האָט איצט טיעף אין הארצען צוגעגעבען, אז זי איז גערעכט געווען.

„אומשטענדען!“ „וואָס איז נאָך אַלעמען אזעלכעס אומ־שטענדען?“ — האָט ער זיך שוין אפשר צום הונדערטען מאָל געפרעגט — איז עס ווערטה אזא אָפּפער ווי די ליעבע, און אזוי פיעל געננוס, וואָס מען קען דורך די ליעבע קריגען?

„ניין! און ניין! — איז געווען דער ענטפער — אומ־שטענדען, דאָס איז ניט מעהר ווי א פראַזע, וואָס די נייע צייט האָט געשאַפען, ווי פיעלע אַנדערע לעבענס־פלאַנטערען און לע־בענס־וועהען, וואָס קומען פון פארשידענע מיספארשטענדניסע,

וואָס האָט שוין נישט איין פּאָר ליעבענדע הערצער צושיידט, איין לעבען פון צווייטען אָפּגעריסען.

„אָך, נים געדאַכט זאָלען ווערען אָט די אומשטענדען!"

ווען ער וואָלט נאָר קענען צוריקכאַפּען די פארלאָרענע צייט!

אָבער עס איז שוין שפּעט און עס טוט איהם אזוי באַנג, אזוי באַנג — — —

דער צופאַל האָט געוואָלט, זיי זאָלען זיך אומגעריכטערהייט נאָך אַמאָל טרעפען.

ווארפענדיג אויף איהר דעם ערשטען בליק, איז ער שטעהן געבליבען א צעטומעלטער, א צעשראָקענער, אזוי פארענדערט איז זי געוואָרען. פון איהר יוגענד און שעהנהייט זענען קוים שפּורען פארבליבען. אין אַלגעמיין האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון א שוואכע, קרענקליכע פרוי, וואָס האָט שוין אין איהר לעבען גענוג דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט.

ער האָט זיך אינסטינקטיוו א ציה געטאָן צוריק, וויסענדיג פון לאַנגער ערפארונג די אויפנאַמע, וואָס עס ערווארטעט איהם פון איהר. און דעם מאָל, האָט ער זיך געריכט, זאָל דער אויסדרוק זיין א שארפערער און ביטערער. פון ווייטען האָט זיך איהם געדאַכט, זעהט ער א קללה פרעסען איהרע ליפּען און די קללה וועט באַלד מיט גיפט און מיט גאַל אויסגעשפּיגען ווערען אויף איהם, דעם שולדיגען אין אַלע איהרע ליידען.

צו זיין גרויס איבערראַשונג און פארוואונדערונג, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען, איהם אויסגעשטרעקט די האַנט און ווי עס וואָלט צווישען זיי קיינמאָל גאָר ניט געשעהן, א פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט איהר?

ער האָט דערפיהלט ווי אַלץ אין איהם האָט אָנגעהויבען גליווערען. דאָס פּנים איז געוואָרען בלייך און זיין האַנט איז געבליבען ליגען פארשטאַרט אין איהרע.

— וואָס האָט איהר זיך אזוי דערשראָקען? — האָט זי איהם געפרעגט אין א פריינדליכען, נוטמוטיגען טאָן.

— אָבער איך פארשטעה ניט ווי קומט עס?... — האָט ער

קוים אַרויסגעשטאַמעלט און נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך. עס האָט זיך איהם די מינוט געדאַכט, אַז אַלץ איז אַ חלום. ער האָט זיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס שטעהט „זי" און רעדט מיט איהם און ער האַלט איהר האַנט.

— באַרוהיגט אייך! — האָט זי איהם געפּרופּט אויפמונ־טערען.

— ווי גליקליך איך בין, וואָס איך זעה אייך ווידער — איז ער פּלוצלינג פון פרייד אויפגעשפּרונגען און געכאַפּט אַזש קושען איהר האַנט.

זי האָט די האַנט ניט צוגענומען.

— זאָגט... זאָגט... מיר, איך בעט אייך... דיר... דעם אמת, זייט איהר... ביזטו... שוין מעהר אויף מיר ניט ברוגז? — האָט ער, קושענדיג איהר האַנט, ניט אויפגעהערט ביי איהר צו פרעגען.

— איך ברוגז?... מענש איינער! פאַר וואָס זאָל איך זיין ברוגז? איך באַדאַרף ניט מעהר זיין ברוגז... איצט ווייס איך שוין וואָס „אומשטענדען" זענען...

— אָה, דערמאָן מיר מעהר ניט דעם וואָרט!... — האָט ער זיך ביי איהם געבעטען — איך גיב צו אַז איך האָב דאַמאָלסט געמאַכט אַ טעות, דורך וועלכען מיר האָבען ביידע טייער באַצאָלט... איך וויל אָבער אַלעס ווידער גוט מאַכען איידער עס ווערט צו שפּעט.

— גוט מאַכען זאָגסטו ווילסטו? איך ווייס, איך גלויב דיר... אָבער נישט מעהר קענסטו „גאַנץ" מאַכען דאָס, וואָס דאָס לעבען און די צייט האָט צעבראָכען... איך בין איצט פאַל־שטענדיג רואינירט סיי אין גייסט, סיי אין קערפּער... איך בין איצט ניט מעהר אימשטאַנד צו נעהמען אירגענד וועלכען נייעם וועג אין לעבען. די פאַרשידענע דורכלעבונגען און ערפאַרונגען, וואָס איך האָב דורך דער צייט געהאַט... די פאַרשידענע ענט־טוישונגען און דורכפאַלע, וואָס איך האָב געליטען אויף טריט און שריט זייט איך האָב זיך באַקאַנט מיט די אומשטענדען, האָבען אין מיר אָפּגעטויטעט יעדעס ברעקעל געפיהל... אַרויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל יעדען ברעקעל שטורם און ליידענשאַפט, וואָס איז

אזוי נויטיג אין לעבען... איך קען מעהר ניט ליעבען, אפילו ניט האסען... איך בין איצט טעמפּ און גלייכגילטיג צו אלץ און צו אלעמען, און נאָך מעהר צו זיך אליין...

זי האָט אויפגעהערט רעדען. פארטראכטערהייט איז זי שטעהן געבליבען שטיל און שטום, ווי א סטאטוע, אָהן דעם מינ־דעסטען צייכען פון לעבען און באוועגונג... איהרע פארשטארטע בליקען האָבען געקוקט ערגעץ ווייט אָהן א ציעל און אָהן אַן ענד... קאלטע, פארגליווערטע בליקען זענען דאָס געווען, ווי ביי א טויטען.

ער איז געשטאנען דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזען, א טרויעריגער, א פארטראכטער... געטראכט האָט ער, אז אלץ, אלץ איז פאר־לאָרען: די ליעבע און די לעצטע האָפנונג נאָך ווען אמאָל גליקליך צו זיין. אפילו דעם האס איהרען, וואָס וואָלט איהם איצט, דאכט זיך, געווען אזוי זיס, קען ער פון איהר אויך מעהר ניט קריגען. אלץ איז געענדיגט, אלץ... אלץ...

„און אלץ איבער די פארפלוכטע אומשטענדען"...

— — — — — — — — — — — —

שטומערהייט האָבען זיי זיךביידע די הענט געדריקט און זיך צוגאנצען אויף שטענדיג.

בחוריג

דער פֿאַרשפּעטיגטער

צו מיני'ם פֿאַרלאָבונג איז מאַקס געקומען ניט דערפֿאַר ווייל ער האָט איהר געוואָלט צייגען, אַז איהם אַרט ניט, וואָס זי געהט אַ כּלה ווערען פֿאַר אַן אַנדערען. פֿאַרקערט, ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסען, אַז כאָטש זי געהט פֿאַרלאָבט ווערען פֿאַר אַן אַנדערען, פֿאַרבלייבט ער איהר דאָך אַ גוטער פֿריינד, וואָס איז נאָר אויסען צו זעהן איהר גליקליך מיט וועמען עס זאָל ניט זיין.

ווייל אין גרונד גענומען ווייסט ער דאָך דעם אמת, אַז זי איז ניט די שולדיגע, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען... זי האָט דאָך געמיינט דאָס בעסטע... שולדיג איז דאָך גאָר נאָר ער אַליין. זי האָט איהם געגעבען אַלע געלעגענהייטען אויסצודריקען זיך מיט עפּעס אַ וואָרט, אַז זי מעג האָפֿען, כאָטש געבען איהר עפּעס אַן אָנצוהערעניש, אַז ער ליעבט זי... ער אָבער, ווי אימער אין אַזעלכע פֿעלע, האָט זיך אַליין ניט געקענט באַשליסען. ער איז אַרומגעגאַנגען און געטראַכט און — געשוויגען...

עס איז איהם שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיינע אַ נאָהנטע אינטימע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט זעהר לייכט געקענט קריגען פֿאַר זיך, האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען אויף זיין ליעבעס־ערקלערונג און איז אַ כּלה געוואָרען פֿאַר אַן אַנדערען... אַזעלכע פֿעלע האָט איהם שוין געטראָפֿען פֿיעל מאָל... און גע־כאַפּט האָט ער זיך שטענדיג נאָכדעם, ווי עס איז שוין געווען צו שפּעט... ערשט דאַמאָלסט פֿלעגט ער זיך אַרומזעהן, אַז די איז טאַקע געווען די ריכטיגע, זיין אמת׳ע באַשערטע... און געגאַגט האָט אין זייי האַרצען אַ פֿאַרדרוס און חרטה, וואָרום ער האָט

זיך ניט צוגעאײלט און געלאָזט אַן אַנדערען אַרױסכאַפּען דאָס גליק פון זײנע הענט...

איך בין אַ קריכער, אַ שלעפּער!... פלעגט ער זיך אַלײן מאַכען פאָרװירפע; עס האָט איהם שוין אָבער גאָר נישט געהאָלפען.

מיני איז פאַרלױפיג בײ איהם געװען די לעצטע, מיט װעלכער עס האָט ענליכעס פּאַסירט.

אַרײנקומענדיג אין הויז האָט ער געטראָפען אַ גרעסערע געזעלשאַפט פאַרזאַמעלט אַרום טיש, אויף װעלכען עס איז געװען אויסגעשטעלט פון אַלע גוטע זאַכען. דער עולם האָט זעהר גוט פאַרבראַכט, מען האָט גערעדט, דעבאַטירט, געזאָגט גלײך־װערטלעך און געלאַכט.

מוזיק און געזאַנג האָט אויך ניט געפעהלט. מיני האָט געזונגען און סאַלאָמאָן, איהר חתן, האָט איהר באַגלײט אויף דער פידעל.

װען מאַקס איז אַרײנגעקומען, האָט איהם קײנער ניט באַמערקט, אַלעמענס בליקען זענען געװען געװענדעט צו חתן־כלה.

ער האָט זיך אװעקגעזעצט ערגעץ בײ אַ ברעג פון׳ם טיש און געקוקט אויף מיני׳ן.

װי שעהן, װי רײצענד זי האָט איצט אויסגעזעהן אין זײנע אויגען! זינגענדיג האָט זיך איהר פּנים ראַזליך צעפלאַמט, איהרע העל־בלויע אויגען האָבען געלויכטען און גע׳כשופ׳ט מיט זײער צויבערליכען חן. איהר רונדער שלאַנקער װײס־באַקלײדעטער קערפּער האָט זיך װײך און צאַרט באַװעגט. עס האָט אויסגעװיזען, װי זי װאָלט זיך אין שטראַהלען־ליכט געטונקען.

װען חתן־כלה האָבען געענדיגט, האָט אויסגעבראָכען אַ שטורמענדער אַפּלאָדיסמענט, װאָס האָט פאַרהילכט די הויז.

מאַקס האָט אויך אַפּלאָדירט. די הענט האָבען זיך בײ איהם אויטאָמאַטיש באַװעגט.

מיני האָט איהם באַמערקט און אַ לײכטען נויג געטאָן צו איהם מיט׳ן קאָפּ און עפּעס אַ מאָדנער שמײכעל האָט אַ שװעב געטאָן אויף איהרע ליפּען...

מאקס האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען און געטראַכט:

און אָט די שעהנע מיידעל מיט די בלויע אויגען האָט דאָך געקענט זיינע זיין. ער האָט דאָך מיט איהר אזוי פיעל גוטע און שעהנע מינוטען פארבראכט... און וואָס קער זי זיך איצט מיט איהם אָן? וואָס איז זי זיינע? א געוועזענע... א חלום, וואָס איז פאַראיבער, און ווייטער גאָר נישט... ער וועט מעהר ניט קענען מיט איהר אזוי נאָהנט זיין; א שמייכעל, און אפשר גאָר אָן אָפּלאכענדער, איז דאָס איינציגע, וואָס זי קען איהם איצט פון ווייטען שענקען.

צום סוף פונ׳ם אָווענט האָט דער עולם געפיהלט זעהר מונ־טער און אויפגעלעגט.

איינער פון דער געזעלשאפט האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל זיך א ביסעל דורכגעהן.

אַלע האָבען איינגעשטימט.

מאקס האָט זיך שטיל און פארטראכט אויפגעהויבען פונ׳ם אָרט, נאָכפאָלגענדיג מיט די בליקען מיני׳ן.

ער האָט געזעהן, ווי זי איז אוועק אין א זייטיג ווינקעל, וואו די קליידער זענען געהאנגען, סאלאמאָן איז איהר נאָכגעגאנגען.

ביים העלפען איהר אנטאָן דעם אויבערמאנטעל, האָט ער איהר ארומגענומען און א שטארקען קוש געגעבען.

מאקס׳ען האָט א שטאָך געטאָן אין הארצען. ס׳איז דאָך זיין קוש... — איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק.

אויפ׳ן גאס האָט מען זיך אין פאָרלעך צעטיילט. סאלאמאָן האָט איהר אונטער׳ן אָרעם גענומען און ווארים און ליעבליך זי צו זיך צוגעטוליעט.

מען האָט זיך געלאָזען געהן שפּאצירען איבער׳ן ברייטען טראָטואר.

עס איז געווען א שעהנע, א ליכטיגע ווינטער־נאכט.

די לופט קלאָר דורכזיכטיג, א פרישער שניי, וואָס האָט אנגעהויבען פאלען, נאָך איידער זיי האָבען די הויז פארלאָזען, ליגט ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט איבער די גאסען, אויפ׳ן טראָטואר, גלייך ווי די ווייס־זילבערנע לבנה וואָלט אויף דער ערד

אראָפּגענידערט און זיך פאַרשפּרייט מיט איהר גאַנצער גרויסקייט.

מען איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט, מיט רויטע צעפּלאַמטע געזיכטער און געקלאַפּט קרעפטיג מיט די פיס איבער׳ן ווייסען, קלאָרען שניי...

די מלבושים זענען מיט איין מאָל איז פרישען ווייסען שניי איינגעהילט געוואָרען.

די קאָמפּאַניע איז נאָך מונטערער געוואָרען. מען האָט אָנגעהויבען וואַרפען איינע די אַנדערע מיט באָלס פון שניי און דערנאָך האָט מען גענומען זינגען.

שטילע, אָבער מונטערע שטימען האָבען זיך פריידיג געגאָסען איבער דער שנייאיגער לופט... און געדאַכט האָט זיך, אַז גליקליכע נשמות זינגען און פריידיגע הערצער טאַנצען צום טאַקט...

מאַקס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אַליין, אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער... און געטראַכט האָט ער, אַז ער וועט זיך שוין שטענדיג אַזוי אַרומשלעפּען אַליין אָן עלענדער זיין גאַנצען לעבען, אָהן אַ ציעל און אָהן אַ וועג; און אַז שולדיג אין דעם איז ער, ער אַליין מיט זיין שטענדיגען טראַכטען, וואַרטען און פאַרשפּעטיגען זיך...

ווען די ליעבע רעדט

אזוי שנעל ווי מאָרים איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער ארבייט, איז ער לויפענדיג, ווי אָהן אַן אָטעם, אוועק אַפּוואַרטען ראָזע'ן ביים שאַפּ.

דאָס האָט איהר מאָרים אפשר צום ערשטען מאָל געוואָלט צייגען זיין טריישאַפט און אויפריכטיגקייט מיט איהר. אמת, ביז איצט האָט ער איהר אויך געליעבט און עס איז איהם קיין זאַך נים שווער געווען פאַר איהר צו טאָן. ביז איצט איז ער אָבער נאָך ניט געווען ענטשלאָסען צי ער וועט פאַרבלייבען איהרער... דאָס הארץ האָט איהם שטארק געשראָקען, ווען עס איז איהם נאָר ארויפגעקומען אמאָל אויפ'ן געדאַנק, אַז עס איז שוין צייט, נאָך אזא לאַנגען קענען זיך און אינטים זיין מיט איהר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו באַשליסען צי זאָלען זיי זיך צוגעהן ווי ליעבע גוטע פריינד, אָדער זיי זאָלען שוין איינע מיט די אנדערע פאַרבלייבען אויף שטענדיג.

און געשראָקען האָט זיך מאָרים ניט דערפאַר, ווייל ער האָט אויף אַ האָר געצווייפעלט אין זיין ליעבע צו איהר. אין דעם איז ער געווען זיכער. ער איז אָבער ניט געווען זיכער, צי ער וועט קענען מאַכען אַ לעבען. חתונה האָבען, האָט ער געוואוסט, איז ניט קיין שפּיעלכעל, און זיינע מאַטעריעלע אומשטענדען זענען ניט געווען אזעלכע, וועלכע זאָלען איהם פאַרשפּרעכען עטוואָס גליק און צופרידענהייט פאַר די צוקונפט.

ער האָט דערפאַר מיט אַלע קרעפטען זיך תמיד געזוכט פון איהר צוריקצוהאַלטען, כדי איהר ניט צו מאַכען גלויבען צו פיעל אין זיין ליעבע, עס זאָל איהר דערנאָך, ווען עס וועט איהם

אויסקומען פון איהר אוועקצוגעהן, ניט אזוי שווער זיין איבערצו־טראָגען, ווען זיי וועלען זיך מוזען צושיידען. קיין איבריגע טריישאפט האָט ער צו איהר אויך ניט ארויסגעוויזען צוליעב דער זעלבער אורזאכע.

ענדליך אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אז אלע זיינע מיטלען, וואָס ער זוכט ארויסצודרעהען זיך פון דאָס, וואָס זיין הארץ און אלע זיינע נערוון באגערען אזוי שטארק, איז אומזיסט. פארקערט, וואָס מעהר ער זוכט זיך צו דערווייטערען פון איהר, אלץ נעהנטער און ליעבער ווערט זי איהם, און וואָס מעהר עס פארגעהט א טאָג און ער זעהט זי ניט, אלץ מעהר ציהט איהם צו איהר... און צורעבענענדיג דעם פאקט, וואָס זי, זיין ראָזי, מאכט איהם נאָך אלץ אויף דעם ניט אויפמערקזאם, לאָזט איהם געהן און טאָן, וואָס ער וויל, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס ער ווייס, אז זי ליעבט איהם ניט ווייניגער ווי ער זי, נאָר זי וויל איהם ניט האלטען צוגעבונדען — גיט איהם א פרייע האנט צו האנדלען, ווי ער פארשטעהט, דאָס אלעס האָט איהם נאָך שטארקער צו איהר צוגעצויגען אזוי, אז ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט, אז ער איז אין גאנצען איהרער, אז עס איז ניטאָ מעהר די קראפט, וועלכע זאָל איהם פון איהר אָפרייסען.

קומענדיג צו דעם באשלוס, האָט ער דערפיהלט פיעל פרייער און לייכטער אויפ'ן הארצען, ווי איינער, וואָס איז די גאנצע צייט געשטאנען אנטקעגען א גרויסע געפאר, און די געפאר האָט איהם געדראָהעט און געשראָקען אזוי לאנג, ביז ער האָט זיך מיט זיין גאנצען מוט און ענערגיע אין דעם אריינגעוואָרפען. די געפאר איז נאָך, אמת, ניט פאָראיבער, ער איז שוין אָבער אין דעם און ער מוז קעמפפען, קעמפפען מיט אלע מעגליכקייטען עס בייצוקומען.

און שטעהענדיג יעצט ביים שאפ, ווארטענדיג אויף זיין ראָזי'ן, וועלכע ער האָט ערשט נעכטען ערקלערט זיין באשלוס, האָט ער געטראכט: אז דאָס לעבען איז נאָך אלעמען ניט מעהר ווי א באשלוס־זאך. ביזטו פעסט זיכער אין זיך, אין דיינע קרעפ־טען, דאן וועט דאָס לעבען שטעהן אויף דיין זייט. דאָס לעבען

האָט פיינט שוואַכלינגע. וואָס שטאַרקער, פעסטער דו פיהלסט זיך, אַלץ בעסער.

אָבער וואַרפענדיג אַ בליק אַרום זיך, און דערזעהענדיג די הונדערטער, די טויזענדער אַרבייטער וועלכע האָבען פאַרביי איהם דורכמאַרשירט מיעדע און אויסגעמאַטערטע, מיט בלאַסע און מיט שוויים איינגעטונקטע פּנים'ער, שלעפּענדיג קוים די פיס נאָך דעם לאַנגען און שווערען טאָג אַרבייט, איז זיין גאַנצע טעאָריע מיט איין מאָל צעקלאַפּט געוואָרען...

„היינט געה זיי אַ העלד, ווען דאָס לעבען איז אַזוי שווער און גרויזאַם צו די אָרימע, צו די, וועלכע מוזען ליגען טאָג איין טאָג אויס אין די פינסטערע פעקטאָרים, ווערענדיג פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט“...

„געה זיי אַ העלד“ — האָט ער געטראַכט און ביטער פאַר זיך געשמייכעלט.

„מערקווירדיג, האָבען זיך ביי איהם ווייטער געצויגען די געדאַנקען, ווען מען זיצט אַליין און מען אַרבייט, באַמערקט מען גאָר ניט, ווי קליין, ווי נישטיג מען איז“...

זיצען מענשען־באַשעפענישען אַרומגעזעצט ביי מאַשינען און טישען, וואַרפען מיט די הענט, צאַפּלען מיט'ן קערפּער, פאַרמור־זשעט, פאַר'חושכ'ט, און פרעג וואָס? ווען? וואָס פאַר אַ ציעל, וואָס פאַר אַ זין האָט עס? אויפנעהען אַ קליידעל... חי, חי, חי! עס גלוסט זיך איהם צו לאַכען, אַ קליידעלע... שוטים וואָס מען איז...

— ווי נאַריש, ווי מיאוס עס מוז אויסזעהן אין אַ צווייטענס אויגען, ווען יענער קוקט זיך צו...

„און איצט, זיך צוריקציהענדיג פון דער אַרבייט, ווייזען זיי אויס, ווי אַן אָפּגעריסענע אַרמיי, וועלכע ציהט זיך צוריק פון שונא צעבראָכען און פאַר'חלש'ט, ווי באַזיעגטע העלדען.

„און ער איז דאָס איינער פון זיי, וואָס קעמפּפט און ליידט צו־זאַמען מיט זיי... און וואָס געהט זיך איצט אַריינוואַרפען אין אַ נייע מלחמה, אפשר אין די שווערסטע מלחמה מיט'ן לעבען חתונה האָבען!

„אַך, זאָל עס דער רוח נעהמען!"

זיינע געדאַנקען זענען פּלוצלינג איבערגעריסען געוואָרען פון א לייכטע באַרירונג פון א פרויען־האַנט.

פאַר איהם איז געשטאַנען זיין ראָזי, א בלאַסע, און אויס־געמאַטערטע, זי האָט כלומר׳שט געשמייכעלט, אָבער עס איז געוועזן צו מערקען, אַז זי וויל איצט ניט שמייכלען, זי וויל וואָס שנעלער אַהיים געהן עפּעס עסען און זיך אָפּרוהען.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — האָט זיך ביי איהם פון זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט.

— געאַרבייט א ביסעל אָווערטיים, געמוזט עפּעס אָפּענדיגען,

— האָט זי מיעד אַרויסגערעדט און ווידער געשמייכעלט, כדי צו מאַכען איהם פיהלען לייכט און אויפגעלעגט...

איהר שמייכעל האָט איהם די מינוט עפּעס מאָדנע פאַר־דראָסען... וואָס־זשע עפּעס, פאַרשטעהט ער ניט, נעהמט זי עפּעס דוקא איצט און שמייכעלט שוין א פּאָר מאָל?... עס קומט אויס, ווי עס וואָלט הייסען: „נו, בחור, אַצינד האָבען מיר דיך שוין זיכער און באַלד וועלען מיר שוין פאַרשפּאָרען אין שאָפּ צו געהן אַרבייטען"...

„אודאי, וואָס דען? ער וועט עס שוין, הייסט עס, מיט זיינע אויך ניט שטאַרק פיזישע קרעפטען מוזען באַזאָרגען די הויז. א מאָדנער שפּאַס.

„חתונה האָבען האָט זיך איהם פאַרגלוסט...

„אידיאָט!" האָט ער געוואָלט צו זיך אַליין אויסשרייען.

ראָזע האָט איהם דערוויייל גענומען אונטער׳ן אָרעם, זיך וואַרים און געפּיהלפול געטוליעט צו איהם, ווי א קינד, א שוואַכע קינד טוליעט זיך צו דער מאַמען. זי האָט געשוויגען, גאָר ניט גערעדט. גערעדט האָבען בלויז איהרע אויגען, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט אויף איהם געקוקט אַזוי מילד און קינדעריש הילפלאָז, ווי זי וואָלט צו איהם זאָגען: מאָריס, מיין ליעבער, גוטער מאָריס, פון היינט אָן ביזטו דאָך מיין בעסטער און איינציגער פריינד, מיין נאָהנט־סטער באַשיצער.

מאָרים האָט דערפיהלט איהר שוואכקייט, איהר הילפלאָזיג־קייט, און עס האָט איהם עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים הארצען, אַ פּאָטערליכע ליעבע אויסגעמישט מיט אַ רחמנות־געפיהל האָט איהם אָנגעכאַפּט — ער וואָלט די מינוט בעריט געווען אַלץ צו טאָן פאַר איהר, אפילו ווארפען זיך אין פייער.

„ווי עדעל און ווי בלייך זי איז", — האָט ער געטראַכט מיט ליעבשאַפט ווענען איהר, און די בלייכקייט איהרע האָט איצט אין זיינע אויגען גאָר אַן אַנדער חן באַקומען.

ער האָט דערפיהלט צו קושען איהר אויסגעבלייכטען פּנים, איהרע דינע צאַרטע הענטלעך, וועלכע ער האָט אין האַנט געהאַלטען און געגלעט איהרע פינגער...

„כ'ווייס גאָר ניט, ווי איך וואָלט אָהן דיר געקענט לעבען — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך גלייך דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע ווערטער, און בשעת מעשה אַ טראַכט געטאָן: „דער טייפעל זאָל איהם נעהמען פאַר אַזעלכע ווערטער — אַט וואָס ער האָט איצט אַרויסגעזאָגט.

„ענגער האָט ער אָרום זיין האַלז דעם קנופּ פאַרבונדען...

„אָבער וואָס קען ער טאָן? — האָט ער זיך אַליין פאַרענט־פערט, ער האָט דאָך איהר נאָר געזאָגט, וואָס זיין האַרץ פיהלט און ער האָט איהר דאָך אַזוי ליעב...

זי האָט אויף זיינע ווערטער בלויז געענטפערט מיט אַ שטומען דריק פון דער האַנט, ווי זי וואָלט זאָגען: איך ווייס דאָס, איך ווייס דאָס!

עס האָט זיך ביי איהם שיער ניט אַרויסגעכאַפּט: „זיי נאָר ניט אַזוי זיכער"...

אָבער געזאָגט האָט ער:

— און אַז מיר וועלען ביידע הייראַטען, וועל איך דיר אויף די הענט טראָגען, ניט לאָזען אויף דיר קיין שטויבעלע פאַלען; כ'וועל אַרבייטען שווער און ביטער דיר צו פאַרזאָרגען, דיר זאָל גאָר ניט פעהלען, ווייל איך האָב דיך אַזוי ליעב!

„רעד, רעד נאָך אַ ביסעל, אידיאָט דו... האָט איהם גע־שטורכעט אַ בייזער געדאַנק — ביזט שוין אַלץ איינס אַ פאַרפאַק־

טער... און באַלד ענדיגט זיך שוין דער סיזאָן... וועסט זיין אין דר׳ערד מיט די ביינער..."

„זאָל זיין וואָס עס וויל זיך!" האָט זיך ביי איהם ארויסגע־ריסען.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זי איהם אַ פרעג געטאָן און אויף איהם אַ בליץ געטאָן מיט איהרע פאַרליעבטע אויגען.

„אָט וואָס איך האָב געזאָגט, אז מען דאַרף זיך אונטעראײַלען אַ ביסעל אהיים צו קומען. ביזט שוין, מיין טייבעלע, הונגעריג, און מיעד ביזטו דאָך".

זי האָט זיך צו איהם אַלץ נעהנטער און ווארימער געטוליעט.

„גוד באַי!" האָט איהם ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערען...

אויפ'ן באַל

צום באַל איז היינט ליקין געקומען שוין ניט אַליין, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. מיט איהם איז מיטגעקומען אַ שעהנע שוואַרץ־חנ'עוודיגע מיידעל, וועלכע האָט איהם געהאַלטען שטייף אַרומגענומען אַרום אָרעם, גערעדט צו איהם אַזוי פריינדליך, געקוקט איהם אַזוי ליעבליך אין די אויגען אַריין און אין אַלגעמיין איז איהר באַנעהמונג צו איהם געווען זעהר היימיש און נאָהנט.

ליקין דאַגעגען האָט קיין גרויסע צופרידענהייט ניט אַרויסגעוויזען פון זיין באַגלייטערינס באַנעהמונג. ער וואָלט גיכער געוואונשען, אַז זי זאָל איהם כאָטש אויף אַ קורצע ווייל באַפרייען פון איהרע הענט, ער זאָל זיך קענען עפּעס אַ ריר געבען, אַ לויף טאָן אַהין, אַהער, זעהן זיך מיט עטליכע גוטע ברידער, נעהמען צו גלעזלעך ביי די „באַר“, דאַן אַ יאָג טאָן זיך איבער'ן האָל, טרעפען זיך מיט עטליכע באַקאַנטע מיידלעך, דורכוואַרפען זיך מיט עטליכע ווערטער, פאַרצייכענען עטליכע אַדרעסען אין זיין נאָטיץ־ביכעל, אַ דריק טאָן די האַנט, פאַרנייגען זיך, אויסרופען די געוועהנליכע ווערטער: מיר וועלען זיך נאָך מן־הסתם זעהן! און פאַרשווינדען ערגעץ איבער'ן האָל, זוכען עטוואָס נייעס...

שוין ניט איין מאָל האָט זיך ליקין פאַרגעסען און פּרובירט אַ שלעפּ טאָן זיין האַנט פון איהרע, מאַכענדיג אַ פּאָר שריט פאָרווערטס... אָבער דערזעהענדיג די שטרענגע אומעטיגע געזיכט פון זיין באַגלייטערין, איז ער שטעהן געבליבען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז שוין מעהר נישט דער פרייער פויגעל, ווי געווען... יענע אַלטע גוטע צייטען, ווען ער האָט געקענט

געהן און טאָן וואו און וואס ער וויל, זענען שוין פאַראיבער; ער באַלאַנגט איצט צו איהר; ער מוז זיך רעכענען מיט איהרע געפיהלען, קאפּריזען און נייגונגען, אָפּזאָגען זיך פון אַלע פריי־הייטען און פארגעניגענס, וואָס ער האָט געגאָסען ביז איצט; די מעהרסטע אויפמערקזאַמקייט מוז ער איהר אָוועקשענקען; זי איז זיין כלה, זיין איינציגע, אמת'ע, אויפריכטיגע געליעבטע, מיט וועלכער ער דענקט זיך שוין צו פאַראייניגען אויף אייביג...

אין האָל איז ליכטיג... די מוזיק שפּיעלט, פּאָרלעך טאַנ־צען, דרעהען זיך איבער'ן האָל, ווי אַ וויכער; די פּנים'ער זענען צעפלאַמט, די אויגען גליהען פון באַרוישטען גליק און מונטער־קייט...

לייקין טאַנצט מיט זיין כלה, מישט זיך אויס אין געדרענג האַלטענדיג איהר פעסט אַרומגענומען אַרום טאַליע; איין ברוסט רוהט לעבען דער אַנדערער, און עס קלאַפּען ביידענס הערצער צום טאַקט פון די מוזיק.

„דאָס טאַנצט ער מיט איהר, זיין אייגענער כלה!" — פליהט איהם דורך אַ געדאַנק, און עפּעס אַ נייער געפיהל נעהמט איהם אַרום, גאָר ניט ווי אַלע מאָל... אַ געפיהל, וואָס פיהלט אָן זיין האַרץ מיט גליק, פרייד און מיט ליעבע.

ניט ווילענדיג נעהמט ער זיך דערמאָנען, ווי אָפט איהם פלעגט אויסקומען צו טאַנצען מיט פאַרשידענע מיידלעך, און עס שטעלט זיך איהם איצט די פראַגע: וואָס האָט ער אין יענעם מאָמענט צו זיי געפיהלט? און וואָס האָבען זיי געפיהלט צו איהם? גאָר ניט! גלייכגילטיגקייט, און דאָס אַלעס... און אויב ער האָט דאַמאָלסט יאָ עפּעס געפיהלט, איז עס געווען אַ מאָמענטאַלער געפיהל, וואָס איז געקומען נאָך די באַרירונג פון איינע צו די אַנדערע... אָבער אַזוי שנעל, ווי דער טאַנץ האָט זיך געענדיגט, פלעגט ער עפּעס אַזוי מאָדנע שטעהן בלייבען פרעמד און אָפּגעזונדערט...

ווי אַנדערש ער פיהלט יעצט!

אָט טאַנצט ער שוין מיט זיין כלה אַזוי פיעל מאָל, און נאָך יעדען מאָל טאַנצען פיהלט ער זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צו

איהר, אַלז מעהר קריגט ער זי ליעב; ער וואָלט, דוכט זיך, אזוי אָפּגעטאַנצט מיט איהר דאָס גאַנצע לעבען און ער וואָלט ניט מיעד געוואָרען...

און עס וואונדערט איהם, וואָס די ערשטע פּאָר מינוטען ביים אריינקומען אין האָל האָט ער געפיהלט ווי צו אַנטלויפען פון איהר. עפּעס האָט איהם געצויגען ארומצולויפען איבער'ן האָל, קוקען, זוכען, אליין ניט וויסענדיג וואָס און וועמען צו זוכען... די אַלטע געוואוינהייט — די זוכעניש... וויפיעל מאָל האָט עס איהם שיער ניט משוגע געמאַכט... יעדע פרייע שעה, יעדע פרייע מינוט האָט ער אויף זוכען פארלאָרען... ער האָט קיינ־מאָל אין הויז ניט געקענט איינזיצען... עפּעס האָט איהם גע־ריסען, געצויגען, איהם האָט זיך שטענדיג געדאַכט, אַז ער פאר־לירט... און אין שטוב איז שטענדיג אזוי אומעטיג און לאַנג־וויילינ געווען... און געוואוסט האָט ער, אַז אין דרויסען קאָכט און רוישט דאָס לעבען און ערגעץ אין הייזער איז פרעהליך און ליכטיג; מען זיצט, מען רעדט און מען פארברענגט, איז ער געלאָפען, אליין ניט וויסענדיג וואו, וואוהין די אויגען האָבען איהם געטראָגען...

די מוזיק האָט אויפגעהערט שפּיעלען, די פּאָרלעך זענען זיך פונאנדערגעגאַנגען. איבער'ן האָל האָבען איצט ארומגעבלאָנקעט פארשידענע זוכערס. מען האָט געזוכט גלאַט אין דער וועלט אריין, אבי ניט צו צייגען יענעם, אַז מען איז אליין. פּיעלע זענען זיך צוגאַנגען אין די זייטיגע טונקעלע ווינקלען פונ'ם האָל, אָפּווארטענדיג ביז דער טומעל וועט זיך ווייטער אָנהויבען, אום מען זאָל זיך ניט וואַרפען אזוי פּיעל אין די אויגען.

לייקין האָט ארומגעשפּאַצירט מיט זיין כלה איבער'ן האָל, זיין האַנט געשלאָסען אין איהרע. עס איז אויסגעקומען, ווי זיין האַנט מיט איהרער וואָלט איין האַנט געווען, אַז די הענט וועלען זיך איינע פון די אַנדערע מעהר קיינמאָל ניט אָפּשיידען, אַז אזוי וועלען זיי שוין שטענדיג פארבלייבען צוזאַמענגעוואַקסען...

ביידע האָבען זיי געפיהלט פרעהליך און אויפגעלעגט. לייקין האָט די גאַנצע צייט זיך געוויצעלט, געזאָגט גלייך־ווערטלעך.

זי האָט איהם געענטפערט מיט אַ טיעפען הארציגען געלעכטער. פון צייט צו צייט פלעגען זיי אָפּגעהן ערגעץ אין אַ שטילען טונקעלען ווינקעל, צופרעסען די ליפּען איינע צו די אַנדערע און אומקערען זיך צוריק, באַגלייט פון ערגעץ באַהאַלטענע קנאה־אויגען פון זוכערס און זוכערקעס...

מיט אַמאָל האָבען לייקינ׳ס בליקען זיך באַגעגענט מיט עטלי־כע פון זיינע אַלטע באַקאַנטע מיידלעך. אַלע מעהר אָדער ווע־ניגער אינטימע פריינד זיינע. אָט איז סיידי, פעני, ליזע... זיי געהען אַלע צוזאַמען, קוקען אויף איהם מיט איהר... עפּעס סוד׳ען זיי זיך...

לייקין האָט אַ שטילען ציטער געטאָן.

וואָס זאָל ער טאָן איצט? — האָט אַ פראַגע אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח — זאָל ער זיך באַגעגענען מיט זיי אדער זאָל ער זיי אפשר נאָר אין גאַנצען אויסמיידען? יאַ, אויסמיידען... ער מוז זיי אויסמיידען, אַנדערש קען ער איצט ניט האַנדלען — האָט ער באַשלאָסען — ער מוז זיי גלייך צייגען, אַז עס קען מעהר ניט זיין צווישען איהם און זיי דאָס, וואָס איז געוועזן...

אפשר האָט שוין יעדע פון זיי פּאַרטרויט דעם סוד דער צווייטער, אַז נאָר איהר האָט ער עפּעס צוגעזאָגט, פאַרזיכערט, אַז ער ליעבט איהר... וואָס וועלען זיי אַלע איצט דענקען פון איהם, ווען ער וועט פון זיי אַנטלויפען, אויסמיידען זיי? — פאַלט איהם איצט איין. צום טייפעל! ווער האָט זיי אָנגעשיקט אָט דאָ איצט אויפ׳ן באָל? — איז לייקין אַזש בייז געוואָרען... נאָר אייגענטליך, — טראַכט ער צו באַרוהיגען זיך — וואָס אַרט עס איהם, וואָס זיי וועלען דענקען? ער האָט שוין איינע, וועל־כע איז זיין כלה, זיין אמת׳ע געליעבטע. אום זיי צו צייגען, ווי ווייט אויפריכטיג ער איז שוין דאָס מאָל, האָט ער זיך אַ קער געטאָן מיט זיין כלה אָן אַ זייט, אויסמיידענדיג די מיידלעך, וועלכע האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט זייערע שטומע פאַר־שעהמטע בליקען.

אָבער עס האָט איהם דאָך ניט געלאָזט רוהען: די, וועלכע זענען כמעט אַלע געווען זיינע אַמאָליגע געליעבטע, האָבען איצט

אויף איהם א שטארקען איינדרוק געמאכט. ער האט שוין מעהר ניט געקענט פארבלייבען גלייכגילטיג דעם אווענט, זייער ערשיי־נונג האט איהם געמאכט צו דענקען, צו פארטראכטען זיך... אין זיין פארשטעלונג האבען זיך גענומען אויסמאלען פארשידענע בילדער פון פארשידענע מאמענטען, ווען ער איז מיט זיי געוועזען אזוי היימיש, אזוי נאהנט... אט האט ער זיך דערמאנט פון איינע א בליק, פון די צווייטע א שמייכעל, א מינע, אן אויסדרוק פון א געוויסען מאמענט, ווען ער האט מיט זיי צוזאמען פאר־בראכט, און ניט ווילענדיג האבען אין איהם אויפגעלעבט פאר־שידענע געפיהלען צו יעדער איינער באזונדער... און דאס הארץ ביי איהם האט אנגעהויבען עפעס אזוי צו שפרינגען, ציהען און בענקען.

ער האט אומגעדרעהט דעם קאפ; די מיידלעך זענען נאך אלץ געשטאנען און איהם נאכגעפאלגט מיט די אויגען... און געדאכט האט איהם, ווי ער זעהט אין זייערע פנים'ער א מינע פון פארוואורף און באליידיגונג; עפעס האבען זייערע שטומע בליקען צו איהם גערעדט, איהם עפעס געפרעגט... גלייך ווי יעדע איינע פון זיי וואלט איצט ביי איהם דין־וחשבון אפגענומען ווענען זיינע האנדלונגען... ביזט א פאלשער! א פארפיהרער! האבען איהם ווי עטליכע שטימען אריינגעשריען אין די אויערען.

ער האט אנגעהויבען שפאנען איבער'ן האל מיט שנעלע און אומרוהיגע טריט... עפעס האט ער זיך דערפיהלט ענג, שווער און דריקענר אין האל. זיין כלה האט איהם מאדנע און פארוואונ־דערט אנגעקוקט... זי האט ניט געקענט פארשטעהן, וואס איהר חתן איילט זיך אזוי, און זי האט איהם פרובירט צוריקהאלטען... ער אבער האט זי געצויגען אלץ נעהנטער צום ארויסגאנג פון האל, און א צעטראגענער איז ער פון באל אוועק...

געהענדיג צוריק איז נאך לייקין אלץ געווען פארטראכט. געטראכט האט ער, אז ער איז געווען א לייכט־זיניגער יונג, געדענקט, אז דאס לעבען באשטעהט נאר פון מאמענטען, וועלכע מען באדארף אויסנוצען ביי יעדער געלעגענהייט, ניט טראכ־טענדיג, צי די האנדלונגען זענען ריכטיגע, צי וועט עמיצער אמאל

דורך איהם ניט ליידען... און אפשר — האָט ער זיך געזוכט צו באַרוהיגען — איז ער אין דעם גאָר ניט שולדיג געווען. שולדיג איז אין דעם געווען זיין יונגע אומרוהיגע נשמה, וועלכע האָט געדורשט נאָך לעבען און גענוס...

— וואָס איז מיט דיר? וואָס ביזטו עפּעס אַזוי צעטראָגען?

— האָט זיין כלה, אָפּשטעלענדיג זיך לעבען איהר הויז, איהם ברוגז'ליך אַ פרעג געטאָן.

— עס איז גאָרניט, — האָט ער אַ צעטומעלטער איהר באַרוהיגט — דאָס טאַנצען האָט מיר נאָר אַ ביסעל דעם קאָפּ פאַרדרעהט...

אַ חתן

ער האָט זיך ארומגעדרעהט איבער'ן האָל אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצען פראַק, אין וועלכען ער האָט זיך געפיהלט גאָר ניט היימיש. די ווייסע האַרטע העמד, מיט'ן הויכען שטייפען קאָל־נער, האָבען איהם שטאַרק געדריקט, אַזוי אַז ער האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן. ער האָט זיך געדרעהט אין אַלע זייטען און ניט געהאַט וואו די הענט אַהינצוטאָן... אין אַלגעמיין האָט ער זיך געפיהלט אומבאַקוועם און ניט אַם פּלאַץ, ווי אַן אומגליק־ליכער צופאַל וואָלט איהם דאָ אַהער אַריינגעוואָרפען, ווי אַ פליג צווישען שפּין־געוועב, פון וואַנען ער קען זיך ניט אַרויספּלאָנ־טערען...

ער, בלענק, אַ מענש מיט פרייע און ראַדיקאַלע מיינונגען, וואָס האָט שטענדיג געטרוימט פון די העכסטע אידעאַלען, געוועזן איבערגעגעבען מיט ליב און לעבען זיינע פּרינציפּען, וועלכע האָבען אַנגערירט דאָס סאַמע עדעלסטע און שעהנסטע אין זיין נשמה; ער, וואָס איז שטענדיג געוועזן אַזוי געוויסענהאַפט און טריי צו זיינע איבערציינונגען, האָט זיך פּלוצלינג פאַרבונדען מיט אַ טאָכטער פון אַן „אָלרייטניק“, וועלכע איז גאָר ניט זיין גלייכען, און אין וועלכע ער צווייפעלט, צי ער האָט זי אויף וויפיעל ניט איז ליעב...

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? ער קען זיך איצט אַליין קיין רעכנונג ניט אָפּגעבען.

עס איז געוועזן נאָך אַ צופעליגע קורצע באַקאַנטשאַפט מיט איהם. ביים ערשטען מאָל זיך זעהן האָט זי זיך גלייך אין איהם פאַרליעבט. איז זי שוין פון איהם ניט אָפּגעטראָטען. ווי אַ

שאָטען האָט זי איהם נאָכגעפאָלגט איבעראַל, וואו ער איז נאָר געגאַנגען און געשטאַנען, ניט אויפגעהערט זיך איהם ערקלערען אין ליעבע, פארשפּראָכען איהם אַ וועלט מיט גליקען, און וויפיעל ער האָט איהר ניט ערקלערט, אַז ער איז איהר די גליקען מוחל, אַז זי איז ניט זיין גלייכען, זי זאָל זיך אָפּטשעפּען, האָט זי זיך דאָך ניט אָפּגעשטעלט ביז...

ביז ער האָט זיך איינמאָל געפונען אין אַ זעהר טרויעריגער און פארצווייפעלטער לאַגע. די ארבייט האָט ער צוליעב זיינע ראַדיקאַלע אידעען געהאַט פארלאָרען, ער איז געבליבען פאַר אַ לענגערע צייט אָהן מיטלען צום לעבען, ניט פארמאָגט אפילו פאַר אַ מאָנאַט רענט צו באַצאָלען, דער לעצטער מלבוש אויף איהם האָט זיך אָפּגעריסען. ער איז געוועזן פארצווייפעלט און האָפנונגסלאָז.

אין דעם קריטישסטען מאָמענט איז זי דאַן ערשינען, איהם אויסגעשטרעקט אַ העלפענדע האַנט, וועלכע ער האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט אָנגעהמען, האָט זיך געראַנגעלט, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, האָט אָבער דאָך אָנגענומען...

אין זיין שרעקליכער הילפלאָזיגקייט האָט איהם מעהר ניט געאַרט וואָס מיט איהם וועט געשעהן. ער האָט זיך געפיהלט שוואַך און אומבאַהאָלפען עפּעס איינצואווענדען, אַנטקעגענצוּשטעלען זיך, און ער האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען אין די הענט פונ'ם בייזען שיקזאַל, וואָס האָט איהם אַזוי צוגעדריקט, געהייסען איהם נעהמען, וואָס מען גיט איהם. — — — — — —

די פאָרלעך אָנגעצויגען אין רייכע קליידער, די מענער מיט גאָלדענע זייגער־קייטען אויף די ברוסטען, און די פרויען מיט דימאַנטען אויף זייערע אויערען און אויף די ווייסע מיט פּודער־דעקאָלטירטע העלזער, זענען געזעסען אויסגעזעצט אויף ווייכע שטוהלען ארום און ארום דעם האָל. אַלע ווײלע זענען צוגעקומען נייע געסט. און די נאָהנטע פון דער פאַמיליע, וועלכע האָבען ביים אריינגאַנג אויף די געסט געוואַרט, האָבען די נייע אריינקור־מענדע שנעל אַ כאַפּ געטאָן אונטער'ן אָרעם, ארומגעפיהרט זיי אָרום און אָרום, פאָרגעשטעלט זיי פאַר די איבריגע חתונה־געסט,

איינע פאר די אנדערע האבען זיך פארנייגט און מיט א וואזשנע מינע זיך אוועקגעזעצט אויף די ווייכע שטוהלען...

בלענק האט זיך שוין עטליכע מאל געוואלט אוועקזעצען, האט אבער ניט געקענט. עס האט איהם געהויבען פון ארט. ער איז געווען נערוועז, ער האט זיך געפיהלט מאדנע עלענד, ניט געהאט צו וועמען א ווארט ארויסצורעדען. עטליכע מאל איז די כלה צו איהם צוגעקומען, פרובירט מיט איהם רעדען, איהם נעהמען אונטער'ן האנט ער איז אבער געבליבען קאלט און אומבאוועג־ליך... איז זי שטיל און צעטראגען פון איהם אפגעטראטען.

נאך איהר יעדען אוועקגעהן האט בלענק פרייער אויפגע־אטעמט... ער האט געזוכט מיט די אויגען עמיצען פון זיינע נאהנטע און אינטימע פריינד און זיינע בליקען זענען די גאנצע צייט געווען אנגעשטרענגט צו דער טיר... ער האט געהאט דאס געפיהל, ווי איינער, וואס באדארף באלד דורכמאכען א שווערע אפעראציע, דאס לעבען שטעהט אין קאן און ער וויל כאטש אנקוקען א פאר פון זיינע ליעבע פריינד.

בלענק איז מיט אמאל לעבעדיג געווארען, דערזעהענדיג פלוצלינג אריינקומען דריי פון זיינע נאהנטע און אינטימסטע פריינד. ער איז זיי שנעל אנטקעגען געלאפען, געכאפט זיי אונ־טער'ן ארעם און אנטקעגען דער עטיקעט פון דער חתונה־צערע־מאניע זיך אוועקגעטראגען מיט זיי ערגעץ אין א ווינקעל פונ'ם האל און זיך צורעדט.

— איהר ווייסט, איהר האט מיך פשוט געראטעוועט מיט אייער קומען — איז בלענק אזש פון פרייד געשפרונגען, און זיך געכאפט קושען זיינע פריינד — איך דרעה זיך דא ארום, ווי א פארבלאנדזשעטע שעפעלע.

— וואס־זשע, זיי שמעקען דיר ניט, די רייכע? — האט איינער פון זיינע פריינד, ליעבערמאן, איהם אריינגעזאגט — זיי געהען, דאכט זיך, ניש־קשה'דיג אנגעטאן...

— און דאמען, געזונדטע פעהלען דא אויך ניט! — האט מישקין איהם אנגעוויזען מיט'ן האנט אויף די רייכע דאמען און פארבארגען אין זיך א שמייכעל געטאן.

— דו פּאַלחסט דאָך ווירקליך אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב... — האָט יודין פון דער זייט איהם אַ קיבעץ געטאָן — אַט ווי איינער פון אונז האָט זיך כאַטש אַרויסגעאַרבייט! זאָל נאָר ווער פון אונז דאַרפען אַ גמילות־חסד׳ל, וועסטו אונז כאַטש לייהען?...

בלענק האָט טרויעריג און ביטער געשמייכעלט, זיך ניט געפיהלט באַליידיגט. ער קען שוין די חברה לצים, ניט איין קי־בעץ האָט ער שוין די לעצטע צייט, זייט ער איז „אַריינגעפאַלען“, פון זיי געקריגען...

— איהר מיינט דאָך ניט ערנסט, אַז איך האָב זיך פאַרקויפט פאַר געלט, — האָט ער שטיל און ניט זיכער אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט זיך געזוכט צו פאַרענטפערען — פאַרשטעהט דאָך מיין לאַגע און אורטיילט מיך ניט פאַלש נאָכ׳ן האַרטען וואָרט פונ׳ם שטרענגען געזעץ. לעגט צו אַ ביסעלע יושר...

ער איז שטיל געבליבען, זיינע בליקען האָבען זיך איינגעגראָ־בען טיעף אין די פּנים׳ער פון זיינע פריינד, ווי ער וואָלט וועלען דערגעהן, וואָס זיי דענקען און פיהלען טאַקע וועגען איהם.

די דריי פריינד האָבען זיך איבערגעקוקט, און אָנגעהויבען רעדען פון עפּעס אַנדערש.

מען האָט גערעדט פון פאַרשידענעס, פון ניט לאַנגיגע פּאַסי־רונגען און דורכלעבונגען אַלע צוזאַמען.

מען האָט גערעדט פון די טעג און נעכט, ווען מען פלעגט איינע צו די אַנדערע צונויפקומען אין די קליינע ענגע צימערען, און זיך אַוועקזעצען אויפ׳ן אייזערנעם בעטעל און אויף דער איינציגער שטוהל, וואָס האָט זיך געפונען, און מען פלעגט רעדען, דיסקוטירען איבער פאַרשידענע זאַכען און ווער פון זיי עס האָט געהאַט אַ פּאָר סענט איז אַראָפּגעלאָפען, אַרויפגעבראַכט אַ פּאָר „ליטוואַקעס“, מיט היימישען ראַזשאַווען ברויט, און אַמאָל טאַקע אַ פּאָר באַטעלס ביער, און מען האָט געמאַכט די ריכטיגע סעודה... און אַז עס איז נאָך דערביי געווען איניגע פון זייערע פריינדינעס, איז שוין גאָר געווען חי געלעבט.

ארום און ארום האָט מען שוין געטאַנצט, פאַרלעך האָבען זיך פאַרפלאַמטע געדרעהט, די מוזיק האָט הילכיג אָפּגעקלונגען

איבער'ן גרויסען האָל. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די שטי־מונג פון די פיער, וועלכע האָבען גאָר פארגעסען, וואו זיי געפינען זיך. זיי זענען אין גאַנצען געווען אריינגעטאָן אין זיך, אין זייער אייגענע וועלט, אין זייערע אייגענע פריידען און ליידען, וואָס זיי האָבען צוזאַמען געגאָסען דורך דער צייט פון זייער לאַנג־יאָהריגער נאָהענטסטער און אינטימסטער פריינדשאַפט. און די אַנדערע וועלט, וואָס האָט גערוישט און געטומעלט ארום זיי איז זיי גאָר ניט אָנגעגאַנגען. ווייט און פרעמד איז פאַר זיי געווען די מינוט, די אַנדערע וועלט, וואָס האָט זיך אומגליקליכערווייזע אריינגעריסען און געוואָלט צעשטערען זייער אַליין־געשאַפענע שעהנע און גייסטיגע וועלט. — — — — — — — — — — — —

— צו דער חופה! צו דער חופה! אַוואו איז ערגעץ דער חתן? לאָז מען געהן צו דער חופה — האָבען זיך פּלוצלינג דערהערט אויסרופען — און פון אַלע זייטען האָט מען זיך א לאָז געטאָן צום חתן.

דער חתן האָט זיך א כאַפּ געטאָן, געוואָרפען ארום זיך א פּאָר טעמפּע און גלייכגילטיגע בליקען, און ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, איז ער א ווײלע שטעהן געבליבען פעסט און ענטשלאָסען, ווי א שטאָלצער פאראורטיילטער. און דאָן זיך געלאָזען געהן מיט די אונטערפיהרער צו דער חופה.

די דריי גוטע ברידער האָבען איהם שטום און באַוואונדערנד נאָכגעקוקט.

— לאָמיר איהם גאָר באַזינגען! — האָט אין א ווײלע ארום איינער פון די חברה שטיל א זאָג געטאָן.

— געהט עס! — האָט דער צווייטער אָפּגעענטפערט.

דער דריטער האָט אָנגעהויבען:

פיער גוטע ברידער זענען מיר געווען,
האָבען מיר געהאַנדעלט מיט בליי,

האָבען די אַנדערע שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט נאָכ־געזונגען:

איז איינער פון אונז געשטאָרבען,
זענען מיר געבליבען דריי...

דאָבריק

זיים דאָבריק, א בחור פון א יאָהר אכט און צוואַנציג, האָט אָנגעפאַנגען ערענסט צו דענקען וועגען חתונה האָבען, האָט ער זיך אין גאַנצען אומגעביטען. זיין פּנים האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון איינעם, וואָס איז ערענסט פּאַרטראַכט איבר א וויכטיגע פראַגע אין לעבען, א פראַגע, וואָס איז ביז איצט פרעמד געווען פון זיין געדאַנק, און ווי די זאַך זאָל ניט זיין, גוט אָדער שלעכט, באַדאַרף עס געשעהן און עס מוז געשעהן.

ביז דער צייט איז דאָבריק געווען א פרעהליכער, א לעבעדיגער יונגערמאַן, וועמען עס איז גאָר קיינמאָל אויפ'ן זינען ניט געקומען אזא זאַך ווי חתונה האָבען. ער האָט געאַרבייט און פאַרדינט און געזוכט אויסצונוצען דעם לעבען, ווי ער האָט געקענט און עס האָט זיך געלאָזען. באַקאַנטשאַפט, וואו אַריינצוקומען און פאַר־ברענגען די פרייע צייט, האָט איהם ניט געפעהלט. איבערהויפּט צו פרויען האָט ער געהאַט א באַזונדערען מזל. זיין שטענדיגע זאָרגלאָזיגקייט האָט ניט דערלאָזען די עלטער זיך באַזעצען אויף זיין פּנים. ער האָט אויסגעוויזען יונג און פול מיט לעבען. פון זיינע חכמות און גלייכ־ווערטלעך האָבען די פרויען גאָר אָנגעקוואָ־לען. ער איז געווען זייער ליעבלינג; זייער שטיפער, לאַבער און זינ־גער. אין זיין געזעלשאַפט האָבען זיי זיך געפיהלט פרעהליך און אויפגעלעגט.

מיט עפּעס ערענסטעס האָט זיך דאָבריק קיינמאָל ניט אָפּגעגע־בען און קיינער האָט איהם ערענסט ניט גענומען. זיין איינציגער געדאַנק איז געווען, וואָס מעהר צו פאַרברענגען.

שוין פון א לענגערע צייט אָבער, האָט זיך ביי דאָבריק׳ען אומבאוואוסטזיניגערהייט אריינגעגנב׳עט א געדאנק, וואָס האָט איהם שטארק געמוטשעט און איהם קיין רוה ניט געגעבען: מען באדארף און מען מוז הייראטען. און כאָטש ער האָט זיך אליין אויסגעלאַכט פון אזא משוגה׳דיגען איינפאל און פרובירט אָנגעהן מיט זיינע אַלטע שטיק, איז דער געדאנק פון איהם דאָך ניט אָפּ־געטראָטען. ווי אין אייזערנע צוואַנגען האָט ער איהם געהאַלטען און ניט דערלאָזען זיך פון איהם ארויסרייסען.

אונטערגעבען זיך האָט אָבער דאָבריק נאָך אַלץ ניט געוואָלט. ער האָט געזוכט זיך איינצורעדען, אז עפּעס א משוגע׳נע שעה איז אויף איהם אָנגעקומען, וועלכע וועט באַלד פאראיבער און ער וועט ווייטער בלייבען א בחור ווי געווען און — זאָל א רוח אין דער וועלט׳ס טאטען אריין.

אָבער וואָס מעהר ער האָט געזוכט זיך אליין אָפּצונארען, אַלץ מעהר איז דער געדאנק וועגען הייראטען צו איהם צוגעשטאנען און איהם געמוטשעט מיט פארשידענע פראגען: וואָס וועט זיין דער סוף? דער תכלית? וועט ער זיך שטענדיג אזוי ארומ־דרעהען היימלאָז און זיין נע־ונד? און לוינט זיך איבערהויפּט צו פארבלייבען אן אַלטער בחור און קיינמאָל ניט געניסען דעם טעם פון אמת׳ע ריינע, אויפריכטיגע ליעבע?

און וויפיעל ער האָט די פראגען ניט פרובירט פארענטפערען מיט אזוינע תירוצים ווי, אז די ליעבע איז פאלש, אז אמת׳ע טרייע ליעבע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, אז א ווייב איז ניט מעהר, ווי א הויקער אויפ׳ן פּלייצע, וועלכען מען מוז אויף זיך שלעפּען דעם גאנצען לעבען, און אז קינדער איז גאָר אין גאנצען ניט כדאי צו האָבען ווייל זיי פארשטערען נאָר דאָס לעבען, האָט עס איהם אָבער ווייניג געהאָלפען.

ביסלעכווייז האָט דאָבריק גענומען איינזעהן, אז ער האָט דאָ צו קעמפּפען מיט עפּעס, וואָס איז פיעל שטארקער פון איהם, מיט עפּעס, וואָס דאָס לעבען און די נאטור האָט אזוי איינגעאָרדענט. און קעמפּפען געגען דער נאטור האָט ער זיך געפיהלט מאכטלאָז...

דאן איז איהם איינגעפאַלען צו מאכען מיט׳ן לעבען א קאמ־

פראַמים. ס'הייסט חתונה האָבען וועט ער נאָך דערווײַל ניט, נאָר אויב די שעה זאָל ניט זיין, ער וועט ווען עס איז באזיעגט ווערען פונ'ם געדאנק און ער וועט זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען, זאָל ער דאַן ניט מוזען אָנהויבען גאָר פון אָנהויב. ער מוז שוין אויסזוכען דאָס מיידעל, וואָס זאָל איהם געפעלען און וועלכע זאָל ווערטה זיין איהם צו האָבען פאר א מאַן.

אז אזעלכע וועט איהם ניט שווער זיין צו געפינען, איז גאָר ביי איהם קיין צווייפעל ניט געווען. ס'טייטש, ווער וועט עס ניט נעהמען דאַבריק'ן? — האָט ער געטראַכט — איהם, דאַבריק'ן, פאר וועמען אַלע מיידלעך, און אַלע ווייבלעך, ווערען די כפרה. יעדע, דאַכט זיך, וועט זיך שעצען גליקליך איהם, דאַבריק'ן, פאר א מאַן צו האָבען.

און דאַבריק האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען פאר זיך א מיידעל. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו אַלע זיינע באַקאַנטע מיידלעך, פון וועלכע ער האָט זיך צוליעב זיין לעצטען אומגליקליכען געדאַנק אויף א שטיקעל צייט אָפּגעריסען.

אומגעקערט האָט ער זיך צו זיי שוין ניט מעהר דער אייגענער דאַבריק, נאָר אַן אַנדערער. ער האָט מעהר ניט געהאַט דעם מוט און די פרעהליכקייט פונ'ם פריערדיגען דאַבריק. דער חנ'עוודיגער קאָקעטישער שמייכעל, וואָס האָט שטענדיג ארומגעשוועבט אויף זיין יונגען זאָרגלאָזען פנים איז פארשוואונדען. זיינע אויגען האָבען מעהר ניט געהאַט יענעם ליידענשאַפטליכען גלאַנץ, וואָס האָט איהם געמאַכט אזוי אַנציהענד ביי פרויען. עפּעס האָבען יעצט זיינע בליקען געקוקט אויף יעדער זאַך ערענסט און פארטראַכט, ווי זיי וואָלטען עפּעס געזוכט, געפאָרשט... און האָט ער אָנגעשטעלט זיינע בליקען אויף איינע פון די באַקאַנטע מיידלעך, מיט וועלכע ער איז, דאַכט זיך, שטענדיג אזוי נאָהנט און פריינדליך געווען, און זיינע בליקען פלעגען איהר שטענדיג צוציהען — האָבען זיי איצט געמאַכט דעם פארקערטען איינדרוק.

דאָס זעלבע מיידעל פלעגט זיך איצט, ווי דערשרעקען פאר זיינע בליקען, און שנעל פון איהם זיך אָפּקערען, ניט קענענדיג איהם קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

„וואָס זאָל דאָס באַדייטען?“ — האָט זיך דאַבריק געוואונ־דערט — און געמיינט האָט ער, אַז דאָס מיידעל מאַכט שפּאַס. ער האָט פּרובירט צוגעהן צו איהר נעהנטער, אָנגעהמען איהר פאַר׳ן האַנט, אַ גלעט טאָן איהר איבער׳ן באַק — זאַכען, וואָס זענען שטענדיג געווען ביי איהם אַ קלייניגקייט, און זי פלעגט זיך קיינמאָל ניט באַליידיגען, פאַרקערט, זי פלעגט איהם נאָך שענקען אַ דאַנקבאַרען צופרידענעם שמייכעל. איצט אָבער, האָט זיך דאָס מיידעל געפיהלט זעהר שטאַרק באַליידיגט.

זי האָט אויף איהם אויסגעשטעלט איהרע אויגען אַז עס האָט איהם אַזש אַ שטאָך געטאָן.

„מיסטער דאַבריק! — האָט זי באַליידיגט אויסגעשריען, מאַכענדיג דערביי אַן אָנשטעל, ווי זי זעהט איהם איצט צום ער־שטען מאָל, — איהר זאָלט נאָך אַמאָל אייערע הענט האַלטען ביי זיך, איך ליעב ניט אַזעלכע זאַכען“...

דאַבריק פלעגט בלייבען שטעהן ווי אַ נאַר מיט ברייטע אויפ־געעפענטע אויגען מיט אַ פראַגע־צייכען אויף זיינע פאַרביסענע ליפּען.

אַזעלכע טרויעריגע ערפאַרונגען האָט דאַבריק געהאַט אַ סך, און נאָך יעדער אַזאַ ערפאַרונג איז ער אַלץ ערנסטער געוואָרען און פאַרטראַכטער.

און וואָס ערנסטער און פאַרטראַכטער ער איז געוואָרען, אַלץ אָפטער זענען געווען זיינע מיסערפאָלגען.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דאַבריק האָט זיך אַליין אָנ־געהויבען צו פאַראַכטען.

„דאַבריק! — האָט ער ניט איין מאָל זיך אַליין געזידעלט אין געדאַנק — דאַבריק! דער טייפעל זאָל דיך נעהמען! וואָס איז מיט דיר געוואָרען? ביזט דאָך, דאַכט זיך, דער זעלבער מענש, מיט די זעלבע הויט, מיט׳ן זעלבען פּנים, די זעלבע אויגען, פאַר וואָס האָט זיך אַלץ אַזוי אומגעדרעהט, פאַר וואָס?“

און געקוקט האָט ער בשעת־מעשה אין שפּיגעל, געזוכט עפּעס אַ חסרון, אַ שפּרינקעלע אויף זיין הויט, אויף זיינע קליידער, אָבער

ער האָט אויך קיין פאַל ניט געקענט אויסגעפינען אַזעלכעס, וואָס זאָל איהם אונטערשיידען פון פריהער ביז יעצט.

א צייט איז אוועק.

דאָבריק האָט שוין ניט איין מאָל די געלעגענהייט געהאַט אויסצוגעפינען, אז חתונה האָבען אפילו אויף אַן אמת איז גאָרניט אַזוי לייכט.

מיט יעדען טאָג, וואָס איז פאַרגאַנגען, איז ער אַלץ אומעטיגער און טרויעריגער געוואָרען. ער איז אין גאַנצען אראָפּגעפאַלען פון מוט. ער האָט זיך דערפיהלט עלענד און אומגליקליך און מעהר פון אַלץ פאַרצווייפעלט.

ער האָט מעהר ניט געקענט קומען אין א געזעלשאַפט פון פרויען, פון וועלכע ער זאָל ניט אוועקגעהן צוריק מיט א פאַרוואונדעט הארץ, כאָטש אַנגעווענדעט האָט ער אַלע מעגליכקייטען זיי צופרידען צו שטעלען, האָבען זיי דאָך שוין אויסגעפונען אַזעלכע וועגען, ווי איהם צו קרענקען און באַליידיגען.

ערגער פון אַלץ איז איהם געווען, וואָס ער האָט זיך געשעהמט פאַר עמיצען אויסצודערצעהלען זיין ביטער הארץ. זיינע גוטע־ברידער וואָלטען אין איהם א נקמה געהאַט. „דאָבריק קנאַקער!“ — ווי זיי האָבען איהם גערופען.

אָבער שווייגען האָט ער אויך ניט געקענט. ער האָט געפיהלט, ווי ער ווערט דערשטיקט פון וועהטאָג און הארץ־קלעמעניש. איהם איז קיין זאַך מעהר ניט איינגעגאַנגען. ער האָט ניט געקענט עסען, ניט שלאָפען. גאַנצע טעג איז ער געשטאַנען ביי דער ארבייט ווי צודולט, און גאַנצע נעכט האָט ער זיך געוואָרפען אויפ'ן געלעגער און מיט קיין אויג ניט געקענט צומאַכען, טראַכטענדיג און קלערענדיג פון זיינע לעצטע מפלות.

איינמאָל א פאַרנאַכט. דאָבריק האָט ארומגעוואַנדערט איבער די גאַסען אַהן א וועג און אַהן א ציעל. עפּעס האָט ער גע־קוקט, געזוכט מיט די אויגען, אַליין ניט וויסענדיג וואָס און וועמען. פאַרביי איהם האָבען זיך דורכגעריסען מחנות מענשען, וועלכע

זענען האסטיג געלאָפען פון דער ארבייט. די גאַס איז געווען שווארץ פון געדיכטקייט און עס האָט זיך געדאַכט, ווי עפּעס א שווערע משא קייקעלט זיך אריבער פון איין זייט צו דער אנדערער.

מיט אמאָל האָט דאָבריק צווישען דער גרויסער געדיכטער מאַסע עמיצען דערזעהן. דאָס איז געווען הערמאַן, איינער פון די ארבייטער, וואָס האָבען געארבייט מיט איהם, דאָבריק'ן, אין איין שאַפּ, און וועלכען אלע האָבען געהאַלטען פאַר א קלוגען און ערליכען יונג.

דערזעהענדיג הערמאַנ'ען האָט זיך דאָבריק איצט מיט איהם זעהר דערפרעהט. עס איז איהם איינגעפאַלען, אז ער, הערמאַן, איז די ריכטיגע פּערזאָן, צו וועמען ער קען זיך פארטרויען... ער וועט איהם אלץ דערצעהלען און פרעגען ביי איהם אַן עצה.

— איך האָב עפּעס מיט דיר צו רעדען, הערמאַן — האָט דאָבריק זיך געווענדעט צו הערמאַנען. — כ'וואָלט וועלען, ברודערל, זאָלסט זיך מיט מיר א ביסעל דורכגעהן.

— וואָס עפּעס איצט? זעהסט דאָך, אז איך געה איצט פון דער ארבייט; אנ'אנדערש מאָל — האָט איהם הערמאַן גע־ענטפערט גוטמוטיג, אַנקוקענדיג איהם עפּעס מאָדנע פארוואונ־דערט.

— ניין, ניין, איצט... שוין... מוזט עס מיר טאָן... כ'האָב עפּעס מיט דיר נויטיגעס צו רעדען שוין... באלד... פארשטעהסט...

הערמאַן האָט איהם באַקוקט פון אויבען ביז אראָפּ, ווי ער וואָלט איהם ניט דערקענט, נאָר ער איז מיט איהם געגאַנגען. זיי זענען צוגעקומען צו א דערבייאיגען פּארק און זיך געזעצט אויף א באַנק.

דאָבריק האָט געמאַכט פארשידענע גרימאַסען מיט די הענט, מיט'ן מויל, אָבער א וואָרט איז איהם שווער געווען ארויסצוברענ־גען. עס איז קענטיג געווען, אז ער ווייס ניט, ווי ער זאָל דאָ אָנהויבען.

— הערמאַן, ברודער! — האָט ער ענדליך ארויסגעפּלאַצט — דו זעהסט, איך האַלט דיך פאַר מיין גוטען פריינד, כ'וועל דיר

אלץ דערצעהלען, אבער איך בעט דיר עס זאל ביי דיר בלייבען א סוד. זאגסט עס מיר צו?

— יא, — האט הערמאן איהם פארשפראכען.

— גוט, איך גלויב דיר, איצט הער מיך אויס.

און דאבריק האט איהם אלץ דערצעהלט... זיך פאר איהם מודה געווען וועגען זיין געדאנק, וואס איהם האט די לעצטע צייט געמאטערט, און פון וועלכען ער קען זיך בשום אופן ניט באפרייען. פון די צרות, וואס ער האט די לעצטע צייט אויסצושטעהן ביי די פרויען, וועגען די נידערלאגען, קראנקענישען און וועהטאגען, וואס זיי פארשאפען איהם אויף טריט און שריט, כאטש ער ווייס ניט פאר וואס און פאר ווען זיי זענען זיך אן איהם אזוי נוקם... ער האט דאכט זיך, קיינעם פון זיי קיין שלעכטס ניט געטאן, און ער פארשטעהט ניט, וואס זיי האבען צו איהם. ער איז שוין באלד א האלבער מענש געווארען, ער פיהלט, ווי ער ווערט משוגע...

דאבריק האט מעהר ניט געקענט רעדען. ער איז געבליבען שטעהן טרויעריג, דעם קאפ ארונטערגעלאזען און אין זיינע אויגען האבען זיך באוויזען טרערען.

— הערמאן! — האט ער קוים נאך א לענגערען שטיל־שוויי־גען ארויסגערעדט, אויפהויבענדיג די אויגען צו איהם, ווי צו איינעם, פון וועלכען מען האפט, אז עס וועט באלד קומען די ישועה — הערמאן, דו זעהסט, איך האב דיר אלץ דערצעהלט, איך האלט דיר פאר א קלוגען בראווען יונג... אפשר קענסטו מיר עפעס א ביסעל קלאר מאכען אט די זאך. ביזט דאך עפעס, ווי זיי רופען דיר דארט אלע, אן אינטעליגענט, ווייסט דאך עפעס מעהר אין די זאכען, איך פארשטעה עס ניט, מיין מוח באגרייפט עס ניט, גיב עפעס, ברודערל, אן עצה, — האט ער דערענדיגט טרויעריג.

הערמאן האט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, אויף זיין פנים האט זיך באוויזען א קלוגער אויסדרוקספולער שמייכעל, ווי ער וואלט זאגען: אט האסטו דאך אמאל באדארפט צו מיר אנ־קומען. נאכדעם האט ער זיך א ווײלע פארטראכט, א קוק געטאן אויף דאבריק'ס פארצווייפעלטען פנים און האט איהם געזאגט:

— ביזט, דאבריק, א גרויסער שוטה! וואס פארשטעהסטו

דאָ ניט? וואָס איז דאָ פאַראַנען צו פאַרשטעהן? פריהער איידער עפּעס האָסטו, איינער, געקלערט וועגען אַלע, איצטער קלערען אַלע וועגען דיר איינעם. דאָס איז דערפאַר, וואָס אַנשטאָט צו זיין אַ פרעהליכע לוסטיגע קעלבעלע, מיט וועמען אַלע האָבען זיך געקענט אַ שפּיעל טאָן, אַ שטיעף און אַ לאַך טאָן, ביזט איצט געוואָרען אַן ערענסטער פאַרטראַכטער אָקס, וועלכען מען האָט אַרויסגעפיהרט אויפ'ן גאַס צום פאַרקויפען... ביזט אַ געזונדטער אָקס, אַ שטאַרקער אָקס, קענסט שלעפּען גוט די שווערע משא... דערפאַר וויל דיר יעדע איינע קויפען... און זיי זענען אייפערזיכטיג איינע אויף די אַנדערע, לאָזען זיי דערפאַר צו דיר אויס זייער ביטערניש און גאַל. פאַרשטעהסטו שוין צי ניט?

הערמאַן איז שטיל געבליבען. ער האָט געקוקט אויף דאַבריקען צו זעהן דעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבען אויף איהם געמאַכט.

דאָבריק איז געשטאַנען ווי אַ שילער פאַר זיין לערער און זיך צוגעהערט צו דער לעקציע, וואָס הערמאַן האָט פאַר איהם געהאַלטען. עפּעס האָט ער ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס ער מיינט מיט די ווערטער... עס האָט זיך איהם געבאָמבעלט אין מוח וועגען אַן אָקס מיט אַ קאַלב. וואָס הערמאַן אָבער וויל דערמיט אויספיהרען, איז פאַר איהם געווען צו טיעף צו באַגרייפען.

— ווי איך זעה, האָסטו מיך ניט פאַרשטאַנען — האָט הערמאַן איהם פּראָבירט געבען בעסער צו פאַרשטעהן — פרויען זענען דיר שטענדיג געוואוינט געווען צו זעהן אַ פרעהליכען, אַ לאַכעדיגען, מיט אַ פּאָר לעבעדיגע ברענענדע אויגען... מיט אַ שאַרפען צונג. פרויען האָבען ליעב אַזעלכע מענער, וואָס זאָל זיי אַ ברען טאָן מיט די אויגען, אַ זאָג טאָן אַ פּאָר וויצלעך, מעגען זיי אפילו זיין אָפּטמאָל ציניש און באַנאַל, דער עיקר עס זאָל זיי נאָר אמוזירען.

הערמאַן האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוהט און ווייטער גערעדט.

— דו, גוטער ברודער, האָסט געהאַט אַט די אַלע מעלות, דערפאַר האָבען דיר פרויען אַזוי געליעבט, דערפאַר האָסטו געהאַט ביי זיי ערפאָלג. עס מוז אָבער קומען אַ צייט, ווען דער ערענסט טרעט אַריין זאָגאַר אין דעם לעבעדיגסטען און זאָרגלאָזטען מענשען

און נעהמט איהם שטעלען פארשידענע פראגען: צו וואס לעבסטו? וואס איז דיין תכלית אין לעבען? און דו נעהמסט פיהלען, אז די טענות זענען דאך גערעכטע: טאקע, וואס וועט פון דיר ווערען? און וואס וועט פון דיר זיין? נעהמסט זוכען א תירוץ אט אויף די אלע פראגען און דו געפינסט ניט, ווערסטו אומגעדולדיג און צעטראגען, ביז דו ברעכסט צוזאמען.

— אבער איך פארשטעה נאך אלץ נישט — האט איהם דאבריק איבערגעשלאגען — וואס האט דאס אלץ צו טאן מיט חתונה האבען און מיט די צרות, וואס איך האב די לעצטע צייט?

— ביזט א בהמה! — איז שוין הערמאן געווארען אומגעדולדיג — וואס הייסט וואס עס האט צו טאן? שטעל זיך פאר, אז דו פיהלסט גוט און צופרידען, זעהט מען עס ניט אויף דיין פנים? דאס זעלבע איז פארקערט, ווען דו פיהלסט שלעכט, פארביטערט, שפיגעלט זיך עס אפ גלייך אין דיין אויסזעהן, אין דיינע אויגען, מען דערקענט גלייך, ווי דו ליידסט, ווי דו ביזט פול מיט וועהטאג. און דאס איז וואס מיט דיר האט לעצטענס פאסירט. די לעצטע צייט ביזטו באהערשט געווארען פון א געדאנק, וואס האט פון דיר צוגענומען די פרעהליכקייט, די זארגלאזיגקייט, און אין די אויגען פון די פרויען ביזטו איצט א קראנקער מענש, און ערגער פון אלץ איז דאס, וואס זיי האבען דערשמעקט די אורזאכע פון דיין קראנקהייט. נישקשה, פרויען האבען א גוט אויג, זיי זעהען און באמערקען אלעס. און נאך ערגער איז, וואס יעדע איינע וויל דיין דאקטאר זיין.

דאבריק האט איהם אויסגעהערט שטארק פאראינטערעסירט. עפעס האט ער שוין יא אנגעהויבען צו באגרייפען, אבער אין גאנצען קלאר איז עס נאך פאר איהם אלץ ניט געוועזן. נאר פארשטאנען האט ער אז הערמאן איז גערעכט...

— אבער, הערמאן ברודער! גיב אן עצה, ווי זאל איך איצט האנדלען און וואס זאל איך טאן די זאך צו פארריכטען? — האט דאבריק ארויסגערעדט אין א בעטענדער כמעט וויינענדיגער שטימע.

הערמאן האט אויף איהם א קוק געטאן, ווי א רבי אויף א

חדר־אינגעל. און אננעהעמענדיג איהם פאר׳ן האנט, האט ער אויסגערופען: — אן עצה פרעגסטו, ווי זאלסטו איצטער האנדלען? ווער א מענש ווי דו ביזט געווען בעפאר... ציה ארויף אויף זיך דיין אלטע פרעבע מינע, נעהם פראוועו דיינע אלטע שטיק נאר אויף א נייעם שטייגער. זינג, שפרינג און לאך און זאג דיר דיינע אלטע באנאלע חכמות. טרעט זיי אן אויפ׳ן פוס און ענטשולדיג זיך מיט א וויץ און אין דער זעלבער צייט זוך דיר דיין גליק. ערקלער זיך אין ליעבע, לאכענדיג, מיט א קניפ אין בעקעל, דאן פארזיכער איך דיר, אז דו וועסט צוריק געווינען דיין פארלארענעם ערפאלג. וועסט ווידער ווערען דער זעלבער אנציהענדער דאבריק און וועסט האבען די פארגעטערונג פון די פרויען, ווי געוועז. און אט אזוי וועסטו שוין במילא געפינען דיין צוקינפטיגע לעבענס־באגלייטערין.

הערמאנ׳ס לעצטע ווערטער האבען דאבריק׳ען אין גאנצען ווי צעמישט. וואס הייסט, ער זאל ווערען דער זעלבער ווי געוועזן? און וואס איז ער דען איצט, ניט דער זעלבער? ער האט איהם געוואלט ווענען דעם פרעגען, האט ער זיך אבער געשעהמט.

דאבריק האט אלץ אויסגעהערט, אבער צופרידען איז ער דאך ניט געבליבען. די אלע רייד — האט ער געטראכט — וואס הער־מאן האט דא אנגערעדט, זענען זיך טאקע גאנץ קלוגע, טיעפע ווערטער, אבער, וואס קענען זיי איהם העלפען צו זיינע איצטיגע צרות?

נאך דעם לענגערען געשפרעך, וואס דאבריק האט געהאט מיט הערמאנ׳ען, האט ער זיך אין גאנצען צוריקגעצויגען פון אלע זיינע באקאנטע. ער האט זיך אויסגעזוכט א נייעם שאפ, וואו מען קען איהם ניט, האט אנגעפאנגען איבער א נייעם צו ארבייטען. ער האט זיך מעהר מיט קיינעם אין שאפ ניט פאראינטערעסירט, ניט געזוכט קיינעמס באקאנטשאפט. שטילערהייט האט ער אפגעארבייט דעם טאג און פארנאכט זיך געלאזט געהן אליין אהיים. אויפ׳ן וועג פלעגט ער פריהער אריינגעהן עפעס אפעסען אין דעם נייעם רעס־טאראן, וועלכען ער האט אויסגעפונען און גלייך אוועק צו זיך אין צימער, וואו ער איז שוין פארבליבען דעם גאנצען אווענט.

צו וואָס איינענטליך ער טוט עס און וואָס ער האָט צו ערוואַר־טען פון אָט דעם נייעם סאָרט לעבען. דאָס האָט ער נאָך אַליין ניט געוואוסט. ער האָט אָבער געפיהלט, ווי ער דריקט דערמיט אויס אַ שטאַרקען פּראָטעסט צו אַלע זיינע באַקאַנטע פרויען, וועלכע האָבען איהם די לעצטע צייט אַזוי פיעל וועהטאָג און ליידען פאַרשאַפט. ער האָט געקלערט וועגען דעם, אַז ווען עס וועט אַזוי אַוועקגעהן אַ שטיקעל צייט און מען וועט איהם ניט זעהן, וועט ער זיי אָנפאַנגען פעהלען... מען וועט נעהמען נאָכפרעגען איינע ביי די אַנדערע אויף איהם, צי האָט איהם ווער ניט געזעהן, און מען וועט קלערען וואו ער איז אַהינגעקומען.

מען וועט נאָך איהם אָנהויבען בענקען, מען וועט איהם אָנ־הויבען זוכען, און, מעגליך, אַז ווען ניט איז וועט מען פּלוצלינג אָנקלאַפּען ביי איהם אין טיר און ווען ער וועט אָן עפען טאָן, וועט ער פּלוצלינג דערזעהן איינע פון זיינע באַקאַנטע מיידלעך, וועלכע וועט זיך זעהר דערפרעהען, ווען זי וועט איהם דערזעהן: העללאָ, דאָבריק! וועט זי מיט פרייד צו איהם די האַנט אויסשטרעקען. „וואָס איז דער מער, וואָס מען זעהט אייך ניט? מיר זענען דאָך אַלע אַזוי אומרוהיג וועגען אייך... מיר האָבען געדענקט, אַז מיט אייך האָט עפּעס אַן אומגליק געטראָפען, וואָס איהר ווייזט זיך ניט. איך האָב קוים אייער אַדרעס אויסגעפונען און בין געלאָפען צו אייך געוואָר ווערען".

און ער וועט זיך אַוועקשטעלען פאַר איהר שטאָלץ, שמייכ־לענדיג, מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגען: אָט האָסטו, שוועס־טערקע, דאָך געמוזט צו מיר קומען... ניין, ניין, אַ נאַר וועל איך זיין, קריכען צו אייך אַזוי אָפט אין די אויגען? אַוועק זענען שוין יענע צייטען!

און נאָכדעם וועט ער זי שווייגענדיג פאַר'ן האַנט נעהמען, זי צופיהרען צו אַ טשער און בעטען איהר זיצען. ער וועט האַלטען זיך קאַלט און גלייכגילטיג, ווי מעגליך, און נאָר דאַמאָלסט, ווען ער וועט שוין זעהן, אַז זיין האַלטונג און באַנעהמונג קרענקט איהר, טוט איהר וועה, אַז עס שטעלען זיך איהר אַזש טרערען אין די אויגען, וועט ער אַ ביסעל ענדערען זיין טאָן, ווערען ווייכער... ער

וועט צוגעהן צו איהר נעהנטער, ארומנעהמען זי און א פייערדינגען קוש טאָן איהר... מיט אזא קראפט, מיט אזא שטורעם...

טראכטענדיג וועגען דעם פלעגט דורך דאָבריק'ס קערפער דורכ־לויפען א ציטער, ווי פון א ווארימען, עלקטרישען שטראָם. עס פלעגט איהם הייס ווערען אין אלע גלידער, די אויגען פלעגען ביי איהם אויפגלאנצען און ער פלעגט זיך דערפיהלען שטארק, מונטער און דרייסט, ווי אין די אלטע גוטע צייטען. און א פארלאנג פלעגט איהם א כאפ טאָן ארונטערלויפען אין גאס, א לויף טאָן צוריק צו זיינע באקאנטע פרויען און נאָך מיט מעהר דרייסטקייט ווי אמאָל צו זיי צופאלען, צייגען זיי, אז ער, דאָבריק, איז נאָך אלץ דאָבריק, וועמען זיי האָבען אמאָל אזוי געליעבט און פארגעטערט. ער לעבט נאָך און וועט לעבען א גוטען טאָג זיי אויף צו להכעיס, און אז צום סוף וועט ער, דאָבריק, בלייבען דאס, וואס ער איז געווען. און זיי? זיי וועלען ווידער בלייבען שטיל און געהאָרכזאם, ווי געווען.

ער פלעגט אויפשפרינגען פון זיין אָרט און זיך לאָזען געהן צו דער טיר... מיט אמאָל אָבער פלעגט ער שטעהן בלייבען. ער האָט זיך דערמאָנט, אז עס איז שוין פאראיבער עטליכע וואָכען, זינט ער האָט זיך פון אלעמען אפגעריסען און דערווייל האָט זיך נאָך קיינער ניט באוויזען פרעגען אויף איהם. און מוטלאָז, אפהענדיג, פלעגט ער זיך צוריק אוועקזעצען און בלייבען פארזונקען אין טרויע־ריגע געדאנקען.

און געטראכט האָט ער וועגען דעם, אז אלע זיינע באקאנטע האָבען שוין גאָר אין גאנצען אן איהם פארגעסען. נאָר צייטענווייז, ביי א געלעגענהייט, רעדט מען אמאָל וועגען איהם, מען מאכט שפאס פון איהם און מען וויצעלט זיך אויף זיין רעכנונג. און „פילוב", איינער פון זיינע אמאָליגע באקאנטע, וועלכער פלעגט איהם אימער מקנא זיין פאר זיין ערפאָלג ביי די פרויען, מוז עס איצטער זיין דער הויפט־רעדנער און דער הויפט־וויצלער איבער איהם. ער רעדט און וויצעלט זיך און אלע מיידלעך לאכען...

און דאָבריק פיהלט, ווי עפעס א פארשטיקטער כעס נעהמט איהם ארום אויף פילוב'ען... איהם דאכט זיך, אז ער וואָלט איהם איצט צעריסען, ווען ער וואָלט אין זיינע הענט אריינגעפאלען.

די ציין דריקען זיך ביי איהם צוזאמען פעסטער און זיינע פינגער לעגען זיך צוזאמען אין פויסטען.

„איך וועל זיך נאך אמאל מיט דיר זעהן, וועל איך זיך מיט דיר אפרעכענען, שווארצער פילוב" — ברומט דאבריק אין דער שטיל און קריצענדיג מיט די ציין ווארפט ער זיך אין בעט אריין...

דער זומער איז אוועק.

אנגעקומען איז א פייכטער, אן אומעטיגער הערבסט, די אוועג־טען זענען געווארען גרויס און לאנגווייליג...

דאבריק איז די לאנגע אווענטען אפגעזעסען אליין ביי זיך אין צימער. ער איז אין ערגעץ ניט געגאנגען און קיינער איז ניט געקומען צו איהם.

ער איז געזעסען פאר׳מרה־שחורה׳ט און מיט האפנונגסלאזע בליקען געקוקט אויף די ליידיגע ווענט, וועלכע האבען איהם איצט אויסגעזעהן, ווי די ווענט פון א תפיסה. אויף זיך אליין האט ער געקוקט, ווי אויף אן ארעסטאנט, וועלכער האט זיך פריינוויליג איינ־געשלאסען, ניט געפינענדיג מעהר קיין אינטערעס אין דער פרייער אויסערליכער וועלט.

אוים לאנגווייליגקייט, ניט אפצוזיצען אזוי די אווענטען און גאר ניט צו טאן, האט ער א פאר מאל געהענדיג פון דער ארבייט, געקויפט א זשורנאל. קומענדיג אין הויז, האט ער פרובירט עפעס לעזען, אבער די אלע ארטיקלען מיט די אלע זאכען האבען איהם געקלונגען אזוי פרעמד, אזוי אומפארשטענדליך און אהן אינטערעס, אז ער פלעגט לעזענדיג איינדרעמלען, אדער ער פלעגט גלאט א שמייס טאן מיט כעס דעם זשורנאל אויף דער ערד, נאר ניט האבענ־דיג עפעס אנדערש צו טאן, פלעגט ער איהם אומצופרידען צוריק אויפהויבען און זיך ניט ווילענדיג נעהמען אין איהם ווידער אריינ־קוקען... דערביי זיך עפעס מאדנע משונה׳דיג צעשמייכלען, ווי ער וואלט זאגען: אי, דאבריק, דאבריק, צו וואס דו ביזט געקומען, אז דו באדארפסט זיך גאר מיט אזעלכע נארישקייטען אפגעבען...

אבער אין פארלויף פון א קורצער צייט האט זיך דאבריק ארומגעזעהן, אז לעזען איז גאר ניט אזא נארישקייט, ווי ער האט

געדענקט. עפּעס האָט ער אָנגעפאַנגען מערקען, אַז די אָוועגטען געהען ביי איהם אַוועק שנעלער און ניט אַזוי לאַנגווייליג. צו דער זעלבער צייט איז זיין מוח פאַרנומען געוואָרען מיט זאַכען, וועלכע זענען פאַר איהם ביז איצט געווען פון גאָר אַ קנאַפּען אינטערעס און ווערטה. ווען ער פלעגט האָבען עפּעס איבערגעלייענט, האָט ער געפיהלט, אַז די צייט איז ניט אַוועק מיט גאָרנישט. עפּעס האָט עס אין איהם געלאָזען אַזעלכעס, וואָס האָט איהם געגעבען די מעג־ליכקייט נאָכצודענקען. און דאָס נאָכדענקען איז ביי איהם געווען פון אַ גרויסען ווערטה, ווייל, ערשטענס, האָט עס איהם געמאַכט פאַרגעסען, אָן זיינע אַלע טראָבלען, און, צווייטענס, האָט ער פון דעם מין אַרט נאָכדענקען דערפיהלט אַ פאַרגעניגען, וואָס ער האָט ביז איצט ניט געפיהלט. עפּעס נייעס איז אריינגעטראָטען אין זיין לעבען, אַזעלכעס, וואָס ער האָט ביז איצט ניט באַגריפען.

און דאָבריק האָט אָנגעהויבען צו לעזען וואָס מעהר. גאַנצע אָוועגטען פלעגט ער אָפּזיצען און שטודירען די נייע תורה, וואָס איז פאַר איהם אַנטפּלעקט געוואָרען. און וואָס מעהר ער האָט גע־לעזען, אַלץ מעהר האָט עס איהם די אויגען געעפענט. און דערזעהן האָט ער פאַר זיך אַ נייע וועלט, אַ נייעם אַרט לעבען מיט נייע קעמפפע און שטרעבונגען. ער האָט אָנגעהויבען צו באַגרייפען, אַז די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט ביז איצט, איז געווען אַ פאַלשע, אַ פאַרפיהרטע, אַז זיין צייט איז אַוועק מיט גאָר־ניט, ווייל ניט דער אַרט לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט, איז אייגענטליך דער צוועק פונ'ם לעבען, אַז עפּעס שעהנערעס, העכערעס איז פאַראַנען.

דאָבריק האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ טיעפען הינער־פלעט. און געוואונדערט האָט ער זיך, וואָס ער האָט ביז איצט ניט באַ־מערקט דאָס, וואָס איז אַזוי נאָהנט געשטאַנען פאַר זיינע אויגען. ער האָט זיך געפיהלט זינדיג און פול מיט חרטה פאַר דער פאַרלאָ־רענער צייט, וואָס איז אַוועק מיט גאָרניט. ער האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין פאַר זיין פאַרגאַנגענעם לייכטזיניגען לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט, און געזוכט האָט ער פאַר זיין נשמה אַ תיקון... — — — — — — — — — — — —

ער האָט אָנגעהויבען קומען צו לעקטשורס, זיך צוהערען צו פארשידענע דיסקוסיאָנען איבער פארשידענע פראגען, גענומען אַן אנטייל אין אַלץ, וואָס עס האָט איהם פאראינטערעסירט, איז געוואָרען א טעטיגער מיטגליד פון א פּארטיי, געשלאָסען פיעל נייע באַקאַנטשאַפט.

די ערשטע צייט האָט דאָבריק, צוליעב זיין שטענדיגען פאר־אינטערעסירט זיין אין דער ארבייט פון דער פּארטיי, ווייניג אויפ־מערקזאַמקייט געשאָנקען צו אַלעס, וואָס האָט זיך געטאָן ארום איהם. אָבער ווען עס איז אריבער א שטיקעל צייט, האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומקוקען ארום זיך.

און דערזעהן האָט ער, אַז אויסער דעם, וואָס ער איז ארומ־גערינגעלט מיט פריינד, איז ער אויך ארומגערינגעלט מיט פריינ־דינעס, וועלכע שעצען און אכטען איהם.

און דערפיהלט האָט ער, ווי אין זיין הארצען האָט זיך עפּעס א ריר געטאָן, אין דאָבריק׳ען האָט ערוואַכט דאָבריק... אָבער ניט מעהר דער אַלטער דאָבריק — נאָר א נייער דאָבריק מיט נייע באגריפען און נייע געפיהלען וועגען דעם לעבען אין אַלגעמיין און פרויען באזונדער.

און דאָבריק האָט זיך אָנגעהויבען נעהנטער באקענען מיט זיי. זיי האָבען איהם אָנגעהויבען צו פאראינטערעסירען. ער האָט געוואוסט, אַז די מעהרסטע פון זיי זענען נאָך אומפאַרהייראַט. אויף מאַנכע פון זיי האָט זיך שוין די עלטער אויף זייערע פּנים׳ער איינגעקריצט אויף מאַנכע איז נאָך געלעגען שפּורען פון שעהנ־קייט און יוגענד.

דערמאָנענדיג זיך אָן די יוגענד, איז איהם מיט אַמאָל איינ־געפאַלען א קוק צו טאָן אין דעם קליינעם שפּיגעלע, וועלכען ער האָט שוין פון לאַנג ניט באנוצט. דערזעהענדיג זיין געזיכט, האָט ער א שוידער געטאָן און מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען, אַזוי פאר־עלטערט איז ער געוואָרען. זיין פּנים איז געווען דאַר און אָנגעצווי־גען, די אויגען טיעף אריינגעזעצט אין די לעכער און אויף די פּאָדערשטע טיילען אויף זיין קאָפּ האָבען זיך שוין גראָהע האָר באוויזען.

דאַבריק האָט זיך פאַרטראַכט:

די אַלטע פראַגע: „וואָס וועט זיין דער ציעל, דער תכלית?“ איז ווידער אַרויפגעשוואומען אויף זיינע געדאַנקען.

„די אַלטע פראַגע“ און דאָך האָט זי זיך איצט פאַר איהם אַוועקגעשטעלט אַזוי ניי.

איצט, ווען זיינע אַנשויאונגען אויף דער וועלט, זיין בליק אויפ'ן לעבען איז אַזוי ברייט, טיעף; איצט, ווען ער איז אַזוי וויים פון זיין אַמאָליגען לעבען, ווי ער איז פון זיינע אַמאָליגע פריינד און באַקאַנטע, וואָלט ער וועלען פאַרגעסען אָן דאָס, וואָס עס איז געווען אַמאָל, אָן אַלץ און אָן אַלעמען, וואָס דערמאָנט איהם אין זיין אַמאָליגען לעבען.

איצט ווען ער איז שוין פאַרעלטערט און מיעד...

דער טייפעל שפּיעלט דאָ מיט איהם אַ להכעיס טאַנץ.

עס איז געווען אָן אָוועגט.

דאַבריק איז מיט שנעלע טריט געגאַנגען איבער'ן גאַס, אַליין ניט ווי͏סענדיג, צו וואָס ער איילט זיך אַזוי. ער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטען וועג און גאַנג, וואו און צו וועמען צו געהן.

פּלוצלינג איז ער אַ ווײַלע שטעהן געבליבען.

עס איז איהם מיט אַמאָל איינגעפאַלען גאָר אַריינצוגעהן אַ ביסעל צו פאַניע'ן, אַ מיידעל, מיט וועלכער ער האָט זיך די לעצטע צייט זעהר נאָהנט באַקאַנט, אמת ניט קיין יונגע און ניט קיין שעהנע, דערפאַר אָבער זעהר אַ וואוילע און אַ קלוגע.

ער האָט טאַקע מיט איהר עפּעס צו רעדען.

ביי פאַניע'ן אין צימער איז געווען שטיל. זי איז געזעסען ביי אַ קליינעם טישעל, אויף וועלכען עס זענען געלעגען אָנגע־וואָרפען איינִיגע ביכער און צייטונגען און שטום אין זיי אַריינ־געקוקט.

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— האַ, דאָס זייט איהר גאָר, דאַבריק? — איז פאַניע מיט פרייד צו איהם צוגעלאָפען — וואָס פאַר אַ גאַסט! עס פרעהט

מיך זעהר אייך צו זעהן. איהר זייט געקומען ריכטיג אין צייט, ס'איז אזוי אומעטיג...

דאָבריק האָט אָנגעפאנגען רעדען וועגען פארשידענע זאכען, דיסקוטירט איבער פארשידענע פראגען. אין א קורצע צייט האָט זיך אָבער די טעמא געענדערט אויף נאָהנטערס און אינטימערס.

לאנג, לאנג זענען זיי אזוי געזעסען און גערעדט.

ווען עס האָט געגעבען דער ערשטער שפראָץ אויף טאָג און דער ערשטער זונען־שטראהל האָט זיך אריינגעריסען דורכ'ן פענס־טער, איז א שטראהל געפאלען אויף דעם פרעהליכען, גליקליכען פּארעל, וואָס האָבען זיך ארומגענומען, ווי צוויי יונגע קינדער, וועלכע הויבען ערשט אָן צו טרוימען פון לעבען...

אינהאַלט:

1. אין דער אַלטער היים

זייטע

ליבעלע דרך ארץ — 9
שלמה העכט — 16
בערל שוסטער — 20
לייזער בדחן — 25
נאָך אַן עצה — 28
פּריזיוּוניקעס — 34
אין קאַמיטעט — 43
טויבען — 49
שטיוועלעך — 55
דער ערשטער טאָג — 59
אין סאָד — 67
צאַפּניק — 72
פאַר׳ן אוועקפאָהר — 82
חנה — 93
די וואַרשאווער שנור — 98
דער נייער בית־המדרש — 106
ר׳ אשר — 117
חמצ׳דיגע מצה — 120

2. אין דער נייער היים

שמערל דער לאַנגער — 125
נאָך דער אַרבייט — 134
ניט ווי אַלע טעג — 139
אַן אַ זייט — 143
אין נאַיט סקוהל — 147
דער ווייסער סוט — 150
אַ חלום — 154
אין איינזאַמקייט — 159
היים־וועה — 168

3. מאַן און ווייב

מאַן און פרוי — 175
אונזערע מענשען — 178
אין דעם נאָמען פונ׳ם קינד — 182
צוגאַסט ביי זיין ווייב — 187
די לעצטע נאַכט — 193
צוריק אַהיים — 199
דעם קינסטלער׳ס ווייב — 202
איהר קליינע באַשיצערין — 207
אין שרעק פאַר זיך — 211
אַ ליגען — 217
ווען איהר מאַן ארבייט ניט — 222

4. מיידלעך

ברוגז — 227
בעטגעוואַנט — 230
איהר לעצטער טאָג אין שאַפ — 235
אונטער דער מוטער׳ס השגחה — 242
דער אויסגעגריזטער ברודער — 248
דאָס היימישע ווינקעל — 253
ווען מען ליעבט — 257
נאָכ׳ן טאַנץ — 262
אַ מיידעל ספאָרט — 266
מיט זיך אַליין — 270
אומשטענדען — 273

5. בחורים

דער פאַרשפעטיגטער — 283
ווען די ליעבע רעדט — 287
אויפ׳ן באַל — 293
אַ חתן — 299
דאַבריק — 304